STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07153

YERUSHOLAYIM

Jacob Hellman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד"ר י. העלמאן

ירושלים

ארויסגעגעבן פון דער
קהילה פון בוענאָס איירעס

דורכן פאַרלאַג ש. סגל

תשי"א

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine

Derechos reservados
Hecho el depósito de ley

Dr. Jacob Hellmann

JERUSALEM

Publicado por la
Comunidad de Buenos Aires

EDITORIAL S. SIGAL
CORRIENTES 2854 BUENOS AIRES

פון די אַרויסגעבער

„ירושלים", דאָס לעצטע ווערק פון דר. יעקב העלמאַן, זיין לעבנס-ווערק, איז געשריבן געוואָרן אין טעג פון גוואַל־דיקער שפּאַנונג פאַר מדינת ישראל און פאַרן יידישן פאָלק אין דער גאָרער וועלט. אויפן סדר-היום פון די פאַרייניקטע פעלקער איז דעמאָלט געשטאַנען די פראַגע פון דער אינ־טערנאַציאָנאַליזאַציע פון דער אַלטער און נייער שטאָט, אַ זאַך וועגן וועלכער מ'רעדט שוין איצט ניט, הגם עס איז נאָך ניט געפּאַסט געוואָרן דער אָפיציעלער באַשלוס.

אָבער, אויב ירושלים — די אַלטע און די נייע, — איז פאַר די אומות העולם אַ פּאָליטישע פּראָבלעם, איז זי פאַר אונדז יידן, פון תמיד ביז דער אייביקייט, אַ זאַך פון קדושה וואָס קען בשום אופן ניט אָפּגעריסן ווערן פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין ארץ ישראל. און נאָר ווען ירושלים וועט זיין אינגאַנצן אונדזערע פיזיש, ווי זי איז עס גייסטיק, וועלן מיר קענען געפינען רו.

די יידישע קהילה פון בוענאָס איירעס, וועלכע איז פאַר־וואָרצלט אין אַרגענטינער באָדן און פאַרבונדן מיטן אַר־געטינער פאָלק, ווייזט אַרויס אַ טיפן אינטערעס צו אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט יידישע פּראָבלעמען און מיטן יידישן לעבן, אויף אַלע שטחים און געביטן. מיר האָבן געזען אין דעם פאַרליגנדיקן ספר פון דר. יעקב העלמאַן ז"ל, אַ ווערק פון אויסערגעוויינטלעכן גייסטיקן פאַרנעם און באַדייט, וואָס איז עלול אַריינצוברענגען קלאָרקייט וועגן אַ סך באַ־

גריפן און שטארקן אונדזער נאציאנאלן באוווסטזיין. מיר האבן דעריבער באשלאסן צו נעמען אויף זיך די מיסיע פון ארויסגעבן אט דעם בוך, וואס זאל זיין אונדזער ביישטייער פאר דער אויפקלערונג פון דעם גאנצן קאמפלעקס פון פראבלעמען וואס זיינען פארבונדן מיט דער עיר הקודש.

די דאזיקע ארבעט אונדזערע, פון ארויסגעבן דאס ווערק „ירושלים", איז גלייכצייטיק א פארדינטע באערונג פון דער יידישער קהילה פון בוענאס איירעס פאר דעם מחבר פון ספר. דר. יעקב העלמאן ז"ל האט פארצייכנט א תקופה אין דער געשיכטע פון ארגענטינער יידנטום. עס איז ביי אונדז געבליבן זיין גוף, וואס וועט אין א נאענטער צייט אריבערגעפירט ווערן אין דער אייביקער שטאט; ער האט אבער אויך איבערגעלאזט ביי די יידן פון ארגענטינע א שטיק פון זיין נשמה און גייסט, דורך אן אינטענסיווער נאציאנאלער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט אין די טרויעריקע יארן פון די גרעסטע רדיפות און פארניכטונג פון אונדזערע ברידער מעבר לים.

אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן, איז דר. העלמאנס כסדרדיקער חלום געווען צו זען פארעפנטלעכט זיין „ירושלים". זאל די דאזיקע אויסגאבע פון זיין ווערק דורך דער יידישער קהילה פון בוענאס איירעס, זיין דער אנדענק פון ארגענטינער יידנטום, וואס באערט דעם שטארקן און קעמפנדיקן גייסט פון דר. יעקב העלמאן ז"ל, און איז א טרייער אויסדרוק פון דרך ארץ און ליבע פון זיינע אומצאליקע פריינט.

דר. משה סלינין

פרעזידענט פון דער יידישער קהילה פון בוענאס איירעס.

און זאָל זיין דער ספר „י ר ו ש ל י ם"
יתגדל ויתקדש

...און איינגעזאַפּט זאָל בלייבן אין ספר
אַ טרער
אויף דער טראַגעדיע פון מיין ברודער
יצחק און זיין פאַמיליע
מיינע שוועסטערן
זאפיע, זשעני, מינא און אסתר
מיט זייערע פאַמיליעס
וועלכע זיינען אומגעקומען אין היטלער־
גיהנום פון רינא און עסטלאַנד
צוזאַמען מיט מיליאָנען קדושי־ישראל.

באַגלייט־ און אַריינפיר־וואָרט

ניט ווי אַ ספר איז לכתחילה פאַרטראַכט און אָנגע־צייכנט געוואָרן די אַרבעט וועלכע ווערט דערמיט איבערגע־געבן דער עפנטלעכקייט.

עס איז אַ סעריע פון ציַיטונגס־אַרטיקלען, דערשינען אין „די אידישע צייטונג" און געשריבן אונטער דער השפעה פון דער אונ"א־דעבאַטע.

אין דער בוך־פאָרם זענען פאַרבליבן געגוג סימנים וועל־כע מאַניפעסטירן אַז די איינצעלנע קאַפּיטלען זענען ניט איינ־הייטלעך געשריבן, הגם בכלל זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן געוויסע מער אָדער ווייניקער וויכטיקע שינויים, וועלכע לייגן אַרויף אויף דער אַרבעט אַ חותם פון אַ צוזאַמענהענ־גענדן ווערק.

דער מחבר האַלט פאַר זיין חוב צו אונטערשטרייכן אַז דאָס אַרויסגעבן פון ספר איז ניט אַרויסגעקומען פון זיין אייג־גענער איניציאַטיוו.

מערערע פריינט האָבן סטימולירט און פאַרווירקלעכט דאָס דערשיינען פונעם בוך, אפנים ווייל זיי האָבן עס גע־האַלטן פאַר אַן אויפטו.

בראש פון אַלעמען איז דאָס געווען דער דירעקטאָר פון „די אידישע צייטונג" גופא, מיין פריינט מרדכי סטאָליאר, וועלכער האָט מיט אַ באַזונדערער ענערגיע אָנגענומען מיט־לען אַז פאַר דער אַרבעט זאָל זיין געזיכערט אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

אים האָבן, אין דער איינער אָדער אין דער אַנדערער פאָרם, אונטערשטיצט מענער ווי יצחק קאַפּלאַן, הירש טריוואַקס, און אַנדערע פריינט.

אַז די יידישע קהילה פון בוענאָס איירעס, מיטן פּרעזי־דענט ד"ר מ. סליניו און דעם סעקרעטאַר צ. פיינגערש בראש, האָט אויף דער סוגעסטיע פון די דערמאָנטע פריינט באַ־שלאָסן איבערצונעמען די אויסגאַבע אויף איר חשבון, איז פאַרן מחבר אַ באַזונדערער כבוד, בפרט ווען מען נעמט אין אַכט דעם טיפן אינטערעס און די פיינע פאַרשטענדעניש מיט וועלכן די קהילה־ליטונג, אונטער ד"ר סליניס פּרע־זידענץ, שאַצט אָפּ און דאגהט פאַר דער רעאַליזירונג פון יעדן אָנהויב און יעדער איניציאַטיוו וואָס איז מסוגל צו באַ־רייכערן יידיש שאַפן און ליגט אויפן שליאַך פון נאַציאָנאַל־יידישע אַספּיראַציעס.

אַז אייניקע פון מיינע פריינט ווי מאַקסימאָ לעווין, דוד גראָסמאַן און אַנדערע האָבן אויך פון זייער זייט אויף זייער אייגענער איניציאַטיוו געפּלאַנעוועט די אויסגאַבע פונעם בוך זאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

אַ יישר כוח יוסף מענדלסאָן, א. ל. שוסהיים און ט. אַלעסקער, וועלכע האָבן געשטעלט אין מיין רשות געוויסע ספרים וואָס זיינען נויטיק געווען פאַר דער אַרבעט. ביי דעם דוחק פון יידישע ספרים דאָ אין לאַנד איז דאָס פאַרן מחבר געווען אַ באַזונדערע דערלייכטערונג.

ווען מיר דערמאָנען דאָ פריינט און חברים איז דאָס נים נאָר צוליב דעם וואָס זיי קומט אַ יישר כוח, נאָר קודם כל צוליב דעם וואָס דער מחבר וויל אַז דער ברייטער עולם

זאָל וויסן אַז ער איז נישט דער איינציקער וואָס טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן העזהדיקן פאַרמעסט אַרויסצו־געבן אַ ספר וועגן ירושלים.

⁂

דער תכלית פונעם ספר איז אַרויסצוברענגען אַז זינט ירושלים האָט זיך אַריינגעגאָסן אינעם קאָנצעפּט פון יידנ־טום, פון יידיש־לעבן און פון יידישער געשיכטע, איז זי אָרגאַ־ניש צונויפגעוואַקסן מיט דער נשמה, מיט דער שאַפונג און מיטן לאַנד פון ישראל אין אַ פאָרם ווי קיין שטאָט איז קיינ־מאָל ניט געווען און איז ניט היינט פאַרבונדן מיט קיין שום פאָלק און מיט קיין שום לאַנד.

די גאולה פון ישראל איז צונויפגעכישופט אַזוי גוט מיט משיח ווי מיט ירושלים.

מיט משיח וועלכער מוז דערשיינען אין ירושלים.

אַזוי ווי עס קען ניט זיין קיין גאולה אָן ישראל און אָן משיח, אַזוי וועט ניט זיין קיין גאולה אָן ירושלים.

ניט לגמרי אין הסכם מיט אַמאָליקע ווייצמאַנישע פּראָ־קלאַמירונגען זאָגט ווייצמאַן אַרום דעם געדאַנק אין איינעם פון זיינע לעצטע מאַניפעסטן:

„ירושלים פאַרנעמט אַ באַזונדערן פּלאַץ אין הארץ פון יעדן יידן. ירושלים איז פאַר אונדז דער תמצית פון ציוניזם.

די רעסטאַווירונג פון ירושלים איז די רעסטאַווירונג פון ישראל.

עס איז דער פּלאַץ פון אונדזער גאָט און דער אָרט פון אונדזערע אַנטיקע הייליקטימער. ירושלים איז אָבער אויך די רעזידענץ פון דוד און שלמה, די מעטראָפּאָליע פון די גרויסע מלכים, דער צענטער פון אונדזער אַלטער גלאָריע"...

און אַ קינד פון דער השכלה־תקופה און אַ בן־דור פון חיבת ציון, אַ פּערזאָן וואָס האָט אין זיך פאַראייניקט דעם

מיושבדיקן און ניכטערנעם שכל פון אַ גרויסן סוחר און באַנ־
קיר מיט שרייבערישן טאַלאַנט און אַ געוויסער וויזיע, מרדכי
בן הלל הכהן, ברענגט אַרויס אַ ירושלים-נוסח אין וועלכן עס
שפּיגלט זיך גלייכצייטיק אָפּ רעליעף די שקיעה פון משכי־
ליש-אפיקורסישן ראַציאָנאַליזם אין מערב און די שימערי־
רענדיקע שטראַלן פון אַ נאַציאָנאַלן מאָרגן-שטערן וואָס איז
אויפגעגאַנגען אין מזרח.

בעת ער קומט נאָענט צו ירושלים אויף זיין רייזע דורך
ארץ-ישראל אין יאָר 1889 רופט ער אויס:

„שווייגט און פאַלט כורעים, אַלע פליישׁ-באַשעפעניש:ן:
אויף מיינע אָרעמע לעפצן שווימט אַרויף אַ גרויסער, מורא־
דיקער נאָמען.

„איך רייד וועגן ירושלים.

„אין מיין היים, איידער מיין אָפּפאָר, האָב איך פאַרזי־
כערט אַז איך פאָר נאָר זען די קאָלאָניעס און די נייע יידישע
פויערים, און ניט די הייליקע שטעט און וואונדערבאַרע ער־
טער. איך פאָר ניט צו אַלטע זכרונות. איך האָב זיך געשעמט
מודה צו זיין אַז איך, דאָס קינד פון דער השכלה גיי אויף
קבר אבות, אַנטלויף קיין ציון און ארץ-ישראל צוליבן וואָרם
וועלכער נאָגט אין פלייש פון מתים אין די טמא לענדער.
איך האָב זיך געשעמט צו זאָגן אַז אַלע מאָל און אין יעדער
שעה זינט איך האָב אַן אייגענע דעה שטייגט אַרויף אַ בת־
קול פון מיין האַרץ און רופט:

„קיין ירושלים, קיין ירושלים!

„איך האָב זיך געשעמט צו זאָגן ווייל די השכלה-תקופה
האָט אָפּגעטעמפּט סענטימענטן און מיר האָבן אָנגעוואָרן
דעם הייליקן געפיל צו אונדזער הייליקער שטאָט.

„ירושלים איז געוואָרן ווי אַ נידה”, האָבן אויסגערופן אונ־
דזערע מאָדערנע שרייבער און דער רוף איז ווי אַ גייסט
פון שקר געלעגן אויף די לעפצן פון די „נביאים” פון אונ־
דזער מאָדערנער ליטעראַטור, פון דער ליטעראַטור, וואָס

האָט נאָר פּראָפּאַנירט, נאָר נעגירט, וואָס האָט ירושלים געשלאָגן אויפן קאָפּ און צו איר אויסגעשטרעקט אַ צונג.

„די שרייבער האָבן שווער געזינדיקט און איך מיט זיי. — ירושלים איז דער בית-המקדש פון דער וועלט, די שטאָט איבער אַלע שטעט, צוליב איר נאָמען און אָנדענק קומט מען פון אַלע עקן וועלט. נישטאָ קיין נאַציע און קיין מלוכה אין דער וועלט וואָס די ערד (פון ירושלים) פילט איר ניט אָן מיט ערפּארכט, וואָס מערקט ניט דעם מוראדיקן גרויסן סוד, דעם באהאלטענעם און פאַרבאָרגענעם כח וואָס ליגט אונטער אי־רע שטיינער, אויף איר לויטערן הימל און אויף דער גייסטי־קייט וואָס שוועבט איבער איר פּנים.

„בנימין יזראעלי האָט אַמאָל געפרעגט:

„צי איז ירושלים ווי אַטען? צי זענען די בערג פון יהודה ווי די היגלען פון דער שווייץ און ווי די בערג פון קרים?"

„קענען יעדער לאָגיק און קעגן דעם גראַדן שכל פילן מיר טיף, אין דער טיפעניש פון אונדזער האַרץ, אין דעם באַ־העלטעניש פון די האַרץ-ווינקלען אַז ניט אַטען און ניט רוים, האָבן ניט קיין שום גלייכעניש צו דער שטאָט פון דוד און צו די בערג פון ציון"...

באמת: ירושלים איז ניט נאָר אַ שטאָט.

זי איז קיינמאָל „נאָר" אַ שטאָט ניט געווען.

ירושלים איז ניט נאָר אַ הויפּטשטאָט אָדער אַ רעזידענץ.

זי איז קיינמאָל ניט געווען „נאָר" אַ הויפּטשטאָט, „נאָר" אַ רעזידענץ.

ירושלים איז אַטמאָספער אין וועלכער עס איז געטובלט אַ לעבנס-פּראַצעס — אַמאָל אין אַ ריטם פון גליק און אָפט אין אַ ריטם פון טראַגיק — און זאַפּט זיך אָן מיט ריידעוו־דיקן קאָלאָריט און שפּאַנענדער דינאַמיק וועלכע האָט פּרע־טענזיע צו געבן כוונה, ריכטונג און תכלית דעם גאַנג ניט נאָר פון דער יידישער נאָר אויך פון דער וועלט-געשיכטע.

דערפון איז צו דרינגען:

ירושלים קען ניט געצייכנט און אָפּגעשאַצט ווערן פאַר זיך אַליין, איזאָלירט און אָפּגעזונדערט פון סביבה, געשעע־נישן און פערזענלעכקייטן וועלכע זענען דירעקט אָדער אפי־לו אומדירעקט געווען און זענען איצט מיט ירושלים פאַר־בונדן.

אין דעם ליגט די תשובה אויף אַ מעגלעכער טענה אַז אין דעם בוך זענען פאַראַן פרקים וואָס האָבן אין פלוג ניט קיין דירעקטע שייכות מיט דער טעמע.

אדרבה: דער מחבר איז זיך מודה אַז ער האָט נאָר אין אַ גאָר קליינעם טייל אויסגענוצט דעם מאַטעריאַל וועלכער ליגט צעשפּרייט און צעוואָרפן אין פאַרשידענע מקורות, ניט געקוקט אויף די וואָגיקע זאַמל־אַרבעטן פון אייזענשטיין און יערי.

בפרט איז וויכטיק אָנצוצייכענען געשעענישן און פער־זענלעכקייטן, יידישע און ניט יידישע, וואָס האָבן געהאַט אַ נאָענטע שייכות מיט ירושלים אין דער לעצטער תקופה ערב דער היסטאָרישער פּראָקלאַמאַציע פון מדינת ישראל, ד״ה זינט די מאָדערנע עליות און בפרט זינט דער באַלפור־דעקלאַ־ראַציע ביז ה׳ אייר תש״ח.

אויך דאָ איז דער מאַטעריאַל ווייט ניט אויסגעשעפּט. קוים ראשי פרקים איז אָנגעמערקט אין בוך, געשיכטלעך ווי ליטעראַריש.

כדי אָנצוּוואַרפן אַ פולן בילד פון דער תקופה איז נויטיק ניט איין ספר און נאָך אַ צופעליק־געשריבענער, נאָר אַ סך ספרים און אַ סך חלקים פון ספרים אויפן יסוד פון גענויע פאָרשונגען און קאָנטראָלירטע פאַקטן.

דער פאָרגעלייגטער ספר גיט נאָר און קען נאָר געבן אַ תמצית אָדער אַ סך־הכל.

דער עיקר פון דער אַרבעט באַשטייט אין דער ליניע פון עליה וועלכע האָט זיך ניט איבערגעריסן זינט דעם חורבן ביז צו דער פּראָקלאַמאַציע פון אונדזער מדינה.

די עליה איז קיינמאָל ניט געווען באַגרעניצט אויף באַשטימטע ישובים, הגם ניט יעדער ישוב האָט איר מאַניפעסטירט מיט דעם זעלביקן ענטוזיאַזם, מיט דער זעלביקער קנאות.

יידן האָבן געוואַנדערט קיין ישראל און קיין ירושלים פון די אָריענט-לענדער, פון אייראָפּע, פון אַזיע און פון אַפריקע.

עס איז אין משך פון אונדזער גלות ניט געווען קיין איין לאַנד, קיין איין ישוב פון וואַנעט עס זענען ניט געקומען קיין עולים אָדער מעפּילים.

אַ פּערזענלעכקייט מיט דער אינטואיטיווער זיכערקייט פון אַ היסטאָריאָגראַף, זאב יעבץ, שרייבט אין יאָר 1888: „איך האָב באַטראַכט ירושלים און איך האָב דאָרט געזען דעם אָנהויב פון קיבוץ גליות. עס איז כמעט ניטאָ קיין איין ישוב אין דער וועלט פון וועלכן מען זאָל ניט זיין געקומען כדי זיך צו באַזעצן אין ירושלים”.

די עליה האָט זיך קיינמאָל ניט באַגרעניצט אויף באַשטימטע כיתות אָדער שיכטן.

עס זענען עולה געווען גאונים, צדיקים און באַלעבאַטים, אַקאַדעמיקער און בעלי-מלאכות, קאַראַאימער און רבנים, חסידים און מתנגדים, ספרדים און אשכנזים, גרויסע גבירים (ווי רבי משולם מוואלטירה (1481) וואָס איז געווען איינער פון די גרעסטע סוחרים און באַנקירן פון זיין צייט, רבי אברהם רויגי (1702) און אַנדערע), מקובלים, ישיבה-בחורים, סתם לומדים און אַנדערע.

גאָר ווייניק פון די עולים זענען געקומען קיין ירושלים נאָר כדי צו געפינען אַ קבורה אין דער הייליקער שטאָט. די מיינסטע זענען געקומען אין רייפן מיטעלן עלטער. זיי האָבן אין זיך געטראָגן דעם אוניווערסאַלן גאולה-אידעאַל און האָבן ניט אויפגעהערט צו פאָדערן מאסן-עליות, צו באַשרייבן די פרוכטבאַרקייט, די שיינקייט און לעבנס-מעגלעכקייט אין

ירושלים און אַרום ירושלים און צו קעמפן אין שטאַט און אין לאַנד פאַר זייער נאַציאָנאַלן כבוד און זייער נאַציאָנאַלן קיום.

דער יידישער ישוב אין ירושלים, זיינע רבנים און מנהי־גים זענען געווען געטראָגן פון באַוווסטזיין אַז ניט צוליב זיך אַליין זיצן זיי אין לאַנד נאָר אַז זיי זענען דער ניצוץ פון משיחיזם וועלכער מוז ברענגען אין לאַנד די יידן פון דער גאַנצער תפוצה.

די משולחים וועלכע זענען אַרויסגעפאָרן קיין חוץ לארץ צו זאַמלען געלט פאַרן ישוב אין ירושלים האָבן מיט־גענומען המלצות וועלכע זאָגן בפירוש אַז זיי בעטן ניט קיין נדבות נאָר די מעגלעכקייט צו זיין שומרים פון לאַנד כדי צו היטן די שטאָט פאַרן יידישן פאָלק ביז צו דעם מאָמענט פון דער גאולה, ביז צו דער צייט ווען די שכינה וועט אוים־שפרייטן אירע פליגלען כדי דאָס לאַנד צו באַשיצן און אויפ־צוהויבן אויף דער הויך פון זיין משיחישער מיסיע.

דאָס האָבן ניט פאַרשטאַנען די וואַכעדיקע אידעאָלאָגן פון גלות־לעבן, דאָס האָבן ניט פאַרשטאַנען די היסטאָריאָ־גראַפן פון גלות. דער קאַפּיטל וועלכער באַשרייבט די אַטאַ־קע פון גרעץ אויף די חלוקה־יידן און די ענערגישע רעאַקציע פון מאָנטעפיאָרע און נוימאַן אויף דער אַטאַקע, זענען קאַ־פּיטלען וועלכע מוזן אַריינברענגען אַ וויכטיקן שינוי אין דער אָפּשאַצונג פון יענע תקופות.

בשעת מען טראַכט זיך אַריין אין דעם תמציתדיק־רייכן און קאָלאָריטפולן נשמה־לעבן פון דעם יידישן בית־המדרש מיט זיין אַקטיווער גאולה־בענקעניש און זיין גייסטיקן פאַר־מעסט אויסצולייזן דאָס פאָלק און די שכינה פון זייער חרפה־דיקן לעבן, פון זייערע יסורים און פון זייערע צרות און מען פאַרגלייכט דערמיט די וועלטלעכע אידעאָלאָגן און רביים אין די תקופות פון דער השכלה, דער עמאַנציפּאַציע און אַסימילאַציע, דאַן זעט מען בחוש ווו עס ליגן די אמתע,

מקורדיקע און ווייט־פאַרנעמיקע סטימולן און גורמים פון אונדזער געשיכטע.

איינער פון די מאָדערנסטע היסטאָריאָגראַפן, בן־ציון דינאַבורג קומט אויפן יסוד פון אַ סובטעלן אַנאַליז פון דער השכלה און שיבת־ציון, צום אויספיר: „די וויזיע פון גאולה האָט ביי די משכילים ניט פאַרנומען קיין שום פלאַץ אין זייער גייסטיקער וועלט. זייערע בליקן טראָגן זיך קיין מערב און ניט קיין מזרח".

און פון דער אַנדערער זייט טענהט זיך אוים דער גענייאַלער יונגער מקובל ר' משה חיים לוצאַטו, מיטן רבונו של עולם:

„ישראל, ארץ ישראל און די שכינה גאַרן נאָך גאולה. די גאולה וועט קומען. אוודאי וועט זי קומען, אָבער ווען? עס איז ניטאָ מער קיין געדולד צו וואַרטן. עס פאַרענדיקט זיך די געדולד פון אַלע דריי לעבנס־פאַקטאָרן: פון דער שכינה, פון ישראל און פון ארץ־ישראל. מען מוז צואיילן דעם קץ, מען מוז מקרב זיין די משיח־טעג, די גאַנצע גאולה".

און עס קלאָגט אָן דעם בורא עולם רבי יהונתן אייבשיץ, דער גרויסער גאון, דער פעסטער מאמין און מקובל:

„צוליב אונדזערע גרויסע עבירות גייען פאַרביי די יאָרן און מען הערט ניט קיין קול פון הילף פאַר ישראל. ווען אונדזערע אַלטע טאַטעס וואָלטן געוווסט אַז דער גלות וועט זיך ציען אַזוי לאַנג וואָלטן זיי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליבן גרויסן צער און צוליב דער שווערער דאגה. אמת: שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע, אָבער עס ווערט מיאוס דער לעבן ווען מיר דערמאָנען זיך אַז מיר האָבן ניט קיין ברעקל גוטס און אַז מיר גייען אונטער פון טאָג צו טאָג און פון יאָר צו יאָר".

אַ טענה צום רבונו של עולם אין אַ פאַרנעם פון צדקות, וואָס שפּאַרט אָן אין איר גילגול אַזש ביז צום בערדיטשעווער.

אַט דערציילט י. אהרן סג"ל ווים אין זיינע אינטערע־סאַנטע זכרונות ווי זיין פאָטער, אַ רב און שוחט און באַווּס־טער צדיק, האָט געוואַנדערט צו פוס קיין ארץ־ישראל, נאָכ־דעם ווי ער האָט זיך אויסגעוויינט די אויגן, ביינאַכט און ביי־טאָג:

„איך געדענק אַלס יינגל פון אַכט יאָר, ווי איך האָב אָפט זיך אויפגעכאַפּט ביי האַלבער נאַכט און נאָך האַלבער נאַכט, און האָב געזען דעם זעלביקן בילד:

„אין איין עק פון חדר שטייט אַ נעבעכדיק צאַנקענדיק ליכטל, וואָס וואַרפט מיט יעדער באַוועגונג, משונהדיקע שאָטנס אין חושך פון חדר.

„אין קרייז פון דעם שוואַכן ליכטל זיצט דער טאַטע, אויף דער ערד און ריכט אָפּ תיקון־חצות.

„און מער ווי איין מאָל האָב איך געהערט אַן אָפּגע־בראָכענעם קרעכץ, וועלכער איז געקומען פון דער אַנדערער זייט פון חדר און וואָס האָט באַגלייט די פונאַנדערגעצויגענע זיפצן פון טאַטן. דאָס האָט געקרעכצט די מאַמע, וועלכע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף דורכן קרעכץ פון טאַטן.

„און איך געדענק אין די שווערע ווינטער־נעכט, ווען עס איז ניט געווען מיט וואָס צו הייצן דעם אויוון איז דער טאַ־טע געבליבן זיצן אין בעט און האָט דאָרט אָפּגעריכט תיקון חצות. ער איז אַזוי געזעסן די גאַנצע נאַכט און האָט גע־לערנט.

„צום סוף האָט ער מער ניט געקענט אויסהאַלטן אין גלות און ער האָט פאַרלאָזן אויף גאָטס באַראָט זיין ווייב מיט זיינע קינדער און איז מיט מיר, זיין מיזינעק, אַוועק צו פוס קיין ארץ־ישראל, און מיר האָבן זיך געוואַלגערט אונטערוועגנס און האָבן געוואַנדערט מיט די לעצטע כוחות ביז מיר זענען אַהין געקומען.

„פאַרן אַוועקפאָרן האָט דער טאַטע דערקלערט דער מאַ־מען, אַז „מיטן תיקון־חצות אַליין איז מען ניט יוצא פאַר דער

נשמה און פאַרן בורא־עולם — מען מוז עולה זיין און דאָרט לערנען און דאָרט בויען".

דאָס אַלץ איז ניט קיין פאַרגעשיכטע פון מדינת ישראל. דאָס איז די געשיכטע פון מדינת ישראל. העכסט אָריגינעלע געשיכטע, וואָס האָט דעם ברען פון מסירת נפש און איז ווייט פון דער פאַרעווער, פאַסיווער און משכיליש־חכמהדי־קער וועלטלעכקייט.

ניט משה מענדלסאָן, דער דעסויער, און זיינע יורשים, נאָר רבי יהונתן פרעגער און זיין בר־פלוגתא, רבי יעקב עמדין אַזוי ווי ר' לוי יצחק דער בערדיטשעווער און זיינע תלמידים האָבן אונדז געגעבן שפּייז און קיום אין דעם לאַנגן פינצטערן גלות. ניט ווייזל און ניט ליליענטאַל, ניט די מפיצי־השכלה־ניקעס און די „הברות פאַר אַרבעט, מלאכה און לאַנדווירט־שאַפט" א. א. וו. אין די פאַרשידענע לענדער און אין די פאַר־שידענע תקופות, נאָר דער בעל תניא און דער ווילנער גאון, די פּרושים און די חסידים האָבן אונדז מזכה געווען מיט המשך און זענען געקומען צו התגלות אין העם, אין פינסקער, אין דעם גרויסן משיחישן מנהיג הערצל און זיינען מגילגל געוואָרן אין די מאָדערנע עליות ביז די מעפּילים און „עקסאָ־דוס" און האָבן אונדז געהאַלטן און געפירט אויף דער אַרבי־טע צו מדינת ישראל.

דערפון דרינגט אַרויס אַ גאַנצע לעבנס־מסיכתא פאַר אונדזער צוקונפט, פאַר דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק און פאַר דער צוקונפט פון מדינת ישראל.

דאָס איז דער תמצית און דאָס איז דער תכלית פון בוך „ירושלים" און ניט געשיכטע און ניט פאָרשונג.

דערצו איז ניט דווקא נויטיק די אַקטואַליטעט פונעם אינטערנאַציאָנאַלן ירושלים־וויכוח.

דער וויכוח האָט אָבער אַרויסגערופן די אַרטיקלען און דעם ספר און דער מחבר וואָלט באַגאַנגען אַ געוויסע פאַל־סיפיקאַציע ווען ער מעקט אוים די שטעלן וואָס טראָגן דעם חותם פון דעם וויכוח.

איבעריקנס איז ניי נאָר די פאָרם פון וויכוח.
דער וויכוח גופא איז אַלט, גאָר אַלט.
דער עיקר פון בוך:
ווארפן ליכט אויף דער קאנווע פון אונדזער לעבן און געשיכטע, אַריבערלייכטן אין דער צוקונפט, אין דער נביאי־שער צוקונפט פון אחרית הימים.
אין דער ריכטונג און מיט דער טענדענץ זענען געגאַנגען די אַספּיראַציעס פון דעם מחבר.

א

מיט דער התגלות פון מדינת ישראל איז דער וועלט־געשיכט־לעכער וויכוח אַרום ירושלים פונדאַסניי אַרויפגעשווומען אויפן שליאַך פון אוניווערזאַלער פּראָבלעמאַטיק.

צום וויפלטן מאָל?

זינט אַדריאַנוס איבער קאָנסטאַנטין, איבער די ערשטע האַלב־קריסטן און די שפּעטערדיקע גאַנצע קריסטן, אין שפּאַניע, פּאָרטו־גאַל, דייטשלאַנד און פראַנקרייך פון איין זייט, מיט תנאים, אמו־ראים, גאונים און חכמים, אין די פאַרשידנסטע צייטן פון דער אַנדערער זייט, ציט זיך דער דיספּוט ווי אַ רויטער פאָדים דורך תקופות און דורות.

עס בייט זיך די פאָרם, עס בלייבט דער אינהאַלט.

עס גייט וועגן דעם פּערמאַנענטן קאַמף: דעם קאַמף פון רוים מיט ירושלים, אין די פאַרשידנסטע אַנטפּלעקונגען און פאָרמען, אין הסכם מיט סביבה, ציוויליזאַציע און קולטור.

עס גייט אין אַ וויכוח, עס גייט אין קאַמף, אין אַן אוניווער־זאַלן וויכוח, אין אַן אוניווערזאַלן קאַמף, וועלכער קאָנצענטרירט זיך ניט נאָר אין אַ נשמה־געשעעניש נאָר אָפט, צו אָפט אין אַ קנאות־פייער.

ירושלים וועט קיינמאָל ניט זיין רוים און רוים וועט קיינ־מאָל ניט זיין ירושלים.

ניט אינקוויזיציעס, ניט אויטאָ־דאַ־פעסן, ניט דער קאַלטער אוממענטשלעכער קריג און אַוודאי ניט באַרבאַריזם און בעסטיאַ־ליזם קען דאָ זיין אַ סטימול אָדער גאָר ברענגען דעציזיע.

אונדזער אַרגומענט בלייבט דער אויפשטייג פון דער מענטש־הייט אויפן שטאַפּל פון מוסר און קולטור, וועלכער פירט און וועט דערפירן צו די אחרית הימים ווי ער איז פאַרהייליקט אין אונדזערע נביאים, אין אונדזער עטיק און שטייגער.

אין דער וויזיע: כי בית בית תפילה יקרא לכל העמים.

אַזוי שטייען היינט אונדזערע שטרייטער און קעמפער, שלי־חים פון יידיש־מיסיע און יידיש געשיכטע פנים אל פנים מיט די חכמי האומות, מיט די חכמי ה„אונ" און אַרגומענטירן קעגן פאַר־שייטע רוימישע פאַראַלן, וועלכע פאַרבאַהאַלטן זיך היינט הינטער דעם באַגריף פון „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע".

מיט תורה, תפילות, פיוטים און קינות אַרגומענטירן היינט ניט אונדזערע שליחים פאַר דער „אונ". דיפּלאָמאַטיע און סטראַ־טעגיע זענען דער כלי־זיין ביי די אָנגעשטרענגטע און געשפּאַנטע דעבאַטן.

הינטער די קוליסן וועגט מען אָפּ קאָנצעסיעס און קאָמפּענ־סאַציעס. מען דינגט זיך וועגן ריווח און היזק, נוצלעכקייט און שעדלעכקייט פון די פאַרשידענע נוסחאות.

אַ צוויי טויזנט־יאָריקער המשך פון אַ וועלט־טראַגישער דראַ־מע איז אָוועקגעלייגט אויפן טיש אונטערן סעציר־מעסער פון ברו־טאַל־טרוקענע כירורגן אָדער פון סוחריש־ראַפינירטע דיפּלאָמאַטן.

* * *

....אונדזערע חכמים פונעם דור החורבן האָבן געפּסקנט, אַז ארץ־ישראל איז דער צענטער פון דער וועלט און אַז ירושלים איז דער צענטער פון ארץ־ישראל.

האָט זיך איצט דער צענטער פון דער וועלט לאָקאַליזירט, טעריטאָריאַליזירט און נאַציאָנאַליזירט, און וויל מען אים — דעם

צענטער פון דעם צענטער עקסטעריטאָריאַליזירן און אינטערנאַציאָ־נאַליזירן.

די אומות העולם און זייערע שליחים ווייסן נישט און ווילן נישט וויסן פון קיין לומדות און פון קיין גמרא, און אונדזערע דעלעגאַטן ווילן זיך נישט נעמען די טרחה איינצוקנעלן מיט זיי תלמודישע חכמות.

בכן, וועלן די חכמי האומות אוודאי נישט מודה זיין, אַז ארץ־ישראל איז אַ וועלט־צענטער און עס איז גאָרנישט כדאי עס ביי זיי אויסצופועלן. עס וועט פאַר אונדז נישט אַרויסקומען קיין גרויסע טובה פון דעם וואָס די גויים וועלן זען אין אונדזער היים זייערן אַ מיטל־פונקט. אָבער אַז ירושלים איז דער צענטער פון ישראל און ארץ־ישראל, איז שוין אַן ענין נישט נאָר פון געאָגראַפיע, נאָר אויך פון פשוטער געשיכטע און געזונטן שכל.

מילא, וועלן אונדזערע און זייערע דיפּלאָמאַטן זיך פונאַנ־דערקלייבן אין דער מתיכתא לויט זייערע פּערפומירטע קאָמבינאַ־ציעס און ראַפינירטע לשונות.

ירושלים בלייבט אָבער ביי איר אייגענער אינטואיטיווער גע־שיכטע, ביי איר אייגענעם גורל, ביי איר אייגענעם נביאישן נוסח. זי האָט די אַטראַקציע פון אַ וועלט־גורל און אַ וועלט־קאַטאַסטראָ־פע און איז גלייכצייטיק דער היסטאָרישער סימבאָל פון אַ פאָלקס־לעבן.

זייערע שטעט און דערפער זענען נישט קיין צוויי טויזנט־יאָ־ריקע חורבות. זייער בית־המקדש איז נישט חרוב, זייערע טאַטעס און זיידעס זענען אין גלות נישט געגאַנגען און זייערע קינדער און אייניקלעך זענען אין קיין גלות נישט נע־ונד. און ועל כולם זיי האָבן נישט אַריבערגעטראָגן די מטורפדיקע אכזריות־מעשים פון די טאָרקוועמאַדאָס און היטלערס.

מיר זענען עס וואָס קלאָגן יאָר־איין יאָר־אויס!

„בראותי כל עיר על תילה בנויה ועיר אלוהים מושפלת עד שאול תחתיה". (ווען איך זע יעדע שטאָט געבויט אויף איר הויך און גאָטס שטאָט אַראָפּגענידערט ביז צום אונטערשטן אָפּגרונט).

וויל מען איצט אינטערנאַציאָנאַליזירן דעם צענטראַלן פונקט

פון אונדזער לאַנד כלומרשט צוליב די אינטערנאַציאָנאַלע הייליק־טימער וועלכע געפינען זיך דאָרט.

די געשיכטע איז געגנוג רייך אין אַבסורדן, און אויף אַן אַב־סורד מער אָדער ווייניקער קומט עס שוין נישט אָן. בכן גייט מען איצט מקיים זיין די מצווה פון שלום דורך אַ פּראָוואָקאַטאָריש־ווירקנדיקער שאַפונג פון סתירות און דורך דער זריעה פון קאָנ־פליקטן און ברען־מאַטעריאַל.

די הייליקטימער האָבן אַן אינטערנאַציאָנאַלע חתימה. דאָס איז אמת, נישט אָבער אַן אינטערנאַציאָנאַל, נישט די חכמי האומות, נאָר דער יידישער נאַציאָנאַלער געניע האָט די חתימה אַרויסגע־בראַכט און אַרויפגעדריקט.

אויך די תורה און די נביאים זענען אינטערנאַציאָנאַל. זאָל אָבער קודם כל אַן אינטערנאַציאָנאַלע סביבה און אַן אינטערנאַ־ציאָנאַלע רעפּרעזענטאַנץ אַרויסווייזן די גאונות זיך צו אַנטפּלעקן אין אַ קדושה וואָס אַלע פעלקער און לשונות וועלן זיך וועלן טובלען אין איר. דעמאָלט וועלן מיר קענען רעדן וועגן דעם אופן ווי איר בשותפותדיק אָפּצוהיטן און ווייטער אויסצובררייטערן איר השפעה.

אין אַ ויכוח מיטן וואַטיקאַן לוינט נישט אַריינצוגיין. ער האָט זיין חשבון. דער חורבן פון ישראל, בפרט פון ירושלים און פון בית־המקדש איז דאָך לויט זיין קאָנצעפּציע אַ סימן, אַז גאָט שטראָפט די קינדער פון ישראל דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך האַרטנעקיק אַריינגעגראָבן אין אַ פאָלקס־אמונה און ווילן זיך בשום אופן נישט ראַטעווען און אַנוואַרעמען אין דעם ווייכן שויס פון אַן אמתער אמונה.

היינט, אין דער צייט פון „אינטערנאַציאָנאַלער דענאַציפיקאַ־ציע” שאַפן אין נאָמען פון געטלעך־קאַטוילישער ליבשאַפט אינקווי־זיציעס און שייטערהויפנס איז נישט אינגאַנצן אין גייסט פון דער צייט און איז אויך נישט גאָר כשר.

מוז מען ווייניקסטנס בלייבן ביי די היסטאָרישע סימנים פון חורבן.

זאָלן אָבער די וועלטלעכע מלוכות באַזירן קודם־כל זייער איי־

געגנעו לעבן אויף דער תורה פון וואַטיקאַן און דעמאָלט אַרויסרוקן טענות צום לעבן פון ישראל.

פאַר זיי איז דאָך די שאלה, ווי זיי זאָגן, אין בעסטן פאַל אַ פּראָבלעם פון זיכערקייט און שלום וואָס איז מיטאַמאָל צוליב ישראל כלומרשט געקומען אין סכנה.

נו איז דאָס אַ מאכל וואָס וועט זיך אויסקאָכן אין דעם פּאָליטישן קעסל וואָס רופט זיך „אונ". וואָס וועגן דעם צו זאָגן, ווי אויף דעם צו רעאַגירן און ווי צו האַנדלען וועלן שוין וויסן די קאָכמייסטערס אין לייק־סוקסעס און אין די קיכן וועלכע די „אונ" טראָגט אַריבער אין אַנדערע ערטער.

זיי טראָגן אחריות פאַר זייערע רייד און מעשים, און זיי צו געבן עצות איז נישט קלוג און קען נישט זיין אונדזער עסק.

אָבער פאַר אונדז גופא, פאַרן יידישן יחיד, פאַרן יידישן ציבור און פאַרן גאַנצן יידישן כלל, בפרט פאַר אונדזערע יוגנטלעכע זין און טעכטער, מוזן מיר האַרט אין דער פּראָבלעמאַטיק אַריינדרינגען און איר פונאַנדערנעמען, מוזן מיר אַרויסשיילן דעם יאָדער פון דער געדיכטער שאָלעכץ וואָס איז אַנגעוואַקסן אויף אים אין משך פון צוויי טויזנט יאָר.

* * *

קיין שטאָט אין דער וועלט, נישט קיין הויפּטשטאָט און נישט קיין פּעריפעריע־שטאָט איז אַזוי צונויפגעוואַקסן מיטן לאַנד, אַזוי אומצערייסבאַר צונויפגעגאָסן מיטן לאַנד ווי ירושלים מיט ארץ־ישראל.

די נביאים און דער תלמוד, אַלע אונדזערע תפילות, סליחות און קינות זענען אָנגעזאַפּט מיט צערפולער בענקעניש נאָך ירושלים.

ווען מיר זענען מתפלל אַז מען זאָל אונדז צוריקברענגען אין אונדזער היים, אין אונדזער לאַנד, זאָגן מיר „ובנה ירושלים", „בונה ברחמיו ירושלים", „ותחזינה עינינו בשובך לציון".

די מענטשן און לענדער־אויפטרייסלענדיקע, איכה־עלעגיע

הויבט זיך נישט אָן מיט אַ קלאָג־געזאַנג איבער יהודה אָדער ישראל נאָר מיט אַ הספד אויף ירושלים:

„ווי איז געבליבן זיצן אַליין די שטאָט פון פיל־פאָלק, גע־וואָרן ווי אַן אַלמנה די פירשטן צווישן די אומות״.

און די מסורה דערציילט:

ירמיהו האָט נישט אַרויסגעשריען זיין „איכה״ איידער ער האָט דערקענט אַז געחתמעט איז די גזירה אויפן חורבן פון ירושלים.

דריי יאָר, דערציילט ווייטער די מסורה, האָט ירושלים אויס־געהאַלטן די באַלאַגערונג פון נבוכדנצר. מיט די הענט און מיט די פיס האָבן די פאַרטיידיקער אויפגעכאַפּט די פיילן און די שליידער־שטיינער פון די שונאים און האָבן מיט די הענט און מיט די פיס זיי צוריקגעשליידערט אין די קעפּ פון די שונאים.

אומגליקלעכן פאָלק און מיט דעם חורבן ירושלים:

און ווען דער נביא האָט זיך אַנטפּלעקט מיט זיין מעכטיקער נחמה־וויזיע אין דער צייט פון חורבן, אָטעמט ער איין אָטעם מיטן „טרייסט, טרייסט מיין פאָלק, זאָגט אייער גאָט. רעד צום האַרץ פון ירושלים און רוף, אַז עס איז פאַרפולט איר שטראָף־צייט; אַז עס איז אָפּגעווישט איר פאַרברעך׳ אַז זי איז טאָפּלט געשטראָפט געוואָרן פון גאָט פאַר איר זינד״.

סימבאָליש דריקט זיך אויס דער תלמוד אַז אין מאָמענט פון דער גרעסטער סכנה האָט גאָט אויפגעהויבן ירושלים אין הויכן רוים כדי דער שונא זאָל צו איר נישט קענען דערלאַנגען. ערשט צוליב די עבירות פון דור האָט גאָט צוריק אַראָפּגעוואָרפן ירושלים. אָבער אויך דעמאָלט האָבן נישט די שונאים, נאָר די מלאכים אַליין אונטערגעצונדן דעם היכל וועלכער האָט געטליעט גאַנצע זעקס יאָר.

„ווען ירמיהו איז אַרויס פון ירושלים האָט אַראָפּגענידערט אַ מלאך פון הימל און האָט אַרויפגעדריקט זיינע פיס אויף די מויערן פון ירושלים און האָט זיי איינגעבראָכן״.

זיי האָבן געזאָגט:

„זאָלן קומען די שונאים און זאָלן זיי אַריינדרינגען אין דעם הויז וועלכער האָט נישט קיין באַלעבאָס און זאָלן זיי דאָס הויז אויסרויבן און חרוב מאַכן. און אַריינגיין זאָלן זיי אין וויינגאָרטן

וואָס דער וועכטער האָט אים פאַרלאָזן און זאָלן זיי אָפּהאָקן די ווײַנשטאָקן.

זיי זאָלן זיך נישט פֿראָלן און זאָגן אַז זיי האָבן עפּעס אײַנ־גענומען: — אַן אײַנגענומענע שטאָט האָט איר אײַנגענומען; אַ גע־הרגעט פֿאָלק האָט איר געהרגעט; אַ פֿאַרברענט הויז האָט איר פֿאַרברענט.

זענען געקומען די שונאים און זיי האָבן אָוועקגעשטעלט זייער בימה אויפֿן הר הבית און זיי זענען אַרויפֿגעשטיגן אויפֿן אָרט וואו שלמה המלך איז געזעסן און זיך געעצהט מיט די זקנים ווי צו פֿאַרשענערן דעם בית־המקדש. דאָרט זענען איצט געזעסן די שונאים און האָבן אָפּגעהאַלטן אַ ראָט ווי צו פֿאַרברענען דעם בית־המקדש.

בעת זיי האָבן אָפּגעהאַלטן זייער ראָט האָבן זיי דערזען אַז פֿיר מלאכים נידערן אַראָפּ און האָבן אין זייערע הענט פֿיר פֿייער־פֿאַקלען, וועלכע זיי האָבן אָוועקגעשטעלט אין די פֿיר ווינקלען פֿון היכל אַזוי, אַז דער היכל איז געוואָרן אַרומגעכאַפּט פֿון אַ שׂריפֿה.

די אגדות וועגן דעם ערשטן חורבן דערציילן ווי אײנער נאָכן אַנדערן זענען זקנים און נביאים, פֿרויען און מענער געגאַנגען פֿריי־וויליק אין פֿייער אינעם אַנבליק פֿון חורבן ירושלים.

כמעט אַלע לעגענדעס פֿון תלמוד און מדרש דערציילן וועגן דעם הערָאיזם בשעת דעם חורבן ירושלים און לערך ווייניקער פֿון די אַנדערע טיילן פֿון ארץ־ישׂראל.

ירמיהו אַליין איז געבליבן אין ירושלים אַפֿילו נאָכן גלות־בבל. וועגן דעם דערציילט די אגדה:

„ירמיהו האָט געוואַנדערט אויף וועגן און שטעגן כדי נאָכ־צופֿאָלגן די שפּורן פֿון די געפֿאַנגענע קיין בבל.

ער האָט געטענהט:

איך וויל גיין און מיט זיי צוזאַמען אומקומען. איז ער גע־גאַנגען און האָט געזען אַ וועג אָנגעזאַפּט מיט בלוט און אַ באָדן וועלכער האָט זיך געוויקט פֿון ביידע זײַטן אין בלוט פֿון הרוגים. האָט ער זײַנע אויגן צוגעטוליעט צו דער ערד און ער האָט געזען די שריט פֿון עופֿהלעך און קליינע קינדערלעך וועלכע זענען גע־גאַנגען אין געפֿאַנגענשאַפֿט. האָט ער זיך געלייגט אויף דער ערד

און ער האָט געקושט די שריט. אַז ער איז צוגעקומען צו זיי, האָט ער זיי געלאַשטשעט און געקושט.

ער האָט געזען אַ יוגנט מיטן קאָפּ אין אייזערנע רינגען, האָט ער אַריינגעלייגט אויך זיין קאָפּ אין די רינגען. אָבער נבוזראדן האָט זיין קאָפּ אַרויסגענומען. ער האָט געזען אַ גרופּע פון זקנים איינגעקייט אין קייטן, האָט ער זיין האַלדז אויך אַריינגעלייגט אין די קייטן ביז נבוזראדן האָט ירמיהוס קאָפּ אַרויסגענומען.

האָט ער געוויינט אַנטקעגן זיי און זיי אַנטקעגן אים, און ער האָט זיי געזאָגט:

„ברידער און פאָלק מיינס: אַזוי איז אויף אייך געקומען' ווייל איר האָט זיך נישט צוגעהערט צו די רייד פון מיין נבואה".

אַז מען איז געקומען צום טייך פּרת האָט נבוזראדן געזאָגט: „'אויב איר ווילט, קומט מיט מיר אין בבל".

האָט ירמיהו ביי זיך געטראַכט:

„אויב איך וועל גיין מיט זיי אין בבל וועט קיינער נישט בלייבן וועלכער זאָל טרייסטן דעם גלות וואָס איז איבערגעבליבן אין ירושלים.

איז ירמיהו אַוועקגעגאַנגען. האָבן די געטריבענע געזען ווי ירמיהו גייט פון זיי אַוועק און האָבן זיך צעוויינט אויפן קול און האָבן געשריען:

פאָטער ירמיהו: אויף וועמען לאָזטו אונדז?

און דאָס איז וואָס עס שטייט געשריבן:

„ביי די טייכן פון בבל, דאָרט זענען מיר געזעסן און אויך געוויינט".

האָט ירמיהו געענטפערט און האָט געזאָגט:

„איך רוף עדות דעם הימל און די ערד, אַז ווען איר וואָלט איינמאָל אַזוי געוויינט בשעת איר זענט נאָך געווען אין ציון וואָלט איר אין גלות נישט געקומען".

שיין זענען די סימבאָלישע לעגענדעס, אַז פון די קברים זע־נען אויפגעשטאַנען אונדזערע אבות: משה רבינו, די מאַמע רחל און אַלע צדיקים און חסידים און האָבן געקלאָגט און געוויינט אויף ירושלים און זיך דערביי דערציילט וועגן די יסורים און צרות

וועלכע עס זענען אויסגעשטאַנען די העלדישע פּאַרטיידיקער פון דער שטאָט.

לעבעדיק און פרייוויליק האָט זיך קיינער נישט גערירט פון אָרט:

„מען האָט זיי אויסגעהרגעט מיטן שווערד. מען האָט געפּענ־טעט זייערע הענט פון הינטן. מען האָט זייערע פיס אַריינגעקאָוועט אין קייטן, נאַקעט האָט מען זיי געשלעפּט, אַ סך זענען געפאַלן טויט אונטערוועגס און געפרעסן זענען זיי געוואָרן פון פייגל און חיות; אַ סך האָט מען אויסגעשטרעקט אויף דער זון, הונגעריק און דורשטיק; אַלע האָבן געקלאָגט:

„וויי צו אונדז, וואָס איז געוואָרן פון אונדזערע קינדער... משה רבינו האָט פאַרשאָלטן די זון וואָס האָט זיך נישט פאַרפינצ־טערט ווען דער שונא איז געקומען אין בית המקדש און האָט געש־שריען אין אַ ברענענדיקן ווייטיק:

„וויי, וויי, דער היכל איז פאַרברענט, אונדזערע קינדערלעך זענען אויסגעהרגעט און זייערע טאַטע־מאַמעס ווערן געשלעפּט אין גלות".

אַזוי ווי אין שפּעטערע תפילות איז ירושלים אויך ביי די שיל־דערונגען פונעם ערשטן חורבן דער סימבאָל פון גאַנץ ארץ־ישראל. פאַרכאַפּט פון דעם יאָמער־געשריי וועלכן אברהם אָבינו האָט אויפגעהויבן פאַר גאָט, — האָבן די מלאכים געטענהט:

„עס זענען פאַרוויסט געוואָרן די וועגן; עס זענען צעשטערט געוואָרן די רייזע־שאָסייען; די וועגן וועלכע דו האָסט אויסגעלייגט קיין ירושלים כדי עס זאָל נישט אויפהערן אַהין די נסיעות — ווי זענען זיי פאַרוויסט.

די וועגן וואָס יידן זענען אויף זיי געגאַנגען הין און צוריק אין די יום־טובים — ווי זענען זיי צעשטערט!

ב

ירושלים איז דער דראַמאַטישער צענטער פון דער היסטאָרישער סצענע אין וועלכער עס וויקלען זיך פונאַנדער די שילדערונגען און באַשרייבונגען פונעם צווייטן חורבן. די דראַמאַטישע געשיכטס־כראָניק האָט איר ברען־פונקט אין ירושלים, וועלכע פאַרנעמט די מייסטע בלעטער פון דער געשיכטע וועגן די קאַמפן און דעם חורבן.

דאָ האָבן מיר שוין פאַר זיך נישט נאָר אַ סימבאָליק אָדער אַ רעליעף פון אַ רעאַליטעט. דער מקור איז נישט נאָר לעגענדעס און קינות. מיר האָבן פאַר אונדז אַ טאַלאַנטפולע באַשרייבונג פון דער מוראדיקער קאַטאַסטראָפע דורך אַ היסטאָריקער וואָס איז גלייכצייטיק אַליין אַ צענטראַלער העלד פון דער זיך פונאַנדערוויקלענדיקער דראַמע.

וועגן דער מענטשלעכער ערלעכקייט, נאַציאָנאַלער עטיק, דעם מאָראַלישן מוט און אמתדיקייט פון יוסף פלאַוויוס זענען די היסטאָריקער שטאַרק מחולק. זיין שטאַרקער טאַלאַנט אָבער אויפן געביט פון היסטאָריאָגראַפיע קען נישט אָפּגעפרעגט ווערן. זיין געשיכטע געהערט אָן ספק צו די בעסטע ליטעראַרישע שאַפונגען אין דער צייט.

פלאַוויוס איז דער ערשטער יידישער היסטאָריקער פון אַ גרויסן פאַרנעם און פון אַ פעסטער אָריענטאַציע. ביז אים האָבן מיר צו טאָן נאָר מיט כראָניק־שרייבער, הגם אָפט וואָגיקע און ערנסטע.

ביי דער צייכענונג פון דעם סך הכול פון זיין געשיכטלעכן קונסט־ווערק, שרייבט פלאַוויוס וועגן חורבן ירושלים אין אַ פאָרם וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געדאַנקען־וועלט פון יענער מענטשן־סביבה אין יענער תקופה.

„אַזוי איז געפאַלן ירושלים אין צווייטן יאָר פון אספאסיא־נוסעס רעגירונג. פינף מאָל איז שוין פריער ירושלים פאַרנומען גע־וואָרן און איין מאָל חרוב געוואָרן. צו ערשט מצרים, דאַן אַנטיוכוס, דערנאָך פּאָמפּעאוס צוזאַמען מיט הורדוס, אָבער זיי אַלע האָבן גע־לאָזן גאַנץ די שטאָט. פריער אָבער האָט זי שוין אָקופּירט דער מלך פון בבל און האָט פון איר געמאַכט אַ חורבן. דאָס האָט פּאַסירט 1468 יאָר און 6 חדשים נאָך דער גרינדונג פון ירושלים.

דער ערשטער וואָס האָט געבויט ירושלים איז געווען אַ הער־שער פון כנען, וועלכער האָט געהייסן „גערעכטער קעניג" (מלכי צדק). דאָס איז ער באמת געווען, און מחמת דעם איז ער פריער געווען אַ כהן און האָט געגרינדעט די שטאָט וואָס האָט פריער גע־הייסן סאלימא און דאַן ירושאלימא.

שפּעטער האָט דוד המלך פאַרטריבן די כנענים און פאַרנומען די שטאָט. 477 יאָר שפּעטער האָט בבל חרוב געמאַכט ירושלים.

פון דוד, דעם ערשטן מלך פון ירושלים, ביז צום חורבן־טיטוס זענען פאַרגאַנגען 1179 יאָר. פון דער ערשטער גרינדונג ביז צום צווייטן חורבן — צוויי טויזנט איין הונדערט און זיבעציק יאָר.

נישט דער הויכער עלטער פון דער שטאָט, נישט דער געוואַל־טיקער רייכטום, נישט ישראל אין דער תפוצה פון דער גאָרער וועלט, נישט איר הויכע רעליגיע האָט געקענט פאַרהיטן דעם חורבן.

דאָס איז געווען דער סוף פון דער באַלאַגערונג פון ירושלים.

פלאַוויוס שרייבט אין דעם טאָן פון אַ רבנן־קדיש אויף ירושלים.

אויך אין אַ שפּעטערן קאַפּיטל שטעלט אַוועק פלאַוויוס דעם חורבן ווי אַ סוף פון דער שטאָט פאַר אַלע צייטן.

ער שרייבט:

„נאָכן חורבן האָבן די רוימער נישט מער געהאַט די מעגלעכ־קייט צו מאָרדן, צו רויבן און אויף וואָס אויסצולאָזן זייער כעס.

דעמאָלט האָט טיטוס גוזר געווען, אַז די גאַנצע שטאָט צוזאַמען מיטן בית־המקדש זאָל מען לגמרי צעשטערן. נאָר דריי גרויסע טור־רעמס זאָל מען לאָזן כדי צו האָבן אַ סטראַטעגישן פּונקט און כדי די קומענדיקע גענעראַציע זאָל באַקומען אַ פאָרשטעלונג ווי געוואַל־טיק די שטאָט איז געווען באַפעסטיקט און האָט דאָך נישט גע־קענט רעזיסטירן דער העלדישקייט פון די רוימער.

אַלע איבעריקע טיילן פון דער שטאָט־מויער האָבן די זיגער גלייכגעמאַכט מיט דער ערד אַזוי, אַז אַ פרעמדער וועלכער איז אַהער געקומען האָט בשום אופן נישט געגלויבט, אַז אויף דעם אָרט האָבן ווען נישט איז געלעבט מענטשן.

אַזאַ טרויעריקן סוף האָט געהאַט די פּרעכטיקע וועלט־באַ־רימטע שטאָט ירושלים דורך דער שולד פון די משוגענע קנאים״.

אַז פלאַוויוס האָט געשריבן מיט חניפות און פניות כלפי די רוימער קען מען קלאָר אַרויסדרינגען פון דער תפילה וועלכע ער, פלאַוויוס, לייגט אַריין אין דעם מויל פון טיטוס .

טיטוס האָט אין דער תפילה מרמז געווען, אַז דער יידישער חיל איז געווען גרעסער ווי דער רוימישער:

„דאַנק, אַ סאַך דאַנק צאָל איך אייך מיינע סאָלדאַטן פאַר דער איבערגעגעבנקייט וועלכע איר האָט מיר באַוויזן, פאַר אייער דיס־ציפּלין וועלכע איר האָט מאַניפעסטירט אין משך פון דער מלחמה ביי די שווערסטע סכנות און פאַר אייער פערזענלעכן מוט, וועל־כער האָט דערצו געפירט אַז די ממשלה פון אייער פאָטערלאַנד האָט זיך אויסגעברייטערט און אַז די וועלט זעט איין אַז נישט אַ קעגנער וועלכער איז אַפילו קוואַנטיטאַטיוו גרעסער פון אונדז, ניט שטאַר־קע פעסטונגען, נישט גרויסע שטעט, נישט אַ משוגענער מוט, נישט חיהשע ווילדקייטן, קענען רעזיסטירן די וואָפן פון רוים. . .״

עס איז אַ ספק צו טיטוס האָט באמת אַזוי גערעדט. יאָזעפוס אַליין דערציילט אַ סך מאָל, אַז טיטוס האָט געצאַמעוועט די בעס־טיאַלישע מעשים פון זיינע סאָלדאַטן, און אַז פון דער אַנדערער זייט האָט טיטוס גופא אויסגעהרגעט פרויען, מענער און קינדער אָן אַ שום סיבה.

לגמרי אין סתירה צו די שילדערונגען פון פלאַוויוס וועגן דער

מלחמה איז דער פסוק, אַז דער רוימישער חיל איז געווען קלענער ווי דער יידישער.

די באַשרייבונג ערב דעם חורבן דערמאָנט קלאָר דעם פאַקט, אַז די רוימער האָבן נישט דורך זייער מוט באַזיגט די שטאָט. ווען אין דער שטאָט וואָלטן די יידן איינגעהאַלטן דעם שלום, דעם אַזוי גערופענעם בירגער־שלום און ווען זיי וואָלטן ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם כוח פון זייערע פעסטונגען, האָט דער חורבן פון ירושלים נישט געמוזט קומען.

פלאַוויוס שרייבט:

„נאָך דעם ווי אַ סך קנאים האָבן זיך שוין אָפּגעזאָגט צו פאַר־טיידיקן די שטאָט, האָט נאָך איין גרופּע זיך פאַרטיילט אויף דער מויער און האָט געזוכט צוריקצוּוואַרפן דעם שטורמענדיקן שונא. די רוימער אָבער, האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון, ערשטנס ווייל זיי זענען געווען קוואַנטיטאַטיוו אַ סך מער ווי די יידן און אויך דערי־בער ווייל זיי זענען פאַראויסגעגאַנגען מיט פרישן מוט קעגן פאַר־יאושטע און אויסגעשעפּטע מלחמה־מענטשן".

און ווייטער:

„ערשט איצט האָט זיך אַנטפּלעקט דער כוח פון גאָט איבער רשעות און דער מזל פון די רוימער. די טיראַנען („יוחנן גוש חלב און שמעון בן גיורא") האָבן פאַרגעסן צו דאגהנען פאַר זייער זי־כערקייט און זיי זענען אַראָפּגענידערט פון די טורעמס אויף וועלכע זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געקענט באַזיגט ווערן דורך כוח, נאָר דורך הונגער.

די רוימער אָבער, וועלכע האָבן געהאַט אַזוי פיל צרות כדי צו פאַרנעמען די שוואַכערע מויערן האָבן איצט לייכט אָקופּירט, פּשוט דורך מזל, די שטאַרקערע מויערן וועלכע זיינען נישט געווען איינצוברעכן נישט דורך באַלאַגערונג און נישט דורך וואָפן. די דריי טורעמס האָבן געהאַט גענוג קראַפט צו רעזיסטירן דעם שטורעם פון יעדער חיל און פון יעדער מאַשין".

און אין אַן אַנדער אָרט שרייבט פלאַוויוס:

„די רוימער אַליין האָבן נישט געגלויבט אַז זיי וועלן זיך אַרויפדראַפּען אויף די לעצטע מויערן און זיי האָבן אַפילו נישט

געוואוסט וואָס זיי זאָלן טראַכטן בשעת זיי האָבן אויף די מויער נישט געפונען קיין מענטשן.

מיטן אָפּענעם שווערד האָבן זיי איצט דורכגעשטורעמט די. גאַסן. יעדן וועמען זיי האָבן אָנגעטראָפן האָבן זיי געשלאָגן אויף טויט. זיי האָבן אונטערגעצונדן די הייזער אין וועלכע די יידן האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען. זיי האָבן גערויבט און געפּלינדערט.

זייער אָפּט, אָבער, האָבן זיי אין די הייזער געפונען גאַנצע משפּחות טויט. אויפן דאַך זענען געלעגן מתים וועלכע זענען גע־שטאָרבן פון הונגער. הגם זיי האָבן געפילט אַ טיפן רחמנות האָבן זיי דאָך ניט געזשאַלעוועט קיין לעבעדיקן מענטשן. אַלץ אויף וואָס זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אונטערוועגס האָבן זיי געטויט. די ענגע גאַסן זענען געווען אָנגעפילט מיט מתים, און די שטאָט אַליין האָט זיך געבאָדן אין בלוט. אַ סך שריפות זענען מיט בלוט פאַרלאָשן געוואָרן. גאַנצע נעכט האָט געברענט די שטאָט. ווען די שריפות האָבן זיך פאַרענדיקט, האָט אויף די חורבות פון ירושלים געשיינט די זון.

עס זענען אָבער געווען נישט מער ווי חורבות״.

דער אינערלעכער מצב פון דער באַלאַגערונג פון ירושלים האָט באַשיינפּערלעכע גלייכענישן ביים ערשטן חורבן און ביים צווייטן חורבן. אין דער אמתן איז די באַוואָפענונג פון די יידן גע־ווען שוואַך אין פאַרגלייך הן מיט די בבל־חילות און הן מיט די רוימישע לעגיאָנערן.

און שוין ביים ערשטן חורבן דערציילט דער געניאַלער נביא־שער מקונן, אַז:

„נישט געגלויבט האָבן די מלכים פון דער ערד און אַלע באַ־וואוינער פון דער וועלט אַז אַ באַדריקער און שונא וועט האָבן כוח צו קומען אין די טויערן פון ירושלים.

דער רוימישער גענעראַל דיא־קאַסיוס וועלכער האָט אַזוי ווי טאַציטוס און יאָזעפוס באַשריבן די העלדיש־יידישע חורבן־תקופה, דערציילט:

„נאָך די מפּלות פון די רוימער ביי די טויערן פון ירושלים איז געזונקען דער מוט פון די לעגיאָנערן, ווייל זיי זענען געווען

איבערצייגט אַז עס איז נישטאָ קיין כוח וואָס זאָל די שטאָט אָקו־פּירן".

די געפּאַלענע שטימונג ביי די לעגיאָנערן מוז אויך מודה זיין פלאַוויוס.

„קיינער פון די לעגיאָנערן, — שרייבט ער, — האָט נישט געקענט דערטראָגן דעם שטורעם פון די יידישע גיבורים, וועלכע האָבן ווי אַ נישט געצאַמעוועטע ווילדע חיה דורכגעריסן די באַלאַ־גערונגס־רינגען. די רוימען זענען אַנטלאָפן... אויך אויף די לע־גיאָנערן פון דער פעסטונג איז אָנגעפאַלן אַ פּחד, און אַפילו טיטוס אַליין האָט זיך צוריקגעצויגן ווייל ער איז געקומען אין סכנה.

די רוימער האָבן אָנגעהויבן צו גלויבן אַז קיין כוח קען נישט רעזיסטירן די יידן. צום סוף האָט דער מוט פון טיטוס אַליין געראַ־טעוועט די לעגיאָנען.

וועגן דעם אַז די יידישע פאַרטיידיקער פון ירושלים זענען געווען אַ סך קלענער אין צאָל פון די רוימישע לעגיאָנערן, זאָגט אויך עדות דער רוימישער גענעראַל דיא־קאַסיוס:

„די יידן האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן זיג אָפּצוגעבן זייער לעבן פאַרן בית־המקדש. ווי קליין עס איז אויך געווען די צאָל פון די קעמפנדיקע יידן כלפּי דער איבער־מאַכט פון די רוימער האָט מען זיי דאָך נישט געקענט בייקומען. ערשט ווען דער בית־המקדש האָט אָנגעהויבן צו ברענען האָבן זיי זיך פרייוויליק געוואָרפן אויפן שווערד פון שונא, אָדער האָבן געטויט איינער דעם צווייטן, אָדער זענען געשפּרונגען לעבעדיקערהייט אין פייער.

קיין ייד האָט דאָס נישט באַטראַכט פאַר אַ טויט, נאָר ווי אַ נצחון, ווי אַ זיג, ווי אַ יום־טוב, צו געפינען אַ קבר אונטער די חורבות פון בית־המקדש..."

לויט אַלע היסטאָריקער אָדער כראָניקער פון דער צייט האָט נישט בבל, נישט רוים געקענט ברענגען אויף ירושלים דעם חורבן, ווען נישט דער מוראדיקער בירגער־קריג אין שטאָט.

אויך דאָ זענען פאַראַן גלייכענישן צווישן דער צייט פון ערשטן חורבן מיט דער צייט פון צווייטן חורבן.

וועגן דער אינערלעכער מאָראַל פון ירושלים בשעת דעם

ערשטן חורבן, מאָלן די נביאים די שווידערלעכע בילדער וועלכע פאַרכאַפּן נאָך איצט מיט דעם אכזריות פון אַ פּרימיטיוו.

דער מאָרד פון זכריהו אין בית־המקדש איז נישט קיין איינצל־נער פאַל וועלכן מיר באַקלאָגן נאָך היינט יעדן יאָר און דערמאָנען יעדן תשעה־באב. אַזעלכע געשעענישן זענען לויט דער מסורה גע־ווען אָפטע דערשיינונגען.

ביים צווייטן חורבן איז די לאַגע אין ירושלים נישט געווען בעסער, נאָר גיכער ערגער. די בלוטיקסטע מלחמות און אַכזריות־דיקסטע מעשים האָבן זיך אָפּגעשפּילט צווישן יוחנן גוש חלב און שמעון בן גיורא, צווישן קנאים און חסידים, און צווישן די כיתות אונטער זיך.

אין מאָמענטן פון דער גרעסטער סכנה האָבן זיך די פיינט־לעכע פּאַרטייען פּאַראייניקט. די היסטאָריקער פון דער צייט קאָנ־סטאַטירן אַז דעמאָלט האָבן די רוימישע לעגיאָנען געליטן די גרעס־טע מפּלות.

„קוים אָבער איז געוואָרן רואיקער אויפן אויסערלעכן פראָנט האָט זיך מיט נאָך גרעסערער אינטענסיוויטעט אָנגעהויבן פונדאַסניי דער בירגער־קריג".

מען האָט נישט דעם רושם, אַז פלאַוויוס איז מגזם ווען ער דערציילט:

„מען איז געקומען אויף פּסח אין בית־המקדש מיט מעסערס, שפּיזן און דרענגער אונטער די קליידער און אין בית־המקדש האָט מען אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער און עס האָבן זיך פונאַנ־דערגעוויקלט רוצחישע געשעענישן, מיט יללות און געשרייען אַזש ביזן הימל... מען האָט געהרגעט און געטויט רואיקע מתפּללים און די מענטשן פון די קנאים־פּאַרטיי האָט מען מאַרטיריזירט מיט די שרעקלעכסטע יסורים.

דאָס האָבן אויסגענוצט די רוימער כדי אין דער צייט צו בויען שטיינערנע בערג וועלכע זאָלן דערלאַנגען צום הר הבית. באַלד אָבער האָבן זיך די יידן ווי רייסנדיקע חיות אַ וואָרף געטאָן אויף

די רוימער וועלכע זענען צערודערטע און צעשראָקענע צוריקגע־קוליעט.

טיטוס אַליין זאָגט אַז דער איינציקער יידישער וואָפן איז געווען דער יאוש.

„זייער כלי־זיין אין פאַרגלייך מיט די רוימישע גראַנאַטן און שיס־מאַשינען זענען געווען גאָר פּרימיטיוו. נאָר פיילן און שליי־דער־שטיינער זענען געווען אין זייער רשות. אַפילו ווען זיי האָבן פאַרכאַפּט פון די רוימער מאַשינען־געווער, האָבן זיי נישט פאַר־שטאַנען ווי זיך צו באַנוצן מיט דעם.

אָבער עס איז זיי נישט געגאַנגען אין לעבן. זייער לעבן האָבן זיי געקענט ראַטעווען ווען זיי גיבן זיך אונטער אַזוי ווי עס האָבן געטאָן אַנדערע פעלקער און לענדער. עס איז זיי געגאַנגען אין זייער זעלבסטשטענדיקייט, אין דער פרייהייט פון זייער אמונה, אין זייער אייגענעם קולטור־לעבן ווי אין די צייטן פון ערשטן חורבן, און ווי אין די צייטן פון די חשמונאים.

פלאוויוס דערציילט:

„בשעת טיטוס איז אַריינגעדרונגען אין דער אויבערשטער טייל פון שטאָט איז ער נתפעל געוואָרן נישט נאָר פון דער גע־שלאָסנקייט און פעסטקייט פון די מויערן, נאָר בפרט פון די הויכע טורעמס. בשעת ער האָט באַטראַכט די קאָלאָסאַלע בנינים, די ריי־זיקע שטיין־בלאָקן און די גענויאיקייט מיט וועלכע זיי זענען גע־ווען ווי צונויפגעגאָסן, ווי אויך זייער געוואַלטיקע לענג און ברייט, האָט ער אויסגערופן:

„מיר האָבן געקעמפט מיט גאָטס הילף", „גאָט איז עס גע־ווען ווער עס האָט פאַרטריבן די יידן פון די פעסטונגען. מיט הענט פון מענטשן און מיט כוח פון מאַשינען קען מען אַזעלכע טורעמס נישט באַצווינגען".

לויט דער אגדה האָט טיטוס זיך געשראָקן אַז אפילו נאָכן טויט וועט גאָט פון אים נקמה נעמען פאַרן חורבן פון ירושלים.

די אגדה דערציילט:

„בשעתן שטאַרבן האָט טיטוס אָנגעזאָגט:

„פאַרברענט מיין גוף און פאַרשפּרייט מיין אַש אויף זיבן ימים, כדי דער יידישער גאָט זאָל מיך נישט געפינען און אַוועק־שטעלן פאַר אַ געריכט״.

לויט פלאַוויוס, זענען אין ירושלים געפאַלן אין דער צייט פון צווייטן חורבן אַ מיליאָן און הונדערט טויזנט יידן. די מיינסטע זענען אומגעקומען פון מגפות און פון הונגער. אין אַלע שטאָט־רערן, אין קעלערס, אויף די בוידעמס, אין טונעלן און אין בונקערס׳ זענען געלעגן מענטשן טויטע און לעבעדיקע.

צוליבן פסח־יום־טוב איז מען פונעם גאַנצן לאַנד געקומען אין ירושלים. דאָ איז מען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער קאַטאַס־טראָפע.

* * *

ירושלים איז דעמאָלט ווי אַלעמאָל געווען דער סימבאָל פון יידישער שאַפונג, פון יידישן געדאַנק און פון יידישער פרייהייט. מיט ירושלים האָט טיטוס געהאַט בדעה צו דערשטיקן נישט נאָר דעם יידנטום, נאָר אויך די יידן אין זייער געשיכטלעכן פּראָצעס.

דאָס האָבן די יידן פאַרשטאַנען, און זיי האָבן זיך פאַרטיי־דיקט מיט די לעצטע כוחות ביז הונגער און חולאתן האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין אַ צעטומלעניש וואָס האָט פאַרלייכטערט פאַר די רוימער אַ כלומרשטן נצחון.

יידן האָבן פאַרצווייפלט פאַרטיידיקט די פעסטונגען ווי יודפת, מסדה און ביתר — יעדן קליינעם און גרויסן פונקט אין יעדער מלחמה און ביי יעדן אויפשטאַנד.

דאָס אַלץ אָבער זענען געווען פעריפעריעס.

די נשמה פון ישראל און פון ארץ־ישראל איז געווען און געבליבן ירושלים.

אַרום ירושלים האָט מען אַרומגעבויט ריזיקע מויערן און פעס־טונגען. קוים איז געפאַלן איין מויער האָט מען שוין געהאַט אויס־געבויט אַ צווייטע מויער. די דריי מויערן וועלכע האָבן אַרומגע־

גאַרטלט ירושלים ווערן נאָך היינט צוגערעכנט צו די שטאַרקסטע קונסט־געשעעניש פון דער אַנטיקער צייט.

יעדער איינגאַנג און יעדער אויסגאַנג פון ירושלים איז גע־ווען פאַרשאַנצט און פאַרבאַריקאַדירט. די טורעמס האָבן געהאַט ריזיקע הויכן, און וועכטער זענען געשטאַנען טאָג און נאַכט און האָבן אויפגעכאַפּט יעדן שאָרך, יעדן פאַרדעכטיקן ווינטל, יעדן וואַיען און יעדן הויך.

דאָ אין דער שטאָט אויפן הר־הבית איז געווען קאָנצענטרירט קדושה און גבורה, העראָאיזם און קידוש־השם. אויף צו ראַטעווען אַ פונקט אין דער הייליקער שטאָט איז מען געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער און קיין שום קרבן איז נישט געווען צו גרויס פאַר די באַשיצער פון דער שטאָט.

ירושלים מיטן בית־המקדש איז דער פייער־פאַקל פון ישראל און ארץ־ישראל.

אָן ירושלים איז ארץ־ישראל ווי אַ פאָלק אָן אַ נשמה, אָן אַ האַרץ אין ישראל.

אָן דעם ברען פון גאָטס שכינה.

און דער פייער־שטראָם ציט זיך דורכן צוויי־טויזנט־יאָריקן גלות, נאָכן חורבן פון פאָלק און לאַנד.

טאָרקוועמאַדאָס און היטלערס האָבן נישט געקענט דערשטיקן דעם פייער און מיר שטייען ווידער מיט התלהבות אין אונדזערע צייטן, אין אונדזערע טעג, מיט אונדזערע קינדער, מיט אונדזערע חלוצים.

מיר שטייען נאָך אַ קאַמף, נאָך אַ רעטונגס־פּראָצעס. מיר שטייען אין ירושלים, אָבער ירושלים איז נאָך נישט אינגאַנצן גע־ראַטעוועט. די אומות העולם האָבן נאָך נישט אויפגענומען אונדזער וויזיע, און די אַראַבישע פעלקער לאָקערן נאָך אויף דער שטאָט ווייסנדיק אַז מיט ירושלים איז פאַרבונדן דער קיום פון ארץ־ישראל.

ג.

זאָגט רבי משה חיים לוצאטו:

„טיף, טאָפּלט טיף, פאַרגייט זיך אין צער גאָטס שכינה. זי ווייטיקט אין בענקענישן צוליב איר אָפּגעריסנקייט פון אירע ליכטיקע הימלישע היימען, און וואַנדלענדיק מיט דער יידישער אומה אין גלות איז זי פאַראומערט פון אַ מורא־שחורה, איז זי פאַרפינצטערט און פאַריאָמער'ט צוליב די יסורים פון ישראל".

צוזאַמען מיט דער שכינה איז אויך נע־ונד דער אָנשפּאַר פון דער שכינה, איז אויך נע־ונד ירושלים.

אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַנטאַזיע־וועלט (אויך די אינטערנאַציאָנאַלע וועלט האָט פאַנטאַזיע) עקזיסטירט ירושלים זינט די צוויי טויזנט גלות־יאָרן ווי אַ חורבה פון אַ צעפלאָסענער און פונאַנדערגעגאָסענער וויזיע.

פאַר די קירכלעך־וואַטיקאַנישע עולי־רגל איז ירושלים אַ מין לעגענדאַרער פּויפּסטלעכער קאַטעכיזם וועלכער ליגט אויפן וועג צום גן־עדן, וועלכער מוז אפּנים אַרויסגליען פון אַ העלישן אינקוויזיציע־פייער וואָס ברענגט און בראָט אפּיקורסים.

זינט דורות איז אַ מצווה אין אים אַריינצושווימען דורך אַ בלוט־באָד און צוריקצוּוואַנדערן אין אַ וועלט פון זינד.

אויך פאַר יידן איז ירושלים אַ חורבה. צוויי טויזנט יאָר

אָבער לעבט ירושלים אין דער פֿאַנטאַזיע ווי אַ קוואַל פֿון וועלכן עס שטראָמט אַ פֿעסטע לעבעדיקע אמונה, אַן אמונה אין אַ גליק־לעכן לעתיד־לבוא פֿון דער מענטשהייט.

דאָס האָרץ, די נשמה פֿון פֿאָלק רייסט זיך דורך בערג און פֿעלדזן ווי אַ צוריקגעהאַלטענער שטראָם צו איר מקור, צום פֿאָלק ישראל אין גלות, און איז צעווייטיקט אין בענקעניש נאָך אַ באַ־העפֿטונג מיט אירע גלידער, יהודה, שומרון און גליל.

ווי אַ שאַפֿנדיקע אבילות, ווי אַן אוניווערזאַלע עלעגיע, מיט טענות און פּרעטענזיעס פֿון אַ וועלט־צער, שטייט ירושלים אין יידישן לעבן.

כדי זיך צו באַהעפֿטן מיט ירושלים, איר אויסצוהלומען אין איר פּראַכט און שיינקייט, כדי פֿון איר אויסצוווייטיקן משיח־צייטן איז נישט נויטיק דווקא צו פּילגרירן איבער קברים און צוריק־צובאַמבלען געפֿרעגלט אין נחת־רוח פֿון געהייליקטע.

יעדער בית־המקדש, יעדער קלויז, יעדער חדר, פֿון גרויס ביז קליין, וואו מען איז מתפּלל, וואו מען לערנט תורה, איז אַ קליינער בית־המקדש, וואו מען גאַרט נאָכן אמתן בית־המקדש׳ און פֿאַר־טיפֿט זיך אין לעתיד־לבוא.

יעדע תפילה איז דורכגעזאַפּט מיט דעם אַרכיטעקטאָנישן היכל, מיט דעם בנין פֿון לאַנד, מיטן קדשי־קדשים, מיטן כהן גדול און מיט די נביאים.

אשרי עין ראתה כל אלה.

בייטאָג און אין אָוונט, אין די בין השמשותן און ביינאַכט, אין תפילות און מזמורים, אין טאַנץ און עקסטאַז, אין דעם צניעות־דיקן תיקון חצות, אין דער היים, אין דער אייגענער שטוב, דורך דער סימבאָליק פֿונעם שוואַרצן ווינקל קוואַדראַט, האָבן מיר מקיים געווען און זענען מיר מקיים די שבועה וואָס מיר האָבן געשוואוירן ביי די טייכן פֿון בבל.

מיר האָבן אָבער נישט נאָר געשוואוירן אָם אשכחך ירושלים, נאָר אויך אַז מיר וועלן נישט זינגען על אדמת נכר, מיט די כלים פֿון בית־המקדש.

נישט נאָך אַ צלם, נישט נאָך אַ סימן פֿון הייליקן בלוט, נישט

נאָך הייליק ברויט און וואַסער האָט אונדזער גלות־לעבן אויסגע־גאַפט. דורך דעם מקור פון לעבעדיקן געשיכטס־שטראָם מיטן פּנים צום גרויסן שבת פון לעתיד־לבוא, פאַר דער נאַציע און פאַר דער מענטשהייט, חלומען מיר אונדזער גאולה אין טרויער און אין שמחה.

די גאולה פון ירושלים.

אונדזער משיח איז נישט געצלמט. געפּענטעט זיצט ער ביי די טויערן פון רוים און קומט נישט פון פלעק. אונדזער געשיכטע איז פאַרהאַרטעוועט, אָפּגעשוואַכט איז איר ראיה, זי בלאָנדזשעט און איז אומעטום אַן אורח מיט פּרעטענזיעס, אַ נישט־געבעטענער, צווישן פרעמדע, זייער אָפט לגמרי פרעמדע.

משיח מוז באַפרייט ווערן, צוריקגעבראַכט ווערן צו זיין קוואַל, צו זיין מלכותדיקער היים, אויפן וועג פון אייגענער גע־שיכטע, פון העכסטן אייביקן קולטור־המשך.

די צדיקים וואָס זענען געגאַנגען זיך אָנזאָפן מיט די חורבות פון אַמאָליקן פּראַכט זענען נישט געגאַנגען כדי צוריקצוקומען ווי געהייליקטע, ווי משיחיש־געזאַלבטע דורך ווייראך און פינזל־וואַ־סער. זיי זענען דאָרט געגאַנגען צו בלייבן און צו בויען, כדי מקיים צו זיין דעם אימפּעראַטיוו פון בנה ירושלים, כדי אויסצופלאַסטערן און אויסצואוּווייטיקן אַ וועג פאַר דער שכינה:

המחזיר שכינתו לציון...

כדי אַריבערצוטראָגן די יסורים און דעם ווייטיק פון ירושלים של מטה, האָט די השגחה אויסגעכישופט נאָכן חורבן אַ ירושלים של מעלה.

אַ פאַר־בילד, אַ מוסטער פאַר דער אויפריכטונג פון ירושלים של מטה.

פּסקנט טאַקע רבי יוחנן:

דער רבונו של עולם נידערט נישט אַראָפּ אין ירושלים של מטה איידער ער נעמט נישט אויף די קדושה פון ירושלים של מעלה.

ווען די חכמי האומות אין לייק־סוקסעס און אין דער גאַרער וועלט האָבן כוח און מוט זיך צו דערגרונטעווען צו די פיינסטע פעדים און צו די הייליקסטע וואָרצלען פון אַ פּראָבלעם, וועלן זיי

די אינטערנאַציאָנאַליזירונג נישט אָנהויבן פון ירושלים של מטה, נאָר פון...

ירושלים של מעלה.

זיי וועלן האָבן מער הצלחה אין זייער בכבודיקער פּאַראיינ־טריגירטער דיפּלאָמאַטיע.

זאָלן זיי טאַקע אויף אַן אמת זיך מיט אונדז פאַרמעסטן אויפן קאַמפּס־שליאַך פון אוניווערסאַלער אינטערנאַציאָנאַליזאַציע.

* * *

וויפיל יידן זענען געקומען קיין ציון פון חורבן ביז שיבת ציון?

גרויסע חשבונות זענען אויף דעם נישט נויטיק. סוף כל סוף זענען עס דאָך נאָר אַ קליינע הייפעלע פון פחדנים און בוגדים וואָס האָבן אויסגעמעקט ציון און ירושלים פון סידור און פון הארץ.

דער המון־העם, אָבער, איז אַלע מאָל געווען אין דער היילי־קער שטאָט און איז אַלע מאָל געבליבן איבערצייגט אַז מען טאָר נישט מחלל זיין די קדושה פון ירושלים דורך דעם וואָס מען וועט איר אַריבערברענגען צו די פעלקער, נאָר אומגעקערט, זי וועט דער־גרייכן איר הויך־פונקט פון איר שעפערישקייט דורך דעם וואָס אַלע פעלקער וועלן קומען צו איר.

ונהרו אליו כל הגויים..

לכו ונעלה בית ה׳

און זאָגט די גמרא:

עתידה ירושלים להיות פנס לאומות העולם — ירושלים איז גרייט צו ווערן אַ פייער־פאַקל פאַר אַלע פעלקער.

און באמת, מיר פּרעטענדירן צו זיין דער איינציקער כוח אין דער וועלט וואָס האָט אינטערנאַציאָנאַליזירט און וועט אינטער־נאַציאָנאַליזירן ירושלים.

נישט ווי מען וויל עס טאָן אין לייק־סוקסעס, נישט הינטער די קוליסן פון זון און שטערן. נאָר אין מיטן העלן ליכטיקן טאָג.

פאַקטיש האָבן די יידן, די עליטע פון יידנטום, נישט גע־

װאַרט אויף קיין שבת און יום־טוב כדי עולה צו זיין קיין ירושלים.

קיין איין חודש, קיין איין װאָך, קיין איין טאָג, האָט זינט דעם חורבן די עליה נישט אויפגעהערט.

אַפילו װען מען האָט נישט דערלאָזן די יידן דאָרט אויפ־שטעלן זייער געצעלט, אַפילו װען מען האָט זיי גערודפט און גע־מאַטערט, זענען יידן פון אַלע עקן װעלט, ביחידות און אָפט בציבור געקומען קיין ירושלים.

דורך סטעזשקעלעך און לעכער האָבן זיי זיך אַהין אַריינגע־צאַפּלט.

זיי זענען געקומען נישט װי יחידים — נאָר װי שליחי־ציבור.

נאָכן אויפשטאַנד פון בר־כוכבא, נאָך די גזירות פון אדריאַנוס, נאָך דער תקופה פון די אמוראים, ד״ה נאָך די ערשטע פאָר הונ־דערט יאָר נאָכן חורבן האָבן מיר ידיעות פון די ערשטע טאָטעס פון קירכלעכן לעבן װעגן די יידן אין ירושלים.

יעראָנימוס און אויסביוס מאָלן אין שװאַרצע, שוידער־פאַרבן דאָס לעבן אין שטאָט און באַשטעטיקן, אַז יידן האָבן בכלל אַהין נישט געקענט אַריינקומען. נאָר װיינען אויף די חורבות פון שטאָט און אויפן בית־המקדש האָט מען זיי דאָרט דערלויבט.

אָבער דאָס האָט זיי נישט אָפּגעשראָקן. זיי זענען געקומען װיינען און בעטן, אַז ירושלים זאָל װידער װערן די מעטראָפּאָליע פון דער װעלט.

טעאָדאָסיוס דער צװייטער (פון 408—450) האָט געאסרט צו בויען אין ירושלים נייע בתי־מדרשים. פון די יידן איז אַװעק־גענומען געװאָרן די רעכט אויף דער אינערלעכער אויטאָנאָמיע. די נשיאות װאָס האָט עקזיסטירט ביז 429 איז בטל געװאָרן.

פּאָגראָמען ברעכן אויס; בתי־מדרשים װערן צעשטערט. קאָנ־סטאַנטין דעקרעטירט פונדאָסניי די גזירה פון אדריאנוס נאָך דעם װי דער איסור איז בטל געװאָרן אין יאָר 362.

יעראָנימוס דערציילט מיט שמחה:

„ביז אויף דעם היינטיקן טאָג טאָרן נישט װאוינען אין שטאָט די יידישע בוגדים װעלכע האָבן געמאָרדעט גאָטס דינער און בפרט גאָטס זון. זיי מעגן נאָר אַהין קומען אויף קינות, און אַפילו כדי

צו וויינען אויפן חורבן פון זייער לאַנד האָבן זיי נישט קיין רעכט אויב זיי באַצאָלן נישט דערפאַר. זיי זענען געצוואונגען צו באַצאָלן פאַר זייערע טרערן. אפילו וויינען לאָזט מען זיי נישט אומזיסט. אין דעם טאָג ווען די שטאָט איז חרוב געוואָרן דורך די רוימער (תשעה־באב) קומען די פאַרשעמטע און דערנידעריקטע יידן, זקנים און זקנות, וועלכע האָבן שוין מער נישט קיין כוח, אַנגעטאָן אין שמאַטעס, אַזוי אַז דורך זייער אויסערלעכקייט און זייער קליידונג דערקענט מען שוין גאָטס צאָרן... נאָך פליסן פון זייערע אויגן טרערן... זיי קלאָגן אויפן בית־המקדש וואָס איז פאַרברענט גע־וואָרן אויף אַש... אויפן מזבח וואָס איז צעשטערט געוואָרן, אויף די אַמאָל באַפּעסטיקטע שטעט, אויף די הויכע טורעמס פון בית־המקדש".

יידן אָבער האָבן טאַקע באַצאָלט געלט און זיי זענען געקומען קיין ירושלים, און זיי האָבן געוויינט, און זיי האָבן געהאָפט.

גאָר שטאַרק האָבן זיי געהאָפט. זיי זענען געווען איבערצייגט אַז באַלד מוז קומען משיח.

אין יאָר 440 האָט זיך אַנטפּלעקט אַ משיח מיטן נאָמען משה. ער האָט פאַרזיכערט אויסצולייזן דאָס פאָלק און אים אויף די וועגן פון וואונדער צו ברענגען קיין ארץ־ישראל. אום פסח איז משה אַרויסגעגאַנגען באַגלייט פון אַ גרויסן המון מאמינים ביים ברעג ים. זיי האָבן געוואָלט שפּאַלטן דעם ים, זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז דער ים וועט זיך שפּאַלטן. די מייסטע זענען אונ־טערגעגאַנגען, וויניקע האָבן זיך געראַטעוועט.

לויט דאָקומענטן וועלכע מען האָט געפונען אין דער לעצטער צייט וויסן מיר אַז אין יאָר 400 זענען געווען אין ירושלים אַ סך יידן און שומרונים. אַ סירישער מאָנאַך, בר זומא, דערציילט אַז ער אַליין איז צום צווייטן מאָל אין די יאָרן 419 ביז 422 געקומען קיין ירושלים. אויך דעמאָלט זענען דאָרט געווען אַ סך יידן, און ער דערציילט ציניש ווי זיין חבריה האָט אונטערוועגס און אין ירושלים געמאַכט אַ חורבן פון אַלע יידישע בנינים און אַלע יידישע הייליקטימער.

אינטערעסאַנט זענען די שילדערונגען וועלכע געפינען זיך

אין די דאָקומענטן וועגן דער נסיעה פון דער סירישער קייסערין אידוקיה:

„מיט אַ סך כבוד האָט מען איר מקבל־פּנים געווען אונטער־וועגס אין אנטיוכיא. די יידן פון גליל זענען צו איר געקומען און האָבן געבעטן אַ דערלויבעניש מתפלל צו זיין אויף די חורבות פון בית־המקדש אין ירושלים. זי האָט זיי אויף דעם געגעבן אַ היתר און דאָס האָט אַרויסגערופן ביי די יידן גאולה־האָפענונגען.

די יידן פון גליל האָבן וועגן דעם באַלד מודיע געווען זייערע ברידער אין גלות און האָבן געבעטן אַז אַלע זאָלן קומען קיין ירושלים אויף סוכות. לויט דעם ביאָגראַף פון בר זומא, זענען געקומען אין ירושלים נישט מער ווי הונדערט טויזנט יידן, אָבער פון אַ באַהעל־טעניש האָט מען אָנגעהויבן די יידן באַוואַרפן מיט שטיינער. די יידן האָבן זיך פאַרטיידיקט און זיך מיט הצלחה פאַרטיידיקט. אָבער פון אַלע זייטן זענען צוזאַמענגעשטראָמט קריסטן און בשעת זיי זענען געווען אין אַ געוואַלטיקער איבערמאַכט האָבן די יידן זיך געמוזט צוריקציען.

דאָ איז דער נוסח פון אַ בריוו, וועלכן די יידן פון גליל האָבן דעמאָלט געשיקט צו די יידן אין גלות:

„צו דעם גרויסן און שטאַרקן יידישן פאָלק!

פון די כהנים און פון די פירער פון די יידן אין גליל:

שלום!

„זייט וויסן אַז עס איז געקומען דער סוף צו דעם גלות פון אונדזער פאָלק. עס איז געקומען דער טאָג ווען אונדזערע שבטים וועלן זיך צונויפזאַמלען. די רוימישע מלכים האָבן באַפוילן, אַז עס זאָל אונדז צוריקגעגעבן ווערן ירושלים. באַאיילט זיך און קומט קיין ירושלים אויף סוכות. דען אונדזער מלכות מוז אויפגעשטעלט ווערן אין ירושלים".

דער תלמוד דערציילט אַז קנאים פון בבל האָבן געבראַכט צו קבורה זייערע מתים קיין ירושלים, און אַז אַ געוויסער תלמיד־חכם האָט יעדע שעה זיך אַריינגעגנבעט אין די חורבות פון דער הייליקער שטאָט.

תלמודישע מקורות און גויישע כראָניקעס דערמאָנען שטענ־
דיק אַז אין די יאָרן זינט דעם חורבן איז ירושלים איין איינציקע
חורבה, און אַז דער הר־הבית איז אַ מיסט־באַרג, און אַז וועגן
אַ יידישן ישוב אין שטאָט איז זייער שווער צו רעדן.

אין דער ביזאַנטישער צייט איז ירושלים געווען קריסטלעך־
אינטערנאַציאָנאַל און איז געבליבן אַ חורבה. זי האָט געמוזט בלייבן
אַ חורבה כדי צו בלייבן אינטערנאַציאָנאַל.

ד

הײנטצײטיקע תלמידי חכמים באַװײזן אַז אין זעקסטן יאָר־הונדערט איז װידער אױסגעװאַקסן אין ירושלים אַ ײדישער ישוב.

אַפּילו װעגן ספּעציפיש־ײדישע שטײערן װערט דערמאָנט אין די היסטאָרישע דאָקומענטן װעלכע מען האָט געפונען בײ די לעצטע אױסגראָבונגען.

גענוג פאַר אונדז צו װיסן, אַז אױך אין דער צײט פון ביזאַנץ, װען אַ ײדישער פוס האָט נישט געטאָרט אַריבערטרעטן דעם הײליקן באָדן, האָבן ײדן אײנגעשטעלט זײער לעבן כדי צו זיצן אין ירושלים, כדי צו בױען אין ירושלים.

מען װײסט אַפילו אַז אין זיבעטן יאָרהונדערט האָבן די מושלים אַרױסגעגעבן אױף ײדן אַ גזירת שמד.

ירושלים איז אַ חורבן אין דער תקופה פון דער רױמישער הערשאַפט ביז ביזאַנץ (70 ביז 315), און די חורבה װערט אַלץ גרעסער און גרעסער אין דער צײט פון ביזאַנץ (315 ביז 633).

מיט דער אַראַבישער אָקופּאַציע װערט לײכטער די ײדישע עליה קײן ירושלים, הגם די קריסטלעכע תושבים האָבן בײ דעם איבערגעבן די שטאָט אױסגענומען אַ תנאי, אַז פאַר ײדן זאָל זײן פאַרבאָטן צו האָבן אין ירושלים אַ פּערמאַנענטן װאױנ־אָרט. אין

אַ בריוו פון דער ירושלימער קהילה צום גלות אין צענטן יאָרהונ־דערט ווערט געזאָגט:

„פרעמדע געפינען זיך אויף די הייליקטימע ערטער פון גאָטס הויז. מיר טראָגן דאָרט דעם יאָך פון פרעמדע פעלקער. די איינ־איינציקע נחמה אונדזערע קען נאָר זיין אויב אונדזערע ברידער די יידן וועלן זיך צונויפזאַמלען אין ירושלים אין מאָנאַט תשרי כדי זיך איבערבעטן מיט אירע שטיינער און זיך צו באַגנאַדן מיט איר ערד און אַרומצוגיין אַרום די טויערן".

די בריוו־שרייבער זענען מודיע אַז די אַראַבער האָבן מתיר געמאַכט די יידן צו קומען קיין ירושלים וואו זיי האָבן נישט גע־טאָרט וואוינען זינט אדריאַנוס, און זיי דערציילן אַז יידן זענען געקומען און האָבן זיך באַזעצט נאָענט צום בית־המקדש.

א תנאי האָט מען מיט זיי אויסגענומען: אַז זיי זאָלן אָפּהיטן דעם *כבוד פון בית־המקדש, קיינערליי שמוץ טאָר זיך אין דער נאָענט נישט געפינען. זיי מעגן מתפלל זיין ביי די טויערן. קיינער וועט זיי נישט פאַרווערן.

די יידן האָבן אָפּגעקויפט דעם הר הזיתים, און דעם טאָג „הושענא" האָבן זיי דאָרט מתפלל געווען אַנטקעגן גאָטס היכל.

„דער בורא יתברך האָט אונדז געגעבן חסד אין די אויגן פון מלכות ישמעאל. בשעת אדום האָט זיך געמוזט אונטערגעבן און מיר האָבן באַקומען דעם זכות צו וואוינען נאָענט צום בית־המקדש. דער תנאי איז אַז מיר, די בני ישראל, מוזן רייניקן דעם פּלאַץ פון מקדש. מיר האָבן געקויפט דעם הר הזיתים און מיר האָבן אַנטקעגן פון גאָטס היכל מתפלל געווען אין טאָג פון הושענא".

אויך אַן אַראַבישער שרייבער (מגיר אמדין) רעגיסטרירט אין זיין כראָניק אַז דער מעדזשעט אל אקצא האָט געהאַט יידישע שמשים וועלכע זענען געווען פטור פון שטייערן, אָבער האָבן גע־מוזט אָפּרייניקן דעם מעטשעט פון אַלע שמוץ און האַלטן ריין דאָס וואַסער וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אַרום דעם מעטשעט.

די יידישע שמשים האָבן געמוזט דאַגהנען פאַר דער זויבער־קייט פון אַלע גלאָז־איינריכטונגען, פאַר די מנורות און פאַר אַלע אַנדערע מכשירים און הצטרכותן פון מעטשעט. לויט דעם דאָזיקן

כראַניקער איז דאָס געווען אַ הייליקער זכות פאַר די יידן און פאַר זייערע קינדער.

מען ווייסט אַז אין שטאָט האָט מען געלאָזט 70 יידי־שע משפחות און מען האָט זיי דערלויבט אַפילו זיך באַנוצן פאַר טבילה די וואַסערן פון השלוח־קוואַלן. די טבילה־פּריווילעגיע ווערט אָבער גיך אָפּגענומען ביי די יידן.

אין דער לעצטער צייט האָט מען געפונען אַ יידישע כראָניק אויף אַראַביש און דאָרט ווערט די לאַגע אויף דעם פאָלגנדיקן אופן געשילדערט:

„די מוסולמענער זענען אַריינגעקומען אין שטאָט צוזאַמען מיט אַ יידישער קבוצה. מען האָט באַפוילן די יידן אויסצוקערן דעם הייליק זאָרט און אים צו האַלטן ריין. אין יעדער רגע האָט מען זיי קאָנטראָלירט. די יידן האָבן אַריבערגעשיקט אין גאַנץ ארץ־ישראל דעם אָפּמאַך וועלכן זיי האָבן געהאַט מיטן קאָמאַנדאַנט. זיי האָבן געפרעגט דעם קאָמאַנדאַנט, וויפיל יידן וועלן מעגן וואוינען אין שטאָט? דער קאָמאַנדאַנט האָט אָנגעפרעגט ביים פּאַטריאַרך און דער פּאַטריאַרך האָט געפּסקנט אַז 50 משפחות זאָלן מעגן וואוינען אין ירושלים. די יידן האָבן געפאָדערט צוויי הונדערט. דאָס דינגע־ניש האָט לאַנג געדויערט ביז מען האָט מסכים געווען אויף זיבעציק משפחות.

דאַן האָט מען אונדז געפרעגט: וואו ווילט איר וואוינען? האָבן די יידן געזאָגט: אין דער דרום־זייט פון שטאָט. דאָרט זאָל זיין דער יידישער קוואַרטאַל. די כוונה פון דער בקשה איז געווען אַז מען זאָל מעגן זיין אין דער נאָענטקייט פון מקדש און פון זיינע טויערן און אַז זיי זאָלן מעגן באַנוצן דעם השילוח־קוואַל אויף טבילה. דער עמיר פון די מאמינים האָט אויף דעם מסכים געווען, און פון טבריה זענען אַריבער קיין ירושלים 70 משפחות.

ווייטער דערציילן די שטאָט־מנהיגים:

„זייט וויסן אַז די גוים האָבן אונדז אָנגעטאָן אַ סך שלעכטס, און נאָר דורך גאָטס חסד האָט מען אויף אונדז אַרויפגעלייגט די לאַסט צו זאָרגן פאַר ירושלימס הצטרכותן, צו וואַכן איבער די מיסט־אויסגוסן, צו רייניקן די ריך־שטיינער, צו פאַררכטן די מויי־

ערן, צו באַדינען די באַשיצער און היטער און מקיים צו זיין דעם ווילן פון אירע הערשער און מיליטערישע בחורים.

ווען נישט דאָס וואָלטן מיר דאָ נישט געהאַט קיין תקומה, וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו לעבן אין שטאָט מיט זיי צוזאַמען.

אונדזער אַנשפּאַר איז דער שוחד. זיי האָבן געזוכט אַ היתר פאַרן שוחד, און האָבן אַזאַ היתר געפונען אין דעם אינטערעס פאַר די יידישע הייליקטימער „אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין מלכים ב׳ ביי אסא און חזקיהו:״

„אין אונדזער צייט ווען מיר האָבן נישט קיין צוגעגרייטע הייליקטימער און קיין אַנשפּאַר ווי נאָר אויפן רחמנות פון הימל און פון אחינו בני ישראל מוזן מיר אייך שרייבן, אַז מיר זענען געבליבן ווייניק און אַז מיר האָבן דורכגעמאַכט גרויסע צרות פון הויכע אָפּצאָלן און פון מלחמות; דאָס האָט אויפגעגעסן דאָס לאַנד און די שטאָט און די איינוואוינער. מיר קענען די מלחמות ניט מפרסם זיין ברבים. אַלע איינוואוינער פון לאַנד זענען מיט אונ־דזערע צרות באַקאַנט. מיר זענען געבליבן אָן פרנסה. דער רוב פון אונדז איז אויסגעשטאָרבן, די איבעריקע זענען פאַראָרעמט. כדי צו דערפילן די אָפּצאָלונגען און צו רעספּעקטירן די געזעצן מוזן מיר לייען געלט אויף פּראָצענט, און צוליב דער לאַסט פון די חובות און פון די פּראָצענטער זענען מיר געצוואונגען אונדז צו ווענדן צו די ווייטע ערטער און צו זאָגן: האָט אויף אונדז רחמנות, העלפט אונדז, ווייל מיר זענען אייערע שומרים און די שומרים פון אַלע וואָס וועלן קומען. מיר אַליין קענען נישט אויסהאַלטן די לאַסט, עס טאָר אָבער נישט פאַרניכטעט ווערן דער אַנשפּאַר־פּונקט אין דעם הייליקן אָרט״.

מיט אַזעלכע בריוו האָט מען דעמאָלט אַרויסגעשיקט משולחים אין דער וועלט. דער דעמאָלטיקער באַרימטער גאון פון ירושלים, רבי שלמה בן יהודה, שרייבט אין אַ בריוו:

„די בני ישמעאל האָבן איבערגעלאָזט די יידן אין שטאָט ביים בפירושן תנאי אַז זיי זאָלן טראָגן אַלע שטאָט־לאַסטן און מקיים

זיין די באַפעלן פון די הערשער און באַפרידיקן די נויטן פונעם מי־ליטער״.

האַרט און ביטער איז דעמאָלט געווען דאָס לעבן פון די יידן אין ירושלים.

אַ פירער פון די קאַראַאימער, וועלכער האָט זיך דעמאָלט באַזעצט אין דער שטאָט, דער באַוואוסטער סאלאמאָן בן ירוחם, דערציילט אַז וואו די ישמעלים האָבן נאָר געקענט האָבן זיי פּריטש־מעליעט די יידן.

מען האָט באַגרענעצט זייער רעכט מתפלל צו זיין ביים בית־המקדש, און אויך די ערלים (קריסטן) האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ און גאָר אָפּט מכבד געווען די יידן מיט גוטע קלעפּ. זיי ווילן אונדז אַרויסשטויסן פון ירושלים, אָוועקשטעלן אַ מחיצה צווישן דער שטאָט און אונדז, און ער רופט אויס:

„שווער איז דער יאָך אונטער וועלכן זיי האַלטן אונדז״.

⁂

די באַוועגונג פון די קאַראַאימער צו גיין קיין ירושלים איז דעמאָלט געווען שטאַרק. די מיינסטע זענען געלאָפן פון בבל ווייל דער ראש הגולה, האָט זיי גערודפט און אַ חוץ דעם האָבן זיי ווי אַ גייע כיתה געזוכט אַן אָנשפּאַר אין דער תורה וועלכע גייט אַרויס פון ציון.

אין ירושלים האָט זיך געפונען אַ יידישע כיתה אונטערן נאָמען „אבילי־ציון״. די מיטגלידער פון דער כיתה האָבן שטענדיק געקלאָגט און געוויינט אויפן חורבן פון בית־המקדש, האָבן גאַנצע טעג מתפלל געווען און געוואַרט אויף גאולה. אין דער יידישער ליטעראַטור פון ניינטן יאָרהונדערט ווערן זיי דערמאָנט און עס איז געווען דעמאָלט אַ מנהג אַז אין די לענדער פון די תפוצות האָט מען געגעבן ספּעציעלע נדבות פאַר די אבילי־ציון.

דער רייזנדער רבי בנימין פון טודילא שילדערט די אבילי־ציון פון תימן:

„די נזירים פונעם דור זענען די אבילי־ציון און די אבילי־ירושלים. זיי עסן ניט קיין פלייש און טרינקען ניט קיין ווייַן, זענען אָנגעטאָן שוואַרץ און זיצן אין היילן אָדער אין פאַרבאַרגענע הייזער און פאַסטן זייער גאַנצן לעבן אַ חוץ שבתים און יום־טובים און בעטן רחמים אויף גלות ישראל, אַז עס זאָל גיך קומען די גאולה.

„צו די אבילי־ציון האָבן זיך אָנגעשלאָסן די קאַראַאימער.

„צייטנווייז זענען די קאַראַאימער געקומען צו השפעה, זיי זענען געוואָרן מקורבים צו דער מאַכט. ביי אַזאַ מצב האָבן די יידן געליטן נישט נאָר פון די גויים נאָר אויך פון די קאַראַאימער.

אין אַ בריוו פון יאָר 921 דערציילט דער גאון בן מאיר אַז זיינע עלטערן האָבן שטאַרק געליטן פון די קאַראַאימער און אַז איינער פון זיי, רבי מוסי, איז געהרגעט געוואָרן אין בית־המקדש דורך איינעם פון עננס קינדער און ער איז מוסיף:

„און אויך מיר האָבן געמוזט אַריבערטראָגן גרויסע און שווערע צרות און תפיסה און מלקות ביז יציאת נשמה פון עננס קינדער, וועלכע זענען אונדזערע שונאים".

אין צענטן יאָרהונדערט האָבן די קאַראַאימער דערגרייכט אַ גרויסן קולטורעלן אויפשטייג. חכמים מיט השפעה זענען פון זיי אַרויסגעקומען: ביבל־קריטיקער, משוררים, שפּראַך־פאָרשער, פילאָזאָפן און איבערזעצער. דער ערשטער וועלכער איז אונדז באַקאַנט איז סאָלאָמאָן בן ירוחם, וועלכער האָט מחבר געווען אַ פירוש אויפן תנ"ך.

אין ניינטן און צענטן יאָרהונדערט שיקן אַרויס די קאַראַאימער בריוו אין דער תפוצה און רופן די מאַסן עולה צו זיין קיין ירושלים.

באַקאַנט איז דער בריוו פון דניאל בן משה אלקומסי, וועלכער שטעלט אָוועק דעם חוב פון עליה ווי אַן עיקר פון יידישן לעבן. ער געפינט שאַרפע ווערטער „קעגן די נבלים פון ישראל וועלכע פאַרשפּרייטן אַז יידן זאָלן נישט עולה זיין קיין ירושלים ביז משיח וועט קומען ווייל מען וועט זיי פון דאָרט אַרויסוואַרפן. מיר מוזן, זאָגט ער, קומען קיין ירושלים; מיר מוזן זיך אָוועקשטעלן

פאַר גאָט אין אבילות, אין תענית, און קיינער טאָר נישט זאָגן, אַז ער גייט נישט קיין ירושלים צוליב די גזלנים און גנבים אָדער ווייל דאָרט איז נישטאָ קיין פּרנסה. עס איז דאָך משונהדיק, טענהט ער, אַלע פעלקער קומען פון אַלע עקן וועלט קיין ירושלים יעדן חודש און יעדן יאָר׳ און פאַרוואָס קומט איר נישט, אחינו בני ישראל? נאָר צוליב דעם ווייל איר זשאַלעוועט אייער געלט און אייערע סחורות? קומט אַהער, לאָמיר זיין איין־איינציקע אגודה, כדי מיר זאָלן דאָ בעטן פאַר אונדזערע ברידער אויף די בערג פון ירושלים״.

אַ צווייטער בריוו איז געשריבן פון אַן אַנדער קאַראַאימישן חכם, וועלכער איז דער מחבר פון פירושים אויף תנ״ך און אַ העב־רעאישער גראַמאַטיק און וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ סך אַפּאָ־לאָגעטישע שריפטן לטובת די קאַראַאימער.

ער שרייבט:

„נעמט זיך צונויף, איר יידן אין גלות. נעמט צונויף אייערע ברידער און קומט אַהער. פאַרלאָזט אייער האַנדל, פאַרגעסט אייער משפחה, פרעמד איז אייער געבורטס־לאַנד, אייערע פלייש־טעפּ און אייער שיגרות. קריצט איין אין אייער זכרון די קדושה פון ירושלים. געדענקט די דערנייערונג פון ישוב נאָך דער אַראַבישער אָקופּאַציע, און זייט וויסן: „אַז ירושלים איז אין דער צייט אַ רעטונג פאַר אַלע וועלכע מוזן אַנטלויפן, אַן אָפּרו פאַר אַלע אבלים און אַן אָנשפּאַר פאַר יעדן אָרימאַן און אביון״.

נאָכדעם ווי ער שרייבט ווערטער פון אבילות און אַ הספד אויף דעם חורבן פון ירושלים, ענדיקט ער מיט ווערטער פון נחמה און שמחה.

אין די בריוו געפינט מען גענויע ידיעות וועגן דעם לעבן פון די קאַראַאימער אין ירושלים אין די לעצטע דורות. עס פעלן אויך נישט קיין היסטאָרישע דאַטן וועלכע דאָקומענטירן, אַז אין ירושלים זענען ווייניק יידן געווען ערב דער אַראַבישער אָקופּאַציע.

„די יידן, זאָגט ער, פון מזרח זענען געקומען קיין טבריה דאָרט מתפלל צו זיין; די פון מערב זענען געקומען קיין עזה, און פון נגב איז מען געקומען אין דער מדינה פון צור״.

אַז די יידן האָבן בשלימות מקיים געווען די שווערע התחיי־
בותן איז אַרויסצודרינגען פון דעם פאַקט אַז לויט די אַראַבישע
היסטאָריקער איז ירושלים דעמאָלט געווען ריין און שיין.

אַן אַראַבישער כראָניקער שרייבט:

„מען וועט אין קיין אָרט נישט געפינען שענערע און שטאַר־
קערע מענטשן און הייזער, זויבערערע גאַסן און אַ גרעסערן מע־
טשעט און מער היילקטימער".

צום סוף איז ער אָבער מוסיף:

„דער חסרון פון ירושלים באַשטייט אין דעם וואָס יידן און
קריסטן האָבן דאָרט די ממשלה".

אויך אין אַ סך אַנדערע מקורות ווערט דערמאָנט, אַז די
קאַראַאימער וואָס זענען געקומען אין ירושלים האָבן זיך אָפּט פאַר־
בונדן מיט די גויישע שונאים קעגן די רבנים.

דאָס האָט דערפירט צו דעם אַז די רבנים האָבן געזוכט אַ מקום
מקלט. זיי זענען אַנטלאָפן קיין בבל. על פּי רוב אָבער האָבן זיי
אַזוי גיך ווי מעגלעך זיך אומגעקערט קיין ירושלים.

*
**

אין די יאָרן 1024—1029 ווערט ירושלים פאַרכאַפּט פון
אַ נייער קאַטאַסטראָפע. די בעדואינער הויבן זיך אָן צו בונטעווען
קעגן דער עגיפּטישער ממשלה. דער גאון רב שלמה בן יהודה שיל־
דערט די „צרות פון די מלחמות און פון דעם כאַאָס וועלכער האָט
נישט זיין גלייכן" און פון וועלכע עס האָט באַזונדערס געליטן
„ירושלים, די גייסטיקע מעטראָפּאָליע און דער צענטער פון דעם
ישוב".

אין אַ בריוו וועלכער איז אַריבערגעקומען צו אונדז פון ירו־
שלים ווערט געזאָגט: „אין גאַנץ ארץ־ישראל בפרט אָבער אין
ירושלים איז געבליבן אַ קליינער יידישער קהל. דען מיר זענען
קליין, באַדריקט, פאַראָרעמט און צוליב די סיכסוכים און די וועג־
סכנות איז מען דעם יאָר נישט געקומען אויף יום־טוב. אונדזערע

הכנסות האָבן זיך אויסגעשעפּט און מיר האָבן געמוזט נעמען געלט אויף פּראָצענט כדי צו צאָלן די שטראָפן וואָס מען לייגט אויף אונדז אַרויף יעדן יאָר.

אין אַ צווייטן בריוו דאַנקט ירושלים פאַר דער הילף וואָס די יידן פון עגיפּטן האָבן געשיקט: „די צינזן וואָס זיי באַצאָלן דער ממשלה איז נישט נאָר פאַר זיי נאָר פאַר אַלע עולי רגל וועלכע קומען קיין ירושלים כדי די עולים זאָלן נישט פאַרכאַפּט ווערן צוליב דעם נישט באַצאָלן פון די שטראָף־געלטער".

די אומרוען האָבן זיך געצויגן פינף יאָר פון 1024 ביז 1029. די לאַגע איז געווען שווער מען האָט גערויבט און געמאָרדעט. אָבער יידן זענען אין ירושלים געבליבן.

נאָך מוראדיקער און ביטערער ווערט די לאַגע אין ירושלים אין די צענדליקער יאָרן פאַר די קרייץ־פאָרער און אין דער צייט ווען די קרייץ־פאָרער קומען אין לאַנד.

די כראָניקער פון דער דעמאָלסטיקער צייט שרייבן:

„אין דער תקופה זענען פאָרגעקומען שוידערלעכע, אַכזריות־דיקע פּאָגראָמען. אַ סך יידן זענען געפאַלן קרבנות. מען האָט דער־מאָרדעט קינדער, אַלטע לייט און שוואַנגערע פרויען. די שטאָט איז געווען פאַרפלייצט מיטן בלוט פון די קרבנות און די מתים האָבן זיך געוואַלגערט אָן קבורה. פרויען זענען געוואָרן פאַרגוואַל־טיקט און די וואָס זענען געבליבן לעבן האָבן געמוזט אויספירן שווערע אַרבעט, טראָגן שווערע לאַסטן, וועלכע זענען אַריבערגע־גאַנגען איבער די מענטשלעכע כוחות.

מען האָט די יידן פאַרפּייניקט און געצוואונגען צו עסן פלייש פון טמא חיות.

בתי תפילות האָט מען חרוב געמאַכט.

מיליטערישע כאַפּטעס פון מצרים זענען געווען די רוצחים.

די לעבעדיקע האָבן מקנא געווען די טויטע און זיי האָבן גע־זאָגט: באַקלאָגט נישט אונדזערע קרבנות, וויינט נישט אויף די טויטע, וויינט אויף די לעבעדיקע.

פון ירושלים איז אַנטלאָפן די ישיבה און אויף דער שטאָט

האָט מען ארויפגעלייגט גרויסע שטייערן. דאָס האָבן די יידן נישט געקענט דערטראָגן.

פאַר נישט צאָלן אָבער האָט מען פאַרמאַטערט ביז צום טויט".

אין יענער תקופה, זענען געקומען קיין ירושלים ווייניק יידן. עס איז געווען סכנות נפשות צו זיין אין דער שטאָט. דער האַנדל איז געווען פאַראַליזירט, די וועגן צעשטערט. דער הונגער און די פעסט האָבן געטאָן זייערס.

און דאָך זענען די יידן געבליבן אין שטאָט. מיר ווייסן פון פופציק משפחות וועלכע זענען דאָרט זיכער פאַרבליבן.

די בריוו וואָס זענען צו אונדז אַריבערגעקומען פון יענער צייט, זענען דורכגעזאַפּט מיט קלאָג און געוויין:

„פון אונדז די איינוואוינער פון דער הייליקער שטאָט... די אָרעמסטע פון די מענטשן... מיר זענען פאַררעכנט ווי מתים... מיר זענען אַ פּראַס פאַר ווילדע חיות... מיר ווערן פאַראומריי־ניקט פון יעדן גוי, מיר זענען די לעצטע פליטים... אַן עדה פון רבנים, אָרעמע און עלנטע... אַ קהילה, אַ הייליקע קהילה אין אבילות... אומגליקלעכע, דערשראָקענע, באַגזלטע..."

אויף אַ שטיקל צייט ווערט די לאַגע בעסער, אָבער נישט אויף לאַנג. די לאַסטן בלייבן אומדערטרעגלעך. דער גאון רב שלמה בן יהודה שרייבט אין יענער צייט:

„מיר זענען נאָר דער שארית פון דער הייליקער שטאָט, די מערהייט פון די יידן איז פאַגראָמירט אָדער איז אַ קרבן פון הונגער און פעסט".

די קליינע קהילה וויל אָבער נישט פאַרלאָזן די שטאָט. זי איז משפיע אויפן גאון און סוגערירט אים צו גיין קיין מצרים, כדי צו פאַראינטערעסירן די דאָרטיקע קהילות צו קומען העלפן ירושלים „וועלכע איז אין אַ גרויסער צרה ווי נאָך קיין מאָל נישט זינט דעם חורבן".

אין די פופציקער און זעכציקער יאָרן פון דעם יאָרהונדערט, ווערט די לאַגע אַ ביסל לייכטער און יידן פון ירושלים אָטעמען אַ ביסל פרייער, ביז עס קומט דער יאָר 1071.

ירושלים ווערט אין דעם יאָר פאַרנומען פון די סעלאדזשי־

קעס. ווי רוצחים וואַרפן זיי זיך אויף די יידישע איינוואוינער, מען הרגעט און מען רויבט. גאַר קליין איז דער שארית. און די וואָס זענען געבליבן, זענען געשטאַנען נאַקעט און באָרוועס.

הונדערט יאָר שפּעטער ווערט פון דאָס ניי ירושלים פאַרנומען דורך די קאַליפן פון בבל. די צדדים הערן אָבער נישט אויף צו פירן מלחמה. די מהומות און די אומזיכערקייט פאַרן לעבן ווערן נישט קלענער.

גאַנץ ארץ־ישראל בפרט אָבער ירושלים האָט שטאַרק געליטן. די ירושלימער ישיבה גייט פון דאָס ניי אין גלות. זי טראָגט זיך אַריבער קיין צור. דאָס איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַרן גייסטיקן און מאַטעריעלן לעבן פון ירושלים, פאַר דעם צענטראַלן כוח פון דער אומה.

„אָבער, — שרייבט דער כראָניקער, — דאָס וואָסער איז געקומען ביז צום האַלדז און מען האָט אַנדערש נישט געקענט".

קיין ירושלים קומט אָן דער המון פון די קרייץ־פאָרער (1099).

אַ קלענער טייל וואָס האָט זיך דערקליבן אין דריי יאָר צייט ביז ירושלים אונטער דער אָנפירונג פון בלוטיקן בוליאָן, וואַרפט אָן אַן אימה אויף די יידן. אַ טייל פון די יידן ווערן אויסגעהרגעט. דער שארית ווערט פון ירושלים אַרויסגעטריבן.

אין דער תקופה פון רציחה און גזילה כלפי יידן אַנטפּלעקט זיך אַ גרויסער תלמיד חכם און פּראָקלאַמירט זיך פאַר אַ משיח.

ער געהערט צו די טראַגישע משיחים, וועלכע די געשיכטע באַנאַליזירט אַזוי גרויזאַם און אומגערעכט ווי —

פ אַ ל ש ע   מ ש י ח י ם.

דוד אל רואי אָרגאַניזירט די יידישע בערג־גיבורים פון אַסיר־ביידזשאַ און רייסט זיך צו שטורמען און צו אָקופּירן ירושלים.

די משיחישע באַוועגונג ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און די גזירות פון דער פּערסישער רעגירונג זענען נישט בכוח איר אויפצוהאַלטן.

אַ באַצאָלטער (פון דער רעגירונג) יידישער מסור און בוגד הרגעט דעם משיח.

אַ סך יאָרן צאַפּלט זיך און טליעט די משיח־באַוועגונג. ביז

עס פֿאַרלעשן זיך אירע פֿונקען.

פֿון די יידישע בלוט־ימים טויכט באַלד אַרויף אַ צווייטער משיח אָן דער חכמה און אָן דער תורה פֿון דוד אל רואי, אָבער מיט אַ שרעקהאַפֿט פֿינצטערן פֿאַנאַטיזם.

דער רמב״ם דערציילט וועגן אים אַז ער האָט פֿעסט געגלויבט, אַז קיין שום פֿיזישע שטראָפֿן קענען אים נישט בייקומען. אין דעם גלויבן האָט ער זיך געלאָזן אָפּשניידן דעם קאָפּ און ער איז געווען איבערצייגט אַז ער וועט בלייבן לעבן.

אַזוי איז אומגעקומען אַ צווייטער טראַגישער משיח.

דער גריכישער גענעראַל סאַלאַדין פֿאַרטרייבט די „הייליקע" בלוט־זויגער וועלכע די קרייץ־פֿאַרער האָבן אַוועקגעשטעלט אַלס הערשער איבער ירושלים.

קוים פֿאַסירט עס שטורעמען צוריק אין שטאָט די פֿאַרטריי־בענע און פֿאַרוואָגלטע יידן.

דער משורר יהודה אלחריזי דערציילט, אַז ירושלים איז אונ־טער סאַלאַדין געוואָרן אַ גרויסער יידישער ישוב, אין וועלכן עס האָט אָבער ליידער געפֿעלט אָן אייגהייטלעכע באַזע. די פֿון אַלע עקן און קאַנטן צוזאַמענגעלאָפֿענע יידן זענען געווען צו שטאַרק דיפֿע־רענצירט סאָציאַל און קולטורעל.

ביז צום דעפֿיניטיוון זיג פֿון די טערקן איז ירושלים אַלץ פֿון דאָס ניי צעשטערט געוואָרן דורך די רעשטלעך פֿון די קרייץ־פֿאַרער.

ה

צוליב דער קאַלטער דאָגמאַטיק פון אַ פאַרעווער כלומרשט־יידישער וועלטלעכקייט איז באמת ניט כדאי צו קריוודען יידישע געשיכטע.

עס איז אַ חטא צו מינימאַליזירן אָדער אַפילו נישט געבוג צו דערשאַצן די מאָדערנע עליות פון סוף י"ח־עצטן און אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט. נישט קיין קלענערע פעולה אָבער, ווי די ערשטע עליה פון די בילויים האָט געהאַט די אַטראַקטיווע קדושה פון ירושלים אויף דעם מאָדערנעם ישוב וואָס האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסן און איז דערגאַנגען ביז צו אַ מדינת ישראל.

אבילות און יסורים האָבן סטימולירט באַוועגונגען פון יחידים און מאַסן, האָבן געהאַרטעוועט אַ הייליקע עקשנות, האָבן געשאַפן און געבויט אין עקסטאַז און מיט טיפער אמונה. אָן די עליות פון די צדיקים און לומדים, פון די פרושים און חסידים, אין משך פונעם טויזנט־יאָריקן גלות־לעבן, איז נישטאָ דער געשיכטלעכער שטח אויף וועלכן עס באַזירט זיך די „היסטאָרישע פאַרבינדונג" פון אַמאָל מיטן היינט, פון נעכטן מיטן מאָרגן, ד"ה עס איז נישטאָ דער אָנשפּאַר פון אונדזער גאולה־פּרעטענזיע כלפּי דער וועלט.

אָן אָפּגעריסענער, פאַרוויאַנעטער, איזאָלירטער „אַמאָל", אַפילו דער וויכטיקסטער און גראַנדיעזער, איז נישט מער ווי אַרכיוו אָדער אויסגראָבונג.

ווי דער שבת פון בבל אדער שפּאַניע פון די מאַכמעדאַנער.

עס איז געוועןביים רונדן מאַקדאָנאַלד־טיש, אין 1939, ווען אַן אַראַבישער גרויס עפּענדי, האָט געפרעגט ווייצמאַנען, צי ער וואָלט פאַרטיידיקט אַ פּרעטענזיע פון די אַראַבער אויף שפּאַניע צוליב דער „היסטאָרישער פאַרבינדונג" פון די אַראַבער, וועלכע האָבן דאָך אַמאָל געבאַלעבאַטעוועט אין דעם לאַנד.

ווייצמאַנס תשובה איז אַזוי פּשוט אַז זי איז כמעט געניאַל:

אדרבה, פּרעטענדירט, פאָדערט, שרייט, אַז שפּאַניע געהערט אייך, און איך וועל אייך אונטערשטיצן.

איר שרייט דאָך נישט, איר פּרעטענדירט דאָך נישט, אפנים איר פאַרשטייט דעם חילוק.

נישט איר, נישט אייערע זיידעס און נישט אייערע קינדער זענען מתפלל אַז גאָט זאָל אייך צוריקברענגען קיין שפּאַניע, ער זאָל אייך אויסלייזן פון גלות־אַראַביע, פון דעם מעטשעט אויף דעם הר המוריה.

אייער הערשאַפט אין שפּאַניע איז אַן עפּיזאָד. עפּיזאָדן מאַכן נישט געשיכטע, שאַפן נישט היסטאָרישע פּרעטענזיעס.

***

די וועלטלעכע בילויים זענען געקומען פון דרויסן, פון אַ פרעמדער גוישער וועלט.

זיי האָבן אויטאָמאַטיש זיך אַריינגעקייטלט אין דער עליה־קייט וואָס האָט איר אָנהויב אין הילל הזקן, אין די תנאים פון נהרדעא און פומפּדיתא, וועלכע זענען אַלץ פון דאָס ניי געקומען פון בבל קיין ירושלים.

די טיפע פּלוגתא וועגן נוסח פון יידישקייט צווישן דעם רמב"ם און זיינע קעגנער, צווישן די רבנים און חסידים וועלכע האָט אַוועקגעשטעלט אַ טראַגישע מחיצה צווישן יידן און יידן, צווישן חסידים און מתנגדים, צווישן גאון און רב, האָט באַקומען איר תשובה און תיקון אין די גרויסע עליות וועלכע האָבן מזווג געווען די יידישע נשמות.

די הונדערטער גאונים פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, אָנהויב דעם דרייצענטן יאָרהונדערט, דער רמב״ן, דער של״ה, רבי יהודה החסיד, די פרושים פון גאון און די חסידים פון רב, קומען ניט פון פרעמדע, שטומע, טרוקענע אוניווערזיטעט־בענק אָדער ווי צר־טומלטע און געפּלעפּטע דורך דעם יאוש אין קאָסמאָפּאָליטישע און אינטעליגענטישע פאַנטאַזיעס און קינדער־אוטאָפּיעס.

דער ברענענדיקער נשמה־פאַרלאַנג פון אַ צוויי־טויזנט־יאָ־ריקן, ביטער שווערן פּראָצעס, געטראָגן פון צער און אויפגעהאַלטן דורך ביטחון, באַפליגלט זיי און אָריענטירט זיי.

דאָס איז אַ פאַרנעם פון אַ לגמרי אַנדערער וועלט, פון אַ לגמרי אַנדערער קאַטעגאָריע און פירט צו לגמרי אַנדערע רעזול־טאַטן.

אונדזערע היינטיקע גרעסטע ישובים אין לאַנד, פּתח־תקוה, און אין אַ געוויסן זין אפילו ראשון לציון האָבן זיך אַזוי גוט אַרויסגעכישופט און רעאַליזירט פון ירושלים׳ס קדושה ווי די בתי כנסיות און בתי מדרשים, די נייע קוואַרטאַלן, די סאָציאַלע אינסטי־טוציעס און ישיבות פון די רבנים, פון די חסידים, פון די פרושים און פון משה מאָנטעפיאָרע.

די צדקות פון ירושלימער תושבים האָבן אָוועקגעלייגט די יסודות.

די צרות פון די צייטן פון צאַריזם זענען אוודאי נישט געווען קלענער און אוודאי ניט ווייניקער חרפה׳דיק ווי דאָס וואָס די אידן האָבן איבערגעלעבט אין דרייצענטן יאָרהונדערט אין ענגלאַנד און פראַנקרייך. די קאָמוניקאַציע איז געווען אַ בעסערע. ארץ ישראל איז געווען נאָענטער און די מעגלעכקייט אַהין צו קומען איז אין סוף נײַנצענטן יאָרהונדערט אוודאי געווען לייכטער. בכל אופן האָט מען ניט געמוזט אַהין גיין צו פוס, אַזוי ווי אין מיטלאַלטער.

און ווי גראַנדיעז און מעכטיק איז צוליב דעם די געשעעניש פון 1211, בשעת הונדערטער רבנים האָבן ניט מער געוואָלט דער־טראָגן דעם בזיון פון גלות און האָבן זיך אויפגעהויבן און זיך אָוועקגעשטעלט בראש פון אַ גרויסער באַוועגונג קיין ארץ ישראל וועלכע האָט מיטגעריסן און אַרומגענומען די גייסטיקע פירער פון

דעם יידישן ישוב אין ענגלאַנד, דרום פראַנקרייך און צפון פראַנק־רייך.

דורך צלח־א־דין איז דעמאָלט פאַרקלענערט געוואָרן די השׁ־פּעה פון די קרייץ־פאָרער.

די אַראַבישע הערשער האָבן אָפּגענומען דעם איסור פאַר יידן צו לעבן אין ירושלים. דאָס האָט זיך גיך פאַנאַנדערגעטראָגן אין אַלע מדינות פון דער תפוצה. פון אומעטום דערגייען בשורות און האָפענונגען וועגן דער נאָענטער גאולה. די גלות־חרפה האָט ביים פרומען, יידישן מענטשן געשאַפן אַ געלוסט צו באַפרייען זיך אַליין און אַזוי גיך ווי מעגלעך אַרויסצופירן די יידישע מאַסן קיין ירושלים.

עס הויבט זיך אויף אַ שטאַרקע באַוועגונג וועלכע האָט אַרויסגערופן דעם גרעסטן רושם ביי דער יידישער אומה אין דער גאַנצער וועלט.

מער ווי דריי הונדערט רבנים פון פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן זיך דערהויבן און זענען עולה קיין ארץ ישראל. דאָס איז שוין אַ מאַסן־עליה, וועלכע האָט אָנגעזאָגט דעם קץ פון גייסטיקן גלות און פון די שרעקלעכע בזיונות, וואָס יידן האָבן אויסצושטיין אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד.

בראש פון דער עליה איז געשטאַנען דער פריינט פון רמב״ם רבי יהונתן בן דוד הכהן, אונטער וועמענס השפעה רבי שמואל אבן תיבון האָט איבערזעצט דער „מורה נבוכים״ פון רמב״ם און רבי יהודה אלחריזי דעם רמב״מס פירוש אויף משניות.

צווישן די גאונים־עולים זענען געווען די גייסטיקע פירער פון גלות־יידנטום, בעלי־תוספות און בעלי־פוסקים, ראשי ישיבות און מורי הוראות, אַלטע און יונגע גאונים. די וועג־שטראַפּאַצן האָבן זיי אַריבערגעטראָגן. אַרימקייט האָט זיי נישט געשראָקן.

זיי זענען געקומען קיין ירושלים.

רבי יהודה אלחריזי, וועלכער איז געקומען אין ירושלים אין יאָר 1216, שרייבט:

„איך האָב דאָרט אָנגעטראָפן געטלעכע מלאכים, הויכע חסי־

דים, וועלכע זענען געקומען פון פראַנקרייך, כדי צו ווערן תושבים פון ציון״.

פייערלעך איז געווען דער קבלת־פּנים מיט וועלכן זיי זענען געוואָרן אויפגענומען אין ירושלים.

די אַראַבישע מאַכט־האָבער האָבן אפילו דעקרעטירט פאַר זיי געוויסע פּריווילעגיעס. זיי האָבן געבויט נייע ישיבות, אָוועקגעשטעלט נייע בתי מדרשים. פון אַלע עקן וועלט זענען געקומען תלמידים. פון זייערע אַקאַדעמיעס זענען אַרויסגעוואַקסן גאונים, און אין ירושלים איז אויסגעוואַקסן אין אַ קורצער צייט אַ נייער ישוב און פון ציון איז פונדאַסניי אַרויסגעגאַנגען תורה אין דער וועלט.

שוין האָט מען געחלומט אַז ירושלים וועט צוריק דער אָרט פון דער שכינה, דער גייסטיקער צענטער און שוין האָבן זיך געשאַפן באַוועגונגען און אַטראַקציעס פאַר נייע עליות.

ליידער האָט אָבער דער נייער ישוב נישט לאַנג עקזיסטירט. עס זענען געקומען די דריטע קרייץ־פאַרער און עס איז געקומען די מלחמה מיט די מאַנגאָלן, און אַלץ וואָס די רבנים האָבן התלהבותדיק געבויט האָט זיך גיך פאַרוואַנדלט אין אַ חורבן.

אין יאָר 1140, ערב דער מאַסן־עליה פון די רבנים און גאונים פון פראַנקרייך און ענגלאַנד האָט זיך באַפרייט פון גלות־שטויב און איז אויסגעוואַנדערט קיין ארץ ישראל כדי צו קומען אין ירושלים דער געטלעכער יידישער משורר, דער פילאָזאָף און צדיק רבי יהודה הלוי.

ביז אין דער לעצטער צייט האָט מען נישט געוואוסט אויב יהודה הלוי איז בכלל אָנגעקומען אין ירושלים און וואו ער האָט געפונען זיין קבר. די וואונדערבאַרסטע אגדות זענען פאַרשפּרייט וועגן דעם ביים המון. נייע פאָרשונג איז משער אַז ר׳ יהודה הלוי האָט געפונען אַ קבורה אין טבריה.

אויך וועגן ר׳ אברהם בן עזרא איז נישט באַוואוסט אויב ער איז געווען אין ירושלים. מען ווייסט אַז ער האָט פון אַפריקא געוואַנדערט קיין ארץ ישראל. צי ער איז אַהין אָנגעקומען איז נישט פעסטגעשטעלט.

געניוע ידיעות האָבן מיר פון גאון רבי יהודה בר׳ שלמה אלחריזי. זיינע רייזע־באַשרייבונגען זענען נאָך היינט אַ קוואַל פון וואַנען מיר שעפּן ידיעות וועגן דער דעמאָלטיקער צייט. ער איז אַרומגעוואַנדערט אין פראַנקרייך און שפּאַניע און ער האָט באַשריבן די גדולי ישראל און זייער סביבה. ער איז געווען אין ירושלים און ער האָט פון דאָרט געבראַכט ידיעות אין תפוצות ישראל.

***

נאָך שווערע צעשטערונגען און פאַרטיליקונגען, נאָך די חור־בות דורך די קרייץ־פאַרער, האָט די השגחה געבראַכט קיין ירוש־לים איינעם פון די גרעסטע גאונים פון זיין צייט. ער איז געווען דער גאון און דער פוסק פון דער תקופה די גרעסטע אויטאָריטעט נאָכן רמב״ם. אַ פּערזענלעכקייט מיט אַן אייראָפּעאישער פּאָזיציע און וועלטלעכער בילדונג, וועלכער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון די העכסטע צדקות און חסידות: רבי משה בן נחמן, באַרימט אונטערן נאָמען רמב״ן.

ער האָט געהאַט מוט און איניציאַטיוו אַלץ אָנצוהויבן פון־דאָסניי, און ער האָט מצליח געווען.

73 יאָר איז דער רמב״ן אַלט געוועזן ווען ער איז עולה קיין ירושלים. געקומען איז ער פון שפּאַניען, וואו ער האָט געהאַט אַ הויכע רעליגיעזע און וועלטלעכע פּאָזיציע. די עליה קיין ארץ ישראל איז פאַר אים געווען איינע פון די ערשטע תרי״ג מצוות.

שפּאַניע האָט ער געמוזט פאַרלאָזן ווייל ער איז געווען צו גרויס, צו קלוג און צו פיל גאון. אין אַ ויכוח מיטן דאָמיניקאַנער פּאַבלאָ קריסטיאַנאָ, אַ משומד פון מאָנפּעליע, האָט ער אַזאַ גרויסן נצחון, אַז דער קעניג און די מיניסטאָרן האָבן זיך געפילט פאַר־שעמט און האָבן אים דע־פאַר באַשטראָפט מיט דער גזירה פון גירוש.

זיין ספר „מלחמת חובה״ איז אַן אייביקער עדות פון דער געשעעניש.

ער געפינט ארץ ישראל פּראָדוקטיוו, שיין, און צוגעגרייט אויפצונעמען יידישע מאַסן.

„דער קלימאַט איז פאַר מענטשן שיין און גוט, דאָס בעסטע וועט איר דאָרט געפינען, דאָס לאַנד האָט רחבות, עס האָט גרויסע און גוטע טאָלן און בערג, נידריקע און הויכע ערטער, פאַר בהמות איז פאַראַן אַ גלענצנדע פאַשע. די טייכן זענען פרעכטיק און אָן ספק גיבן דאָ בהמות אַ סך מילך, ווייל געזונטע און גוטע בהמות קענען נאָר עקזיסטירן אין אַ געזונטן קלימאַט, ביי אַ סך גרינגס און ריינע וואַסער־קוואַלן. די פּירות זענען פעט און שיין, זיי זענען אַזוי זיס ווי האָניג. פאַר תבואה איז דאָ אַ גלענצנדער אָרט, אַ סך בעסער ווי מצרים... קופּער און אייזן זענען אין באָדן. דאָס איז אַ באַדערפעניש פאַר די איינוואוינער. שטיין־האַקעריי ברענגט גרויסע און טייערע שטיינער פון וועלכע מען קען בויען הייזער, מויערן און טורעמס. ניט ווי אין מצרים און אין אַנדערע לענדער, וואו די הייזער זענען פון ליים און זענען אָפט אַ קבר פאַר די איינוואוינער.

...דאָס לאַנד האָט גאָט באַשטימט פאַר זיין פאָלק; ס'איז ראוי פאַר ישראל. כל זמן ישראל געפינט זיך אויפן באָדן איז דאָס לאַנד באַזעצט, ווען ישראל איז נישטאָ אויפן באָדן איז דאָס לאַנד נישט באַזעצט...

מען גרייזט ווען מען מיינט, אַז מיר מוזן דווקא האַלטן מלחמה כדי דאָס לאַנד צו באַקומען. עס איז נישט אַזוי. אויב די אומות העולם ווילן אונדז געבן דאָס לאַנד בשלום, וועלן מיר פאַרלאָזן אונדזערע וואוין לענדער און מיר וועלן עולה זיין בשלום. אָבער קיינמאָל אין קיין דור וועלן מיר נישט איבערלאָזן ארץ ישראל אין דעם רשות פון דעם פאָלק און קיין אַנדער פאָלק, ווייל דאָס לאַנד איז אונדזער ירושה. אפילו אין דער צייט פון גלות איז די עליה אַ מצוה עשה וואָס איז מחייב יעדן פון אונדז.

אפילו איר חורבן איז פאַר אונדז אַ בשורה. עס איז אַ בשורה פאַרן גאַנצן גלות ווי אונדזער לאַנד נעמט אויף אונדזערע

שונאים. דאָס איז אַ ראיה לטובת אונדזער אומה. אין דער גאַנצער וועלט וועט מען נישט געפינען קיין לאַנד פון אַזעלכע מעלות און מיט אַזאַ רחבות ווי אונדזער לאַנד און וואָס איז אַזוי חרוב ווי "אונדזער לאַנד. זינט מיר האָבן פאַרלאָזן אונדזער לאַנד האָט קיין "אומה ולשון זיך דאָרט נישט געקענט באַזעצן הגם אַלע האָבן זיך "משתדל געווען דאָס צו טאָן; עס האָט זיך קיינעם נישט איינגעגעבן".

און אַ קינה און אַ תפילה האָט דער רמב"ן מחבר געווען ווען ער איז געקומען קיין ירושלים. אין דער תפילה זעט ער ווי ירושלים איז אויפגעבויט, איז פאַראייניקט מיט איר בעל הבית און מיט אַלע שבטים, מיטן הר המוריה פון וואַנעט עס גייט אַרויס אין דער וועלט מוסר און תורה, און איז אַן אַפּרו־הויז פאַר דער שכינה.

אָבער איצט ... „מיין האָרץ פאַרגייט אין ווייטיק, מיינע אויגן גיסן טרערן, די שטאָט ירושלים איז צושטערט און וויסט, אונדזער הייליק הויז, דער פּראַכט פון אונדזערע אבות איז אויפגעגאַנגען אין אַ שריפה און אונדזער גאַנצע גוטס איז אַ חורבה. אַ דור גייט און אַ דור קומט און אונדזער פּאַלאַץ בלייבט אַ וואוינאָרט פאַר שאַקאַלן. אויפן אָרט פון אונדזער היכל, אויפן הר הבית וואַקסט קראָפּאָווע און ווילדגראָז און ער איז באַדעקט מיט דערנער. אונדזערע שונאים אונטערנעמען זייערע פאַרברעכערישע אַקציעס; דער איינער מאַכט חרוב און צעשטערט די גרענעצן, דער אַנדערער שטעלט אויף געצקעס; הולטאַיעס זענען מחלל די קדושה און זענען מתפלל צו אַ גאָט וואָס קען ניט העלפן. יעדער ערל, יעדער טמא לעסטערט אונדזער הייליקטום. מיר ליגן אין בושה און מיר זענען באַדעקט מיט חרפה.

דאָס אַלץ איז צוליב אונדזער שלעכטס און אונדזערע זינד.

„ווי צו מיר, ירושלים די שטאָט און מוטער אין ישראל! אַמאָל האָסטו דאָ געשטראָמט מיט מילך און האָניג און איצט פרעסן דיך שלאַנגען און עס זויגן שאַקאַלן דיין וויין... פון ציון איז געוואָרן אַ מדבר און ירושלים איז אַ וויסטעניש און איך האָב

געריסן קריעה און אויפן אָרט פון אַ מזמור האָב איך געזאָגט קינות״.

דער רמב״ן איז זיך נישט מיאש. ער פאַרענדיקט זיין קינה מיטן ברען פון אמונה:

„פאָטער מיין, פאָטער פון רחמנות, ישראל איז נישט קיין יתום און נישט קיין אלמן; דיין רחמנות באַשיצט זיי תמיד און אומעטום. און איך דיין קנעכט, משה בן נחמן, בין געקומען זען דיין שטאָט און דיין מקדש אין זייער חורבן. איך האָב געריסן קריעה און בויג זיך צו דיר מיט געוויין און אבלות און בעט דיך אַז איך זאָל זוכה זיין און זען דיין היכל און דיין פּאַלאַץ, און אַלץ אויפגעבויט. אונדזערע אויגן זאָלן זען ירושלים ווי אַ רואיקן היים, די שטעט פון יהודה זאָלן באַקומען אַ תיקון, ישראל זאָל זיך אומקערן אין זיין היים מיט זיינע כהנים און לויים״.

אין אַ בריוו צו זיין זון נחמן שרייבט ער: „...וואָס זאָל איך אייך זאָגן, דאָס לאַנד איז אָפּגעלאָזן און וויסט. דער כלל איז: דאָס וואָס איז הייליקער איז מער חרוב; מער פון אַלץ איז חרוב ירושלים. יהודה איז מער חרוב ווי דער גליל. אָבער אַפילו אינעם חורבן איז די שטאָט שיין.

ירושלים האָט צוויי טויזנט איינוואוינער פון וועלכע 300 זענען קריסטן, נאָר 2 יידן זענען דאָ פאַראַן. די טאָטאַרן האָבן די יידן פאַריאָגט און אויסגעהרגעט״.

צו זיין צווייטן זון יהודה, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מיוחס ביים מלך שרייבט ער: „זון מיינער, דערמאָן דיך שטענ־דיק, מיין געשטאַלט זאָל אַלעמאָל זיין פאַר דיינע אויגן; אַלץ וואָס איז פאַר מיר מיאוס זאָלסטו נישט ליבן, שטענדיק זאָלסטו היטן מיינע מצוות און דו זאָלסט אַלע מאָל טריי זיין צו דעם פּסוק וואָס זאָגט:

„איך בין אַ פרעמדער דאָ אין לאַנד. זאָלסט נישט אויסבאַ־האַלטן פאַר מיר דיינע מצוות״.

נאָך דריי יאָר האָט דער רמב״ן געלעבט אין ירושלים. מיטן כוח פון זיין טיפן נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן חוש האָט זיך אים איינגעגעבן אין דער קורצער צייט אַריינצוזאָטעמען אין ישוב אַ

נייעם לעבן, און אויפצושטעלן דאָס וואָס די פרומע קרייץ־פאָרער און די מאָנגאָלן האָבן צעשטערט.

קודם כל האָט ער אויפגעלעבט די ירושלימער קהילה; ער האָט געלאָזט אויסבויען אַ נייעם בית הכנסת; ער האָט צוריקגע־בראַכט די ספרי תורות וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין שכם.

דער נאָמען פון רמב״ן האָט צוגעצויגן פון אַלע קאַנטן און עקן וועלט נייע עולים. פון נאָהענט און פון ווייט איז מען געקומען הערן זיין תורה; זיין וואָרט איז דערגאַנגען אין גאַנץ תפוצות ישראל, בפרט צו די יידן איז מזרח און אין די שכנותדיקע לענדער.

דרייסיק יאָר נאָכן טויט פון רמב״ן שרייבט איינער פון זיינע תלמידים: „יידן כאַפּן זיך איצט אויף און וואַנדערן קיין ארץ ישראל ווייל מען גלויבט, אַז נאָהענט איז די גאולה. צו שווער איז דער יאָך וועלכע די אומות העולם לייגן אויף אונדז אַרויף אין די מיינסטע ישובים״.

„אַלע יידן האָבן נויטיק ירושלים. זי איז אַלץ. אַלע לענדער זענען זיך מפרנס פון ארץ ישראל״.

דאָס איז דער קול פון רמב״נס שופר, וועלכער האָט משפיע געווען אויפן גלות ביז אין די ווייטע דורות״.

ו

די בלוטיקע תקופה פון די הייליקע קרייץ־פאָרער האָט זיך פאַרענדיקט. ירושלים האָט אָפּגעלעבט. פון אַלע לענדער האָט מען אַהין געשטראָמט.

כדי צו שטערן די יידישע עליה, בפרט דעם יידישן דערוועקט פון הייליקטום אין ירושלים, האָט דער וואַטיקאַן גוזר געווען, אַז די באַלעבאַטים פון די קריסטלעכע שיפס־געזעלשאַפטן וואָס שיקן שיפן קיין ארץ ישראל זאָל ניט אויפנעמען און מיטנעמען קיין יידן. אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפן.

עס וואַנדערט אויס קיין ירושלים אין יאָר 1435 רבי אליהו פון מפיררא (איטאַליע). ער קומט צוזאַמען מיט זיינע קרובים. ניט אַלע האַלטן אויס די ביטערע וועג עטאַפּן. אונטערוועגס שטאַרבן אייניקע משפחה־מיטגלידער.

אין אַ ספּעציעלן בריוו באַשרייבט ער מיט וועלכע סכנות און מסירת נפש ער האָט דורכגעוויטיקט דעם וועג פון איטאַליע קיין ירושלים, ער רופט צו עליה, הגם אין ירושלים אָון אין די שכנותדיקע לענדער בושעוועט אַ מגפה:

„די יידן זענען זיך מפרנס פון טישלעריי, יובעלירן־אַרבעט. אויך שמידן און שוסטערס און פּראָפעסיעס פון זיידענע זאַכן עקזיסטירן גאַנץ גוט״.

ענלעכע באַשרייבונגען געפינען זיך אין די בריוו פון רבי יוסף דמונטניא, וועלכער איז עולה געווען אין יאָר 1481. אויך ער שטאַמט פון איטאַליע, פון ווענעציע, אָדער פון א שטאָט וואָס איז נאָהענט צו ווענעציע.

ניט געקוקט אויף אַלע סכנות רופט ער אויך צו אַ מאַסן־עליה.

ער שרייבט:

..."דאָ אין ירושלים איז גוט. פרויען און מענער וואַנדערן דורך די גאַסן און קיינער רירט זיי ניט אָן. יידישע קראָמען געפי־נען זיך אין שטאָט, מען קויפט און פאַרקויפט".

אויך רבי יצחק לטיף איז עולה פון איטאַליע. ער זאָגט עדות אַז יעדן טאָג קומען נייע יידן קיין ירושלים. שיפן לאַנדן אין דעם האַפן פון יפה און אַלץ איז עולה קיין ירושלים, אויף מויל־אייזלען און קאַמעלן. לטיף שרייבט:

"ירושלים איז אַ גרויסע און באַרימטע שטאָט. צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי אנקונא (דער געבורטס־שטאָט פון רבי יצחק לטיף). די שטאָט איז שטאַרק באַפעלקערערט. אַזעלכע גוטע פירות ווי אין ירושלים, האָב איך נאָך ניט געזען און דעם נאָמען פון די פירות הער איך דאָ צום ערשטן מאָל. די שטאָט איז ליכטיק. זי האָט שוץ קעגן היץ. פון ביידע זייטן פון די גאַסן זענען דאָ קראָמען. דער וויין איז בעסער און וואָלוועלער ווי אייער וויין. איך פאַרדין דאָ ווייניק, אָבער איך האָב קליינע הוצאות. פלייש איז דאָ לרוב. מען קוילעט אויף כשר. אויך אייל איז דאָ גענוג. בעלי־מלאכות זענען אפילו רייך. דער קלימאַט איז זייער גוט, און אפילו אין דער שווערער צייט האָב איך ניט געפילט קיין שום שטאַרקע היץ. דער רעגן קומט אין דער צייט. מען האַנדלט אין דערפער און אין שטעט. מ׳האָט באַציאונגען מיט דמשק. די וועגן זענען זיכער. אונדזער גאַנצע משפחה איז געקומען פון יפו קיין ירושלים און די אַראַבער וואָס מיר האָבן באַגעגנט האָבן אונדז ניט אָנגערירט".

צום סוף פון זיין בריוו באַשווערט ער זיינע קרובים אַז זיי זאָלן אָנזאָגן די קהילות דעם אינהאַלט פון זיין בריוו, און מען זאָל די בשורה שיקן פון איין קהילה צו דער אַנדערער קהילה, און מען

זאָל מתפלל זיין צו גאָט ער זאָל אויפבויען זיין שטאָט און ער זאָל איר פאַראייניקן מיט זיין פאָלק, מיטן עם־סגולה.

צום סוף פון 15־טן יאָרהונדערט איז עולה קיין ירושלים אַ גאון, וועלכער איז אין זיין צייט געווען איינער פון די מפורסמ־דיקסטע לומדים און איז ביז אויפן הייַנטיקן טאָג פאַרוואָרצלט אין אונדזער ליטעראַטור ווי איינער פון די גרעסטע מפרשים און פוסקים.

אין יאָר 1488 פאַרלאָזט עובדיה מברטנורא זיין היים אין איטאַליע, זיין געבוירן־לאַנד, זיין פאָטערלאַנד, זיין משפחה, כדי דורך אַ נסיעה וואָס האָט אים אַ סך מאָל אַריינגעבראַכט אין די גרעסטע לעבנס־סכנות, צו קומען קיין ירושלים. אין דער געשיכטע פון דער עליה אין די דעמאָלסדיקע יאָרן, וועט די נסיעה פון רבי עובדיה פאַרנעמען אפילו ריין־ליטעראַריש און קולטור־היסטאָריש אַ צענטראַלן אָרט. זיינע באַשרייבונגען פון אונטערוועגס גיבן אונדז בילדער פון מענטשן און סביבות, פון מנהגים און זיטן, פון לעבנס־אופנים און אָרגאַניזאַטאָרישער עקזיסטענץ. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן ערשט־ראַנגיקער ליטעראַריש־באַגאַבטער פערזענלעכקייט, וועלכע האָט ביי זיין טיפער צדקות און פולער אמונה גלייכצייטיק געהאַט אַ שאַרפן אויג פאַרן לעבן און אַ טיפע האַרציקע באַציאונג צו מענטשן פון אַלע קלאַסן און נאַציעס.

זיינע שילדערונגען פונעם וועג קיין ירושלים און פון ירו־שלים גופא באַשטעטיקט אַלץ וואָס מיר ווייסן וועגן דעם פון רמב״ן און פון די אַנדערע עולים־גאונים, וועלכע וואַנדערן אַן אַן איבערייס קיין ארץ ישראל אין משך פון הונדערטער יאָרן. רבי עובדיה׳ס סטיל און פאָרמולירונגען האָבן אַזאַ קלאָרקייט און אַזאַ אינערלעכן אַראָמאַט, אַז עס איז כדאי צו ברענגען אייניקע צי־טאַטן פון זיינע בריוו, וועלכע ער האָט מיט אַזאַ קינסטלערישן טאַלאַנט געשריבן צו זיין פאָטער און צו זיין פריינט:

„פון בית לחם קיין ירושלים — שרייבט ער — איז דער וועג באַפלאַנצט מיט וויינגערטנער און מיט איילגערטנער. די טרוי־בן אין דעם קרייז זענען אַזוי ווי טרויבן אין רומעניע. די וויינ־

שטאָק־בוימער זענען נידעריק און ברייט; די פּרוכטבאַרקייט איז אומגעוויינלעך.

„דריי פערטל מייל פון ירושלים זענען פאַראַן שטאַפּלען, וועלכע פירן אַרויף צו דער באַרימטער שטאָט. צו דער שטאָט פון אונדזער פרייד. מיר האָבן דאָרט געריסן קריעה און אייניקע שריט ווייטער האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט דער בית המקדש, אונדזער צעשטערטע פּראַכט, און מיר האָבן אויפן חורבן פון מקדש געריסן קריעה צום צווייטן מאָל".

...„דער גרעסטער טייל פון ירושלים איז חרוב און וויסט. דאָרט געפינען זיך אומגעפער פיר טויזנט באַלעבאַטים (אין צייט פון רמב"ן זענען דאָרט געווען צוויי טויזנט) נאָר זיבעציק יידן לעבן דאָרט אָן אַ מקור פאַר פּרנסה. די אָרימקייט איז גרויס. אין לאַנד איז רואיק. אַמאָל האָט די ממשלה אַרויפגעלייגט אויף געוויסע יידן די התחייבות איינצומאָנען שטייערן און אָפּצאָלונגען. דאָס זענען געווען די אַזוי גערופענע זקנים, וועלכע האָבן עקספּלאָטירט און באַדריקט זייערע ברידער. איצט איז דאָס אַנדערש. די זקנים זענען מקרב יעדן וועלכער קומט אין לאַנד. זיי פאַרטיידיקן זיך פאַר אַלץ דאָס שלעכטס וואָס זיי האָבן געטאָן כלפּי זייערע ברידער. אויך די טערקן זענען גוט צו יידן, און לויט מיין מיינונג האָט געקענט אַ ייד זיין דער מושל איבערן לאַנד, אויב עס וואָלט זיך געפונען אַ מומחה אין דער אַנפירונג מיט אַ מלוכה און מיט דער באַגאַבונג צו זיין אַ ריכטער. ליידער זענען די יידן אַלע מדבר־מענטשן, און זיי זוכן מער זייער טובה ווי די טובה פון כלל.

„אין דער ערשטער צייט בין איך געוואָרן אַ קברן אין ירושלים. עס איז פּשוט ניט געווען ווער עס זאָל מקבר זיין די יידישע מתים. מיט גרויס מי האָבן מיר באַקומען אייניקע בעלי תשובה פון די אַלטע אנוסים, וועלכע האָבן אונדז געהאָלפן, אויב ניט דאָס וואָלטן אונדזערע מתים זיך אַרומגעוואַלגערט אין די גאַסן".

...„אָרים איז דער בית הכנסת. נאָך גאָר ניט לאַנג זענען דאָרט געווען דריי הונדערט ספרי תורות. איצט זענען גאָר ווייניק פון דעם געבליבן. די גאָלד־באַצירונגען האָבן די זקנים פאַרקויפט. די בתי מדרשים זענען לאַנג, שמאָל און פינצטער. אויפן הויף איז

דאָ אַ מעטשעט. די הויז האָט אַמאָל געהערט צו אַ יידן. אָבער, ווייל ער האָט זיך מיט די אַנדערע יידן צעקריגט, איז ער געוואָרן אַ טערק. און בשעת די מאַמע האָט געזען אַז דער זון האָט זיך געשמדט צוליב רדיפות מצד די יידן, האָט זי איר הויז מקדיש געווען אויף אַ מעטשעט ווי אַ נקמה געפיל. ערשט שפּעטער האָט דער מושל דעקרעטירט אַז מען זאָל פונדאַסניי אויפבויען די הויז און האָט דערלויבט דאָרט אַוועקצושטעלן אַ בית הכנסת״.

רבי עובדיה וואַרפט אָן אַ בילד נאָך אַ בילד פון דער יידישער אָרימקייט און פון די יידישע קאַמפן פאַר זייער עקזיסטענץ. ער שאַנעוועט די יידישע „זקנים״, וועלכע האָבן פאַרקויפט קהלשן האָב און גוטס כדי זיך צו באַרייכערן.

ער באַשרייבט די אופנים ווי מען איז אין ירושלים מתפלל, די ספּעציעלע תפילות, די אייגנאַרטיקע מנהגים און איז צופרידן פון דעם וואָס אין שטאָט איז נישטאָ קיין אַפּיקורסות און קיין בייזע אמונה און וואָס קיינער איז זיך ניט סומך „אויף אַריסטאָטעלעס און זיינע חברים״.

עס איז מערקווירדיק אַז אַזאַ ליכטיקער מוח ווי דער ברוטנורא זעט אין „מורה נבוכים״ פון רמב״ם דעות פון מאַכמעדאַניזם. ער דערציילט פון די ווילדע מנהגים און באַרבאַרישע מעשיות מצד די ישמעאלים און ברענגט פאַלן ווען די ריכטער באַפרייען אַ טערק פון די ערגסטע פאַרברעכנס, ווייל זיי זאָגן אַז שולדיק אין די פאַרברעכנס זענען יידן און קריסטן.

„...ירושלים האָט ביי אַלע אירע חורבות און צעשטערונגען זעלטן שיינע גאַסן. פון ביידע זייטן גאַסן זענען דאָ קראָמען, מיט אַלע מינים סחורות. בשעת איך בין געקומען אין ירושלים האָט דאָ געבושעוועט אַ הונגער, וועלכער האָט אין יידישן קוואַרטאַל אַוועקגעלייגט אַ סך מענטשן פון אונדזערע בני ישראל. מען האָט זיך מפרנס געווען מיט גראָז פון פעלד און מען האָט ווי בהמות געזוכט פּאַשע.

איין איינציקן רב האָב איך דאָ געפונען, אַ זעלטענעם עניו, וועלכער איז געבוירן און האָט זיך געהאַדעוועט אין ירושלים גופא. גאַנצע טעג לערנט ער און אין אַ פרייער שעה וועבט ער בגדים.

זעקס חדשים לאַנג האָט ער געגעסן אַ שטיקל ברויט נאָר פון שבת צו שבת.

פון די פייגן מאַכט מען דאָ האָניג; איך האָב ניט געזען דאָ קיין האָניג פון טייטלען.

דעם יאָר איז געווען אַ גוטע גערעטעניש. דער הונגער האָט זיך פאַרענדיקט און אין ירושלים שפּראָצן און וואַקסן פּירות, וועל־כע זענען נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט. פאַראַן בוימער וועלכע עקזיסטירן נאָר איין יאָר און פאַרוויאַנען. אויף דעם אָרט וואַקסט אָבער אַרויס פון זיך אַליין אַן אַנדער בוים מיט נייע פּירות״.

דאָ באַשרייבט רבי עובדיה די פאַרשידענע מינים פון פּירות און פון איילן, און פאַרפּיקסירט, אַז שפּייז איז אין ירושלים ביליקער ווי אומעטום, און אַז דער אייל איז פון דער בעסטער קוואַליטעט און אַז פליייש און וויין איז דאָ לרוב, און „אַז דאָס לאַנד איז גוט, פעט און רחבותדיק״.

ער באַשרייבט דעם כותל מערבי, דער הר הזיתים, די הרי מואב, דעם מדבר יהודה, און ער שילדערט די פאַרשידענע רעלי־גיעזע ביתות און די קברי מלכים. ער דערציילט אַז קיין ירושלים קומען אַלץ נייע אייננוואַנדערער און גיט אַ בילד פון די יידן, פון אַדען, וואָס קומען קיין ירושלים און איבער די תימנער יידן, די עשרת השבטים און איבער דער מלחמה אין עטיאָפּיע.

זיינע דרשות האַלט ער אין „לשון קודש״.

ווי עס שיינט האָט ער עס משפיע געווען אויף דעם, אַז די שטייערן זאָלן איינגעמאָנט ווערן דירעקט דורכן מושל אינדיווידועל און ניט דורך די זקנים אויף אַ קאָלעקטיוון אופן.

אין ירושלים האָט רבי עובדיה פאַרענדיקט זיין פּירוש אויף משניות. זיין אויטאָריטעט איז געווען גרויס און האָט ווייט דער־גרייכט.

אַ תלמיד וועלכער איז ספּעציעל געקומען פון איטאַליע כדי צו לערנען ביי אים תורה, שרייבט:

...„אַז אַן רבי עובדיה רירט זיך קיינער ניט פון אָרט, און אַז פון אַלע עקן לאַנד קומט מען אים פרעגן עצה׳ס און שאלות, און אַז אפילו די יידן פון מצרים און בבל פאָלגן אויס זיינע

גזירות. דערביי איז ער אַ עניו און מיט פשוטע מנהגים. אויך די גויים האָבן פאַר אים דעם גרעסטן דרך ארץ״.

רבי עובדיה האָט אין אַלע זיינע בריוו גערופן צו עליה. אויך פאַר אים איז געווען ירושלים ניט קיין אָרט אויף צו שטאַרבן נאָר אויף צו אַרבעטן און צו לערנען און צוצוגרייטן דעם ישוב עס זאָלן אַהין קומען „די פאַרלוירענע און פאַרשטויסענע יידן פון יהודה און אפרים״.

די מקובלים האָבן ווי באַוואוסט זיך באַזעצט אין צפת; אין זייער קאָנצעפּציע פאַרנעמט אָבער ירושלים אַ וויכטיקן אָרט. דער אר״י (רבי יצחק אשכנזי־לוריא) וואָס איז געבוירן אין ירושלים און נאָך מער דער של״ה (רבי ישעיהו בר אברהם הורוויץ) אַזוי ווי רבי יוסף קארו און דער אלשיך האָבן געהאַט די פולע אמונה אַז משיח וועט קומען קיין ירושלים.

בכלל האָבן די גייסטיקע פאַרבינדונגען צווישן די ארץ־ישראלדיקע צענטערס פון תורה און צדקות אין אַלע יאָרן געשפּילט אַ ראָל אינעם לעבן פון ישוב.

פאַקטיש האָבן די דריי הויפּט־צענטערס: צפת, טבריה און ירושלים, געבילדעט איין איינציקע קדושה־אייניקייט, הגם, די שיטהס און דער לעבנס־שטייגער אַנטפּלעקן טיפע און פּרינציפּיעלע שינוים.

נאָכן גירוש שפּאַניע (1492) זענען אַ סך ספרדישע יידן געקומען קיין ירושלים.

גיך איז צוזאַמענגעבראָכן די עגיפּטישע הערשאַפט איבערן לאַנד און איבער ירושלים. די טערקן זענען מנצח און אין יאָר 1517 פאַלט ירושלים אַרונטער אונטער דער טערקישער הערשאַפט.

אַ נייע געשיכטס־תקופה הויבט זיך אָן פאַר דער שטאָט.

ז

ירושלים ווערט דער צענטער פון די טערקישע יידישע קהי־לות.

די קאָמוניקאַציע ־ מעגלעכקייטן אין זעכצנטן יאָרהונדערט זענען אוודאי געווען אַזוי פרימיטיוו ווי מען קען זיך נאָר פאָר־שטעלן. אַזיף די וועגן וועלכע האָבן פאַרבונדן לענדער און קאָנ־טינענטן האָבן געלאַגערט מערדער און גנבים. יחידים און גרופּן, וועלכע האָבן געוואַנדערט און זענען אָפט געבוג פאַרשלאָגן געוואָרן אין באַרבאַרישע געגנטן און אפילו דאָרט, וואו עס הויזן קאַני־באַלן און ווילדע שבטים.

און דאָך האָט זיך דערטראָגן אין די גלות־לענדער יעדע געשעעניש, וועלכע האָט געשאַפן אַ פרייע שפּאַרונע אין די טויערן פון ארץ ישראל און ירושלים. די פאַנאַנדערגעריסענע נשמות און געבראָכענע הערצער פון די אנוסים און פון די פאַריאָגטע יידן, האָבן געזוכט זייער תיקון, האָבן געגאַרט נאָך גאולה און האָבן זיך ניט גערעכנט מיט רעסיסטענץ און מיט סכנות.

די אָקופּאַציע פון די טערקן איז געוואָרן אַ מקור פאַר לע־גענדעס וועגן דער מעגלעכקייט פאַר יידן צו קומען קיין ירושלים, בפרט האָבן זיך אין איטאַליע פאַרשפרייט קלאַנגען וועגן גאולה־סימנים.

פון ירושלים זענען דערגאַנגען אין די גלות־לענדער פּאַנ־טאַסטישע דערציילונגען וועגן דעם אַז דער מעטשעט האָט באַ־פרייט אַן אָרט פאַרן בית המקדש און אַז אַ געוויסער נגיד, רבי יצחק הכהן שולאל, גיט אַליין און שאַפט מיטלען פאַר קיבוץ גליות.

די ידיעות וועגן דער באַפרייאונג פון ירושלים און ארץ ישראל האָבן אַרויסגערופן משיחישע אַנטפלעקונגען. ווי עס שיינט האָט דאָס אויך געשאַפן דעם אַטמאָספער פאַרן דערשיינען פון דער קעניגלעך־מיסטישער פערזענלעכקייט פון דוד ראובני, וועל־כער איז געבוירן אין אַראַביע און האָט באַקומען אַן השפעה אויף די מאַסן אויך אין די אייראָפּעאישע לענדער, וועלכע האָבן גע־גאַרט און געלעכצט נאָך אַ דערלייזער.

די מערקווירדיקע פיגור פון דוד ראובני איז נאָך ביז היינט ניט דערפאָרשט אין איר פּסיכאָלאָגיש־מיסטישן מהות. ווי איז דאָס מעגלעך געווען אַז דער פּויפּסט אַליין האָט אים רעקאָמענ־דירט קיין פּאָרטוגאַל וואו דער מלך האָט געשטעלט אין זיין רשות אַ קריגס־חיל מיט אַ קריגס־פלאָט און מיט אַלע מכשירים? ווי איז דאָס מעגלעך געווען אַז אפילו די משפחה פון אברבנאל האָט גע־גלויבט אין זיין משיחישער שליחות?, און ווי איז דאָס מעגלעך געווען אַז דער פילאָזאָף פון זיין צייט און פּאָפּולערער שרייבער, דיגאָ פּירוס, וועלכער שטאַמט פון יידן — איז יעצט צוריק גע־וואָרן אַ ייד, האָט זיך גע׳מל׳ט און האָט זיך אַנטפּלעקט אין שלמה מלכו, וועלכער האָט דורכגעוואַנדערט שטעט און מדינות, מיט דער בשורה פון דער גאולה, אַזוי אַז אפילו דער גאון און מקובל רבי יוסף קארו, האָט זיך מיט אים אידענטיפיצירט אין ליבשאַפט און עקסטאַז.

וועגן שלמה מלכו, אין פאַרבינדונג מיט זיין גאולה־עקסטאַז, מיט זיינע וואונדערלעכע וואַנדערונגען, וועלכע האָבן סוף כל סוף דערצו דערפירט אַז ער איז פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט אין יאָר 1532, שרייבט רובאשאוו (שזר):

„עס איז קיין ספק ניט, אַז דאָס פּלוצלימדיקע דערשיינען פון פּאָרטוגעזישן יונגן מאַן, דעם אנוס און דעם מקובל, וואָס האָט אַראָפּגענידערט פון פרעמדע הויכן און פון אַ פרעמדער קולטור,

וואָס האָט דעם יידנטום אַרומגעכאַפּט מיטן געטלעכן פייער פון משיחס באַלדיקן קומען, וואָס האָט מיט אָדלער־פליגלען זיך דורכ־געטראָגן דורך אַלע גלותן, וואָס האָט אָנגעצונדן אַ פייער פון אַלטע האָפענונגען, וואָס האָט פאַרוואונדערט הערצער מיט זיין זעאונג, באַפרייט פאַרחושכטע אנוסים דורך זיין השפּעה, האָט אַרונטערגעטויכט אין די טיפסטע טיפענישן פון ישראלס גייסט מיט זיינע דרשות, וואָס האָט אַ שפּרונג געטאָן גראד אין לייבן־גרוב פון הערשער־שונאים צו מאָנען פון זיי גערעכטיקייט פאַר זיין פאָלק און איז פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט אין זיינע יונגע יאָרן — עס איז ניט קיין ספק — אַז די דאָזיקע געגאַרטע, פאַרערטע און בליציקע דערשיינונג האָט פאַרכישופט דאָס טרייע און ציטערדיקע הארץ (פון רבי יוסף קארו)".

ניט דער ראובני, און ניט שלמה מלכו, זענען דערגאַנגען צום ציל פון זייער געלוסט. זיי זענען קיין ירושלים ניט געקומען. דאָס וואָס האָט מיט זיי אָבער פּאַסירט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ירושלים־ אַטראַקציע אין דער תקופה.

פון יענער צייט זענען אַריבערגעגאַנגען צו אונדז מערערע בריוו פון ירושלים, וועלכע זענען תפילות אַז יידן זאָלן קומען אין לאַנד.

רבי ישראל פון פירושא באַשרייבט די מנהגים פון די תוש־בים, די מנהגים פון די תפילות, און וועגן די פּראָפעסיעס און האַנדלס־מעגלעכקייטן, אַזוי ווי די ישיבות און די ראשי־ישיבות.

ער שילדערט די מאכלים און אַרבעטס־ מעגלעכקייטן, די קליידונג און די באַציאונגען צווישן אַראַבער און יידן.

ער באַקלאָגט זיך אויף די הויכע פּרייזן און אויף די שטייערן וועלכע מען האָט אַרויפגעלייגט אויפן ישוב אין ירושלים. צום סוף פאַרענדיקט ער:

„אָבער אויך איצט אין איר חורבן, אין אירע וויסטענישן, איז דער ישוב צופרידן און פריילעך; דאָס לאַנד איז זייער גוט און הגם, מען האָט צווישן אונדזערע שכנים פאַרשפּרייט וועגן אונדז בילבולים, האָט מען אונדז דאָך ניט אָנגערירט".

אַן ענלעכע שילדערונג פונעם לעבן אין ירושלים אין יענער

צייט געפינט זיך אין אַ בריוו פון אַ ספרדי, וועלכער פאָדערט, אַז זיינע קרובים זאָלן פאַרלאָזן זייער וואוין־לאַנד און קומען קיין ירושלים, אפנים אַז די משפחה געהערט צו די גולי שפּאַניע.

אין דעם בריוו באַשטעטיקט זיך דאָס וואָס דער תלמיד פון רבי עובדיה ברטנורא און רבי ישראל פון פּירושא, האָבן רעגיס־טרירט איבער די פּראָפעסיעס, וועלכע גיבן פּרנסה אין לאַנד. אויך ער דערמאָנט אַז וויכטיק זענען יובילירן, שניידער, טעפּער, טיש־לער, שוסטער און שמידן.

דער תכלית פון דעם בריוו איז צו ברענגען עולים קיין ארץ ישראל. ער פאַרענדיקט:

„איך בעט דיר, און בעט זיך באַ דיר ווי אַ זון, וואָס בעט זיך באַ זיין טאַטן אַז דו זאָלסט טאָן אַלצדינג כדי עולה צו זיין אַהער. דאָ קען מען זיך זעטיקן מיט פלייש, מיט ברויט, מיט וויין, מיט פּירות און מיטן גאַנצן זיסוואַרג, און דערביי איז עס אַ פאַקט „אַז מיר האָבן דאָ ניט דעם דריקנדיקן גלות".

אַ באַגייסטערטן בריוו וועגן ירושלים האָבן מיר פון רבי שמשון בק, וועלכער איז געקומען פון איטאַליע אין אַנהויב קיין צפת און איז שפּעטער אַריבערגעוואַנדערט קיין ירושלים.

בק גיט אַ בילד פון די לעבנס־באַדינגונגען אין שטאָט און פּרטים וועגן דעם האַנדל און וועגן דער זיכערקייט פאַרן לעבן. הגם ער שטייט אונטער דער השפּעה פון דער קבלה, וועלכע ער האָט אויפגענומען פון אר"י און פון זיין תלמיד מוגרבי, האָט ער דאָך פאַרלאָזן צפת, ווי ער שרייבט, צוליב דער הונגער־נויט וועל־כע האָט דערצו געפירט, אַז אין יענער צייט האָבן מער ווי טויזנט נפשות אריבערגעוואַנדערט פון צפת קיין ירושלים.

„אין ירושלים, זאָגט ער, פעלט גאָרניט. אפילו איצט, אין דער צייט פון חורבן, הערשט דאָ אַ מזל ברכה. אַלץ איז דאָ בי־ליק. מיר דאַנקן און לויבן גאָט וואָס ער האָט אונדז מזכה געווען אים צו דינען אין לאַנד פון לעבן. איך האָב דאָ אַ רחבותדיקע הויז. איך צאָל ווייניק שטייערן און איך האָב קיין מורא ניט פאַר קיין גנבים און קיין גזלנים.

„איך בין ניט בכוח אויסצושרייבן די שבחים פון דער היי־

ליקער שטאָט, אפילו איצט אין דעם חורבן. דאָ איז דער כותל מערבי פון בית המקדש, און דער בית הקברות פון יהושפט־טאָל. יעדן טאָג שטייגט אויף און לאָזן זיך אַראָפּ די וואַסערן פון השלוח־קוואַל... מיינע אויגן זען עס און מיין האַרץ פרייט זיך.

„מיר האָבן אונדזער דירה אין ציון, און להבדיל די ערלים און די ישמעאלים וואוינען אויך אין ירושלים. צו דער שיינקייט פון מויער וואָס רינגלט אַרום ציון און ירושלים איז נישטאָ קיין גלייכן".

עס זענען בריוו פון איינצלנע פערזענלעכקייטן. זייער השפּעה אויף די יידישע מאַסן אין גלות אַנטפּלעקט זיך אויף פאַרשידענע אופנים. די גלות־יסורים שאַפן אָפענע אויגן און אויערן פאַרן רוף פון עליה. אַ סובטעלער מיסטישער חוש נעמט אויף יעדן קלאַנג און יעדן טאָן, וועלכער קומט פון ארץ ישראל.

דער אין פאַראַגראַפן סיסטעמאַטיזירטער, אין אַ פעסטן נוסח פאָרמולירטער שולחן ערוך פון רבי יוסף קארא, דערטראָגט זיך אין גלות אויף די פליגלען פון קבליסטישער שירה, אַזוי ווי רעד גאולה־פאַרבענקטער ניגון פון „לכה דודי", וועלכן עס האָט אַרויסגעוויטיקט די טיף־לירישע נשמה פונעם מקובל רבי שלמה אַלקביץ.

הגם דאָס אַלץ אין געשריבן געוואָרן אין צפה, איז די קאַנווע ניט ווייניקער אויך ירושלים.

„מקדש פון מלך, שטאָט פון מלוכה, שטיי אויף און קום פון דיין חורבן אַרויס, אויף רעכטס, אויף לינקס וועסטו זיך טאָן שפּרייטן!".

* *
*

איינער פון די גרעסטע גאונים פון זיין צייט, ר' ישעיהו הלוי הורוויץ (דער של"ה הקדוש), וועלכער האָט אַלס גייסטיקער פירער אין פּראָג געהאַט די גרעסטע כיבודים, פאַרלאָזט זיין קהילה, שיידט זיך פאַנאַנדער מיט זיינע זין און אייניקלעך, און וואַנדערט אויס קיין ארץ ישראל.

אין איינער פון זיינע ספרים שרייבט ער:

„מיין הארץ האט געפלאמט אין ערגערניש ווען איך האב געזען, אז אונדזערע בני ישראל בויען זיך הייזער ווי פעסטונגען, שאפן זיך שטענדיקע דירות אין דער וועלט, אין די טמא לענדער און דערמיט זאגן זיי זיך אפ פון דער גאולה".

אויך ער באשרייבט די צרות און די סכנות פון זיין נסיעה, און זאגט ארויס די האפענונג אז ער וועט נישט זיין קיין יחיד אין דער עליה און אז די אשכנזישע יידן וועלן אים נאכפאלגן: „א סך וועלן אהין קומען, וועלן זיך מיט מיר באהעפטן און מיר וועלן אויפטאן וואונדער אין לערנען תורה און אין עסקנות".

אין ווייטערע בריוו צו זיינע קרובים בעט ער אז מען זאל אומעטום מודיע זיין, אז ווער עס גלוסט צו קומען אין הייליקן לאנד זאל זיך דערווערבן א דירה אין ירושלים, ווייל, דער ישוב אין ירושלים איז זייער גוט. מען רעדט דא לשון קודש און איז מוסיף:

„געלויבט איז השם יתברך, אז דא איז שוין געווארן ענג דער ארט. דער קהל אין ירושלים איז דאפלט אזוי גרויס ווי דער קהל אין צפת און מיט יעדן טאג ווערט דער קהל גרעסער. דא געפינען זיך חשובע יידן, גרויס אין תורה. ירושלים איז אפילו איצט אין איר חורבן די פרייד פון גאנצן לאנד, דא הערשט שלום און רואיקייט און גוטע שפייז און אפילו די בעסטע שפייז, און אלץ איז זייער וואלוול. אויך די ספרדים ווערן אלץ מער; הונדערטער זענען עולה און זיי בויען זיך גרויסע הייזער, און דאס איז א סימן אז גיך וועט קומען די גאולה. איך בין איבערצייגט, אז דער אשכנזישער קהל וועט באלד ווערן גאר גרויס, ווייל מען וועט זיך וועלן באהעפטן מיט דער שטאט... למען ירושלים לא אחשה. איך וועל ניט שווייגן וועגן ירושלים און איך וועל שטענדיק שרייבן קיין פוילן און צו די מנהיגים דארטן, אז זיי זאלן קומען אהער".

אין זיין ספר „שער השמים" (דער טויער פון הימל) האט ער געשריבן:

„ירושלים איז דער טויער פון הימל. אלע תפילות גייען דורך

דעם טויער. און ניט נאָר די תפילות פון ירושלים, נאָר פון גאַנ־צן כלל, א. א. וו."

אַ דראַסטישע שילדערונג פון דער דעמאָלטדיקער תקופה געפינען מיר אין אַ כראָניק פון אַ מחבר אונטערן נאָמען „איש ירושלים". ער שרייבט:

„אונטערן סולטאַן מוראַד, האָט געהערשט איבער ירושלים מוכמאַד פּאַשאַ; די שטאָט פון אונדזער גאָט האָט זיך באַפּעל־קערט מיט יידן שטאַרקער ווי ווען ניט איז אין דעם גלות. טאָג טעגלעך האָבן זיך באַזעצט נייע יידן, אַ חוץ די וואָס זענען גע־קומען מתפלל זיין ביים כותל, כדי באַשיינט צו ווערן דורך דער זעונג פון גאָטס חן, איבערצובעטן די שטיינער און די ערד־קרוס־טעס פון חורבן.

זיי זענען ניט געקומען מיט ליידיקע הענט; פול מיט גאָלד איז געווען זייער קעשענע. זיי שטאַרקן דעם ישוב פון ירושלים.

אומעטום האָט מען זיך דערוואוסט אַז מיר לעבן דאָ זיכער, רואיק און אָן דאגות; אַ סך האָבן געקויפט הייזער און לאַנקעס און האָבן אויפגעבויט די חורבות; אין די גאַסן פון ירושלים זע־נען געזעסן יונגע און אַלטע, און אומעטום האָט מען געזען און געהערט קינדער; פון ציונס שיינקייט האָט זיך דערהויבן די געט־לעכקייט, חכמה, שכל און תורה; די גאַנצע וועלט האָט איינגע־זאַפּט די ברכה און די תורה פון ציון; חכמים און גאונים האָבן זיך געהאַדעוועט אויפן מלחמה־שלאַכט פון תורה; בתי מדרשים האָבן זיך געעפנט און עס איז געווען אַן אַטמאָספער פון מלאכה און יראת שמים. די מנהיגים האָבן געדאגהט פאַר די לימודים, און מען האָט געזאָרגט פאַרן באַדאַרף פון שבת און מען האָט פאַר־זאָרגט די אָרימע אַז עס זאָל זיי גאָרניט פעלן.

כמעט יעדן טאָג האָט מען געהערט אַ בת קול פון די נדי־בים, פון די וואוילטעטער, אַז מען זאָל בענטשן גאָט דורך דעם וואָס מען פאַרזאָרגט די אָרימע לייט. אונדזער מעשה־צדקה איז געווען גאַנץ און אַלץ איז געווען רואיק; קיין שטן און קיין פּלאָג האָט אונדז ניט געשטערט, און אין די גאַסן האָט מען ניט גע־הערט פון קיין יללות און פון קיין צרות".

די עליה איז געקומען פון איטאַליע, פון דייטשלאַנד און פון די מזרח־לענדער.

לאַנג איז אָבער דאָס לעבן ניט געווען אַזוי געראָטן. אַזוי גרויס ווי עס איז געווען די עליה און דער רחבותדיקער לעבן אין ירושלים אין די יאָרן, אַזוי גרויס איז אויך געווען די ירידה און די יסורים אין די קומענדיקע דריי יאָר.

לויט אַלע כראָניקער זענען די יאָרן פון 1625 ביז 1627 געווען די ערגסטע און די שרעקלעכסטע פון אַלע תקופות פאַר די יידן אין ירושלים.

דער כראָניקער דערציילט:

„דער איין־אויגיקער רשע מכמד פון פארוך האָט אָפּגעקויפט אויף אַ געוויסע צייט די הערשאַפט איבער ירושלים. מיט אַ בעסטיאַלישער אכזריות האָט ער אָנגעהויבן זיין ממשלה. ער האָט אַרויפגעדריקט אויף אונדזער האַלדז אַ שווערערן יאָך ווי אַלע יאָכן וואָס זענען געווען פאַר אים. מען האָט מענטשן געפּענטעט, זיי אָנגעטאָן די ערגסטע יסורים, מען האָט אַוועקגענומען זייערע פאַרמעגנס, זייער גאַנצן האָב און גוטס; דער רויב האָט אַרויסגערופן געשרייען און געוואַלדן, אָבער קיינער האָט ניט געקענט העלפן. דער טערקישער ריכטער האָט אין אָנהויב פּראָטעסטירט. האָט ער אָבער זיך אַליין קויב געראַטעוועט פונעם טויט. דער פּרוּאוו צו אָרגאַניזירן רעזיסטענץ מצד די ישמעאלים איז דורכגעפאַלן. זיי זענען געווען פּחדנותדיק.

די רייכערע מיטגלידער פון דער געמיינדע זענען געלעגן פאַרבאַהאַלטן אין היילן, אין די קעלערס פון די בתי כנסת. ביים דאַווענען האָט מען נאָר געזען אָרימע לייט. דער אכזור האָט אָבער אַלעמען געכאַפּט, און אויב מען האָט ניט באַצאָלט קיין אויסלייזגעלט האָט מען באַצאָלט מיטן לעבן.

די יידן פון ירושלים האָבן געמוזט בעטן הילף פון זייערע ברידער אין חוץ לארץ. זיי האָבן געבעטן געלט און האָבן געבעטן זייער השפעה; די השפעה האָבן זיי דערוואַרט פון דמשק און פון קושטא.

„מיט אַן אייזערנער פעדער קען איך נאָר איינס פון טויזנט

באַשרייבן דאָס שלעכטס און די צרות וואָס האָבן פּאַראַליזירט אונדזער לעבן צוויי יאָר. די קללה פון איין טאָג איז געווען גרע־סער ווי די פון אַן אַנדער טאָג.

מיר זענען געבליבן אין ציון אַ בדלותדיק פאָלק; אָרים און צעדריקט, פאַראַכטעט און אומגליקלעך, ווי די שעפּסן האָט מען אונדז געשלעפּט צו דער שחיטה".

ביי שרעקלעכע שילדערונגען דערציילט דער כראָניקער וועגן דעם שיין פון האָפענונג פאַרן ישוב פּטור צו ווערן פונעם רשע, אָבער פון דער האָפענונג האָט זיך אויסגעלאָזן אַ שרעק. דער רשע האָט זיך פאַרזיכערט אויף אַ לאַנגער צייט".

דער שרייבער איז מוסיף:

„ביי אַלע צרות און יסורים האָבן מיר די שטאָט ניט פאַר־לאָזן; געבענטשט זאָל זיין גאָט; ער איז אַ צדיק און גערעכט; זיין דין איז אמת און ער קען ניט קיין עוולה".

צדיקים און גאונים האָט מען געמאַטערט; נישט ווייניק זע־נען אַנטלאָפן. מען האָט ירושלים ניט פאַרלאָזן, און אפילו בשעת מען האָט פאַרשפּרייט אַ געפעלשטן דעקרעט, אַז די רעגירונג האָט באַפוילן אַז אַלע יידן זאָלן פאַרלאָזן די שטאָט און אַז נאָר פער־ציק באַלעבאַטים מעגן בלייבן, האָבן זיך די יידן אויסגעקויפט פאַר אַ סך געלט און זיי זענען געבליבן אין ירושלים.

אָבער די פאַרזאָרגונגס־אַרבעט פאַר אָרימע און קראַנקע האָט אויפגעהערט. די יידן זענען געגאַנגען אין שמאַטעס. די ישיבות און די יידישע געריכטן האָט מען געשלאָסן. די פרנסים האָבן געקענט אַנטלויפן אָבער זיי האָבן עס ניט געטאָן; זיי האָבן ניט געוואָלט איבערלאָזן דעם ישוב אַף הפקר".

דער כראָניקער פאַרענדיקט זיינע אויפשטורעמדיקע שילדערונגען:

„זינט דער רשע בן פרוך איז געקומען אין ירושלים האָט זיך אָפּגעטאָן פון אונדז די רו און די זיכערקייט פאַרן לעבן. אין מורא האָבן מיר געגעסן אונדזער ברויט, אין דאגה האָבן מיר געטרונקען אונדזער וואַסער; ביי נאַכט זענען מיר ניט געשלאָפן, אַ קאָשמאַר האָט אויף אונדז געלאַסטעט, אַ פוילעניש איז אונדז באַפאַלן, און אַלץ האָט אין אונדז געציטערט. מיר זענען געגאַנגען ווי שאָטנס; אַ טאַטע האָט געזוכט צו פאַרבאַהאַלטן דעם זון, און דער זון דעם טאַטן;ביידע זענען געלעגן אונטער שטיינער און אין דער ערד· צוליבן פחד פאַר די שונאים, וועלכע האָבן אַרויפגעוואָרפן אויף אונדז אַנגסט, ביז גאָט האָט זיך אויף אונדז מרחם געווען".

די השפעה פון די יידן אין קושטא, אין דעם הויף פון סולטאַן, האָט געראַטעוועט דעם ישוב. סוף כל סוף האָט אבן פרוך געהאַט אַ מפלה.

פון קושטא האָט מען געשיקט אַ חיל און מען האָט פאַרטריבן אבן פרוך, און אויף זיין אָרט האָט מען אַוועקגעשטעלט ח ס א ן פ אַ ש ה, וועלכער האָט פאַרטריבן דעם אכזר און האָט אויפגעהאַנגען זיין געהילף.

„און מיר האָבן באַצאָלט דאַן אונדזער גאָט מיט תפילות, און מיר האָבן געזאָגט גאַנץ הלל צוליב דעם וואָס ער האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצורייסן פון אונדזער לאַנד די עבודה זרה און צו פאַרטרייבן דעם רשע אבן פרוך".

דער ירושלימער ישוב איז אָבער געבליבן אויסגעליידיקט פון

לעבנסמיטלען און אָן פּרנסה. מוראדיקע חובות האָבן געלאָסטעט אויפן קהל; שליחים זענען געשיקט געוואָרן אין אַלע גלות־לענדער כדי צו שילדערן די לאַגע און בעטן געלט.

די שרעקנס־הערשאַפט פון בן פרוך אין ירושלים האָט זיך פאַרשפרייט אין דער גאַנצער תפוצה.

דער עליה שטראָם קיין ירושלים האָט זיך שטאַרק פאַרלאַנגזאַמט.

ח

פינף און זיבעציק יאָר האָט געדויערט ביז ער האָט פונדאָס־ניי באַקומען אַ פאַרנעם. די צרות פון גלות, די יידישע יסורים אין פוילן האָבן אַרויסגערופן נייע גאולה־באַוועגונגען און דאָס האָט געפירט צו נייע עליות.

אין זיבעצעטן יאָרהונדערט הייבט זיך אָן אַ צווייטע עליה פון די קאַראַאימער קיין ארץ ישראל.

די ערשטע עליה איז פאָרגעקומען, ווי אויבן דערמאָנט, אין צענטן יאָרהונדערט אונטער דער אָנפירונג פון סאַלאָמאָן בן ירוחם, און איז געקומען פון אַראַביע. די צווייטע עליה קומט פאָר פון רוסלאַנד, פון קרים, וואו די קאַראַאימער האָבן אויסגעבויט אַ צענ־טער, וועלכער איז באַזונדערס רייך באַקאַנט זיינען די דאָקומענטן וועלכע עס האָט אַרויסגעגעבן דער ראש פון די קאַראַאימער, פירקאָ־וויטש — קעגן וועלכן דער שרייבער אפרים ריינאַרט האָט געפירט אַזאַ פאַרביטערטן קאַמף.

בראש פון די עולים שטייט שמואל בר' דוד יעמש"ל, וועל־כער איז געווען באַרימט ווי אַ חכם און אַ משכיל און אָן אָנפירער פון זיין עידה אין דער קרים.

אין יאָר 1641 איז ער געקומען קיין ירושלים. ער באַשרייבט דעם קאַראַאימישן לעבן אין ירושלים און רופט אָן מיט נעמען

מערערע קאַראַאימישע נגידים און פירער וועלכע האָבן אים אין ירושלים מקבל פנים געווען מיט „שפייז, מיט ווייז, אַזוי אַז מיר האָבן געגעסן, מיר האָבן געטרונקען, זיך געפרייט און געדאַנקט גאָט וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו זען אונדזער הייליקע שטאָט און געבעטן אַז גאָט זאָל אונדז אויך מזכה זיין אויך צו דערלעבן משיחס צייטן".

ער באַשרייבט דעם בית המקדש, דעם מעטשעט און בענטשט דעם קעניג סאָלאָמאָן, וועלכער האָט דערנייערט די מויערן און די טויערן פון ירושלים און אויסגעבויט אַ בית תפילה וועלכער געהערט צו די שענסטע בנינים.

דער מחבר דערציילט אַז ער האָט געזען אין ירושלים אַ הייליקן שקל וועלכער שטאַמט מסתמא פון די צייטן פון דער יידישער מלוכה און טראָגט פון איין זייט די אויפשריפט „ירושלים הקדושה" און פון דער אַנדערער זייט „שקל ישראל".

אויך די קאַראַאימער משה ירושלמי וועלכער האָט אויסגעוואַנדערט פון דער קרים קיין ארץ ישראל מיט פופצן יאָר שפּעטער באַשרייבט די בתי מדרשים און דעם לעבן־שטייגער פון די קאַראַאימער אין ירושלים. ער דערמאָנט אַפילו אַז צוויי פרויען זענען שטענדיק באַטייליקט אין די תפילות און אַז די בנינים פון די קאַראַאימער אַרום זייער בית תפילה זענען קינסטלעריש אויסגעבויט. ער שילדערט אַלע הייליקע ערטער אין וועלכע זיי האָבן מתפלל געווען צוזאַמען מיט די אַנפירער פון דער ירושלימער קאַראַאימער עידה.

אין יאָר 1785 קומט קיין ירושלים פון דער קרים, בנימין ירושלמי. אויך ער האָט געפונען אין ירושלים אַ גרויסן קאַראַאימישן קהל מיט בתי מדרשים און סאָציאַלע אינסטיטוציעס. ער דערציילט אַז הגם אין די הייליקע מוסולמענישע ערטער האָט מען יידן ניט דערלויבט אַריינצוגיין, האָבן זיי די קאַראַאימער דאָך באַקומען אַ היתר צו באַטראַכטן דעם פּלאַץ פון בית המקדש און דורך אַ פענצטער פון אַ זייטיקן הויז דעם הייליקן מעטשעט.

....לויט דער צייט ווען עס איז פאָרגעקומען די קאַראַאימישע עליה קען מען משער זיין אַז אויך צו זיי האָט דערגרייכט די משי־

חישע באַוועגונג און זייער עליה האָט געהאַט דעם תכלית זיך צו דערנענטערן צו דער גאולה. בשעת אָבער זיי באַשרייבן דעם לעבן־שטייגער פון זייער אייגענער געמיינדע אין אַלע פּרטים, דערמאָ־נען זיי ניט מיט קיין איין וואָרט דעם לעבן פון די איבעריקע יידן אין ירושלים. בכל אופן מוז אָנגעמערקט ווערן אַז אויך די קאַראַ־אימער האָבן זיך אין די פאַרשידענע צייטן אַריינגעקייקלט אין דעם עליה־המשך קיין ירושלים.

עס איז געקומען דער יאָר ת״ח, אין דעם יאָר האָבן די יידן דערוואַרט די גאולה. די בשורה פון אר״י הקדוש איז דערגאַנגען צום פּוילישן יידנטום. עס האָבן זיך געבילדעט אגודות פון „בעלי תשובה״, מען האָט געפּראַוועט תעניתים, מען האָט ניט אויפגע־הערט זיך טובל צו זיין און אָפּצוריכטן תפילות מיט כוונה און מיט התלהבות. אַלץ האָט זיך מכין געווען; מען איז געווען זיכער, אַז משיח דאַרף קומען. דער גאון רבי שבתי הכהן, (דער ש״ך), דער זון פון של״ה, רבי שפטיל הורביץ׳ און אַנדערע צדיקים, האָבן מודיע געווען אין דער גאַנצער וועלט אַז משיח שטייט פאַר דער טיר.

משיח איז אָבער אין דעם יאָר ניט געקומען, און אנשטאָט דעם האָבן זיך די פורעניותן פון כמעלניצקי זיך אַריבערגעגאָסן אי־בערן קאָפּ פון פּוילישן יידנטום; איינער אַ גאון שילדערט די לאַגע פון פּוילישן יידנטום אין יענער צייט:

„די וועגן פון פּוילן זענען טרויעריק, חזירים און הינט קריצן אויף אונדז מיט די ציינער; מען כאַפּט יידישע קינדער און יידישע עופהלעך, מען שינדט אָפּ די הויט פון אונדזערע קערפּערס און מען לאָזט זיי ניט קומען צו קבורה; ביי שוואַנגערע פרויען עפנט מען זייער מוטער־לייב און מען נעמט אַרויס די קינדער; קליינע צאַרטע קינדערלעך נעמט מען ביי די פיס מיטביידע הענט און מען צע־רייסט זיי אָדער מען קלאַפּט זיי אין דער ערד ביז עס גייט אַרויס זייער נשמה״.

די מוראדיקע צרות האָבן אָנגעהאַלטן אייניקע יאָר. די פּוי־לישע יידן, אָבער, האָבן זיך פעסט געהאַלטן אין דער אמונה אַז דאָס איז משיח־צייטן. די „חבלי־משיח״ זאָגן אָן די פולע גאולה.

און פון די מזרח־לענדער איז טאַקע דערגאַנגען דער קול פון משיח. שבתי צבי איז דערשינען אויפן שליאַך פון אמונה און גאולה. דער פוילישער יידנטום האָט פעסט געגלויבט אין דעם משיחן רוף. איינער פון די גרעסטע גאונים, דער מחבר פון „טורי זהב" האָט מסכים געווען אַז זיין זון און זיין פלימעניק זאָלן דע־לעגירט ווערן פון די פוילישע יידן צו שבתי צבי. זיי האָבן גע־בראַכט אַ בריוו פון משיח צו זייער פאָטער מיט דער בשורה אַז די גאולה איז נאָענט.

באַלד האָט מען זיך דערוואוסט אַז שבתי צבי האָט זיך גע־משדט. דאָס האָט אָבער געהאַט אַ קליינע פעולה; מען האָט עס אויסגעטייטשט ווי אַ סימן אַז דער דור איז נאָך צו זינדיק און אַז די משיחישע אמונה און די בענקעניש נאָך גאולה זענען נאָך ניט שטאַרק גענוג. דער דור איז נאָך ניט ראוי פאַר דער התגלות פון משיח, מען מוז נאָך מער פאַסטן, נאָך אָפטער גיין טבילה, און מיט מער התלהבות מתפלל זיין. מען האָט נאָך ווייניק גע־פייניקט דעם גוף, און צו ווייניק געגעבן נאַרונג דער נשמה.

די צרות וואָס מען האָט געליטן פון כמעלניצקי און דער גלויבן, אַז די גאולה איז נאָענט, האָט אַרויסגערופן אין סוף פון זיבעצנטן יאָרהונדערט אַ מיסטעריעז־משיחישע כיתה מיטן נאָמען „חסידים", וועלכע האָט געדרשנט אַז די גאולה איז אַ סך העכער ווי די הכנות, וועלכע מען קען מאַכן אין גלות כדי איר מקרב צו זיין. עס איז נויטיק אַ טאַט, אַ גרויסער טאַט. וועלכער זאָל אויפ־שטורעמען דעם יידנטום און זאָל מיטרייסן די יידישע מאַסן.

מען מוז פאַרלאָזן דעם גלות און מען מוז גייען קיין ארץ ישראל; נאָר דאָרט קען מען אויסלייזן די שכינה און ברענגען שלי־מות פאַר דער יידישער נשמה.

בראש פון דער באַוועגונג איז געשטאַנען אַ פערציק־יאָריקער־יונגערמאַן, רבי יהודה החסיד, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטל ביי גראָדנע און האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט קבלה און מיסטיק אין איטאַליע, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן זעקס חדשים. פון איטאַליע זענען אַרויסגעגאַנגען די באַוועגונגען קיין ארץ

ישראל. דאָרט איז געווען דער אָרט פון די מקובלים און אַהין זע־נען קודם כל געקומען אַלע בשורות פון צפת און ירושלים.

רבי יהודה החסיד איז געווען אינגאַנצן באַנומען פון דער קבלה, וועלכע האָט באַהערשט דעם איטאַליענישן יידישן ישוב. דער גייסט פון אר״י האָט אַרויסגערופן דעו פעסטן ווילן פאַר אַלע הכנות וואָס מוזן ברענגען די גאולה.

צוריקקומענדיק קיין פוילן האָט רבי יהודה החסיד אָרגאַני־זירט אַ באַוועגונג פון „תיקוני־תשובה" וועלכע האָט געגאַרט נאָך גאולה און האָט זיך איינגעשטעלט אויף אַ קבלת־פנים פאַר משיח וועלכע מוז זיך אין דער גיכסטער צייט מתגלה זיין.

די השפעה פון רבי יהודה החסיד אויף דער באַוועגונג איז געווען אַן אַבסאָלוטע. אַלע זיינע באַפעלן האָט מען גיך אויסגע־פאָלגט. קיינער האָט זיך נישט געקווענקלט אין דער געטלעכקייט פון זיין שליחות.

ער איז אַליין געווען דורכגעזאַפט מיט אמונה. ער האָט גע־וואוסט אַז נאָר דורך גרויסע איבערמענטשלעכע מעשים קען מען מקרב זיין דעם קץ. מען מוז זיך באַהעפטן מיט הייליקייט און וואָס איז הייליקער ווי ירושלים. בכן מוז מען אַזוי גיך ווי מעגלעך קו־מען אַהין. דער וועג קיין ירושלים איז געפערלעך. ווער רעכנט זיך אָבער מיט דעם און ווער קוקט אויף דעם ווען עס גייט אין דער גאולה, ווען מען מוז אויסלייזן די שכינה, ווען מען מוז זיך אַליין דערהויבן אין די ספערן פון געטלעכקייט.

רבי יהודה החסיד איז נישט געווען קיין גרויסער למדן און האָט נישט געלייגט קיין גרויס געוויכט אויף לומדות, נישט אויף בקיאות, ניט אויף חריפות און ניט בכלל אויפן תלמוד און זיינע מפרשים, נאָר אויף תפילה, אויף תשובה און מעשים טובים. לומדות שאַרפט דעם מוח, פירט אַריין דעם מענטשן אין דעם היכל פון שכל, זי צינדט אָבער נישט אָן די נשמה, זי שאַפט נישט קיין עליה צו די הימלישע ספערן, זי איז נישט קיין פייער־פלאַם פאַר עבודת הבורא; משיח און גאולה פאָדערן אָבער, אַ באַהעפטונג מיט קדושה, אַ באַפרייאונג פון אַלץ וואָס איז קערפערלעך, וואָס איז חומר;

קדושה אָבער, איז נאָר אין ארץ ישראל, און נאָר אין ארץ ישראל קען דער מענטש זיך ריכטיק הייליקן.

די בני־דורו פון רבי יהודה החסיד זאָגן עדות, אַז ער איז געווען אַן אמתער מאמין, אַ התלהבותדיקער חסיד, אַ פּערזענלעכ־קייט וואָס האָט אַרומגעשוועבט אין תפוצות ישראל אויף די פליג־לען פון גייסטיקייט, פון אמתער רוחניות.

פול מיט כוונות און מיט יראה איז ער געווען אין פוילן, אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער. אומעטום האָט ער אַנגעצונדן מיט זיינע דרשות די פאַנטאַזיע פון המון; אומעטום האָט ער גע־וועקט צו תשובה און צו מעשים טובים, און אַפילו אין עזרת נשים (אין דער פרויען אָפּטיילונג פון בית התפילה) איז ער אַריינגע־דרונגען מיט אַ ספר תורה אין האַנט און ער האָט געמוסרט און באַגייסטערט.

איינער פון די גרעסטע גאונים פון דער דעמאָלטיקער צייט, רבי יעקב עמדין, וועלכער האָט זיך מיט מסירת נפש אַריינגע־וואָרפן אין קאַמף קעגן שבתי צבי און זיין כת, איז אומדירעקט מודה אַז הגם אַן עם הארץ קען נישט זיין קיין חסיד, און הגם ר' יהודה החסיד האָט עובר געווען אויף אַן עבירה דערמיט וואָס ער האָט פאַר די ווייבער אין שול אַרויסגענומען אַ ספר תורה, איז ר' יהודה החסיד דאָך געווען אַן אויסעראָרדנטלעכע פּערזענ־לעכקייט, וועלכע האָט געהאַט ערלעכע כוונות און מחשבות.

רבי יעקב עמדין שרייבט:

„נאָך שבתי צבי האָט זיך אויפגעהויבן אַ כת פון רבי יהודה החסיד. זיי האָבן גערעדט משונהדיקע רייד און האָבן געגעבן הבטחות אַז זיי וועלן גיך ברענגען משיח און די גאולה. זיי האָבן געפונען אַן אָנשפּאַר אין גרויסן יידן, אין גרויסע רבנים. אָבער די „פקחים" זענען נאָך זיי נישט געגאַנגען. זייערע מעשים זענען נישט געווען כשר אין די אויגן פון די גאונים.

מיין פאָטער, זאָגט רבי יעקב עמדין, האָט מיר געזאָגט אַז רבי יהודה החסיד איז נישט געווען קיין למדן און אַז אַ געוויסער גאון האָט אויף אים געזאָגט אַז „לא עם הארץ חסיד".

מען האָט אָבער מורא געהאַט קעגן אים צו ריידן, ווייל דער

המון, מענער און פרויען, זענען בלינד אים נאָכגעגאַנגען און האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ געטלעכן מאַן... די כוונות און די מחשבות פון רבי יהודה החסיד זענען אפשר געווען גוט און איז געשטאַנען אין הסכם מיט דער ווערט פון זיין קליינער חכמה און קליינער השגה. ער האָט אַ סך אויפגעטאָן ביים פאָלק׳ ער האָט געוועקט צו תשובה און האָט אַרויסגערופן מעשים טובים. ער האָט געווירקט מיט געוויין און טרערן. דער סוף אָבער האָט איבערצייגט אַז נישט אַלץ איז דאָ געווען לשם שמים. דעריבער האָט עס נישט געהאַט קיין קיום. זיי האָבן צוזאַמענגענומען אַ סך געלט און זענען געגאַנגען קיין ארץ ישראל און זיי זענען דאָרט אָנגעקומען מיט אַ גרויסן „חיל", מענער, פרויען און קינדער".

אַ צווייטער גאון פון דער צייט, רבי יהודה לייב מנהיים, באַשרייבט די באַוועגונג:

„איך האָב אַליין געזען ווי די גרויסע קהילה האָט זיך פאַר־זאַמלט און אַוועקגעשטעלט ווי אַ שטאַרקע מויער. אַלע צדיקים, יראים און בעלי ישיבות; מענער פון חכמה, פון וועלכע עס האָט געלויכטן מיט אַ העכערן ליכט, מענער וועלכע זענען געווען די ערשטע פאַר אַלע ענינים פון קדושה; און דערביי איז געווען אַ גייסטפולער חכם, אַ געטלעכער מלאך, רבי יהודה. איך האָב געזען די בערג ווי זיי האָבן גערוישט, זיך געהייליקט, זיך גערייניקט — און האָבן גערופן: לאָמיר זיך אויפהויבן און עולה זיין צו דער מנוחה און צו דער נחלה קיין ירושלים, דעם וואוינאָרט פון אונדזער אייביקן גאָט, און איך זאָג עדות אַז גרויס זענען געווען די מעשים פון די צדיקים, און זיי האָבן געהאַט די הייליקע כוונה צו קומען אין דער הייליקער שטאָט; די גאַנצע עידה איז געווען הייליק, געט־לעכע מלאכים זענען עולה געווען און איך בין מיט זיי מיטגע־גאַנגען. . .

אַז מיר זענען געקומען ביי די טויערן פון ירושלים האָבן מיר געזאָגט: מיר קומען צוריק, מיר קומען אין גאָטס הויז כדי אים צו דינען. דאָס איז זיין כסא הכבוד און מיר שיצן זיך אונטער דעם שאָטן פון זיין כבוד. און דאָס פאָלק האָט זיך משמח געווען אין ליבשאַפט צום הייליקן צוליב דעם וואָס מיר זענען אַרויסגעגאַנגען

פון די פרעמדע לענדער און מיר זענען געקומען צו אַ מקום קדושה און מיר האָבן באַקומען רחבות פאַר תורה און מוסר. אין ציטער האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק, זקנים און קינדער מיטגעפרייט.

רבי יהודה החסיד איז געווען זיכער אַז מיט זיין קומען קיין ירושלים וועט אויך קומען משיח· מיט דער אמונה האָט ער אָנגעצונדן אַ פייער פון קנאות ביי די גרויסע מאַסן, און ער האָט מאַרשירט קיין ירושלים באַגלייט פון מער ווי טויזנט פינף הונדערט נפשות. זיי האָבן געוואַנדערט אויף פרימיטיווע שיפן. פינף הונדערט זענען געשטאָרבן אונטערוועגס, די איבעריקע זענען אָנגעקומען.

זיי האָבן באַלד געקויפט אַ הויז און געבילדעט אַ שול צום דאַווענען. „און ערב שבת", דערציילן זיינע חסידים, „איז אונדזער רבי געגאַנגען זיך טובל זיין אין מקווה, אין קהלשן הויף. צוליב אונדזער עבירות איז ער באַלד קראַנק געוואָרן, און ער האָט געדאַוונט מיט אַ „שווערן קאָפּ" שבת צו מעריב, און אַז ער איז געקומען אין דער היים איז ער געפאַלן אויפן בעט אָן באַוואוסטזיין. שבת אינדערפרי איז אים געוואָרן בעסער, אָבער ער איז באַלד ווידער צוריקגעפאַלן אויפן בעט. מער האָט ער שוין נישט גערעדט ביז מאָנטיק, און ער איז געשטאָרבן אָן אַ וואָרט צו זאָגן און אָן אַ צוואה, און ער איז באַלד געקומען צו קבורה".

דער טויט פון רבי יהודה החסיד האָט געמאַכט אַ מוראדיקן רושם אויף די חסידים, וועלכע זענען געבליבן אָן אַ לערער און אָן אַ מנהיג. טויזנטער נפשות האָבן זיך געגרייט פון גלות עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. בשעת עס איז אָבער דערגאַנגען די ידיעה פון זיין טויט האָט מען פאַרלוירן די האָפענונג. אַ סך זענען געוואָרן פאַרכאַפּט פון יאוש און מערערע האָבן זיך אַפילו געשמדט.

מען דערציילט אַז די חסידים האָבן דעמאָלט אַוועקגעשטעלט אַ אין האָלץ געשניצטע געשטאַלט פון שבתי צבי. זיי האָבן אַרום אים געטאַנצט און געזונגען לידער. דאָס האָט אַרויסגערופן רדיפות אויף זיי מצד די רבנים פון ירושלים. דער „ועד ארבע ארצות" אין פוילן האָט באַקומען פון ירושלים די פאָדערונג צו העלפן אַרויסצוטרייבן די חסידים פון ארץ ישראל.

איינער פון די גרעסטע און בעסטע צווישן די חסידים, שרייבט:

„מיינע אויגן רינען מיט טרערן אויף די עופהלעך און זויגיקע קינדער ווען זיי טוליען זיך צו צו דעם שויס פון דער מאַמען און בעטן עסן און מען גיט זיי נישט".

רבי גדליהו פון סימיאַטיטש רופט: „פאָלק פון אברהם, רחמנים קינדער פון רחמנים וואָס איר וואוינט אין חוץ לארץ, קומט העלפט די אָרעמע וועלכע זיצן אין ארץ ישראל אויף תורה און עבודה. זיי זענען דאָך געשיקט פון גאָט און זענען שליחים פון די בני ישראל אין גלות אַז זיי זאָלן זיצן אין ארץ ישראל אויף דער וואַך פון היי־ליקטום, און אויב איר וועט זיי העלפן, וועט דאָס זיין ווי איר אַליין וואָלט געזעסן אין ארץ ישראל", א. אַ. וו.

* * *

אין איטאַליע האָט דעמאָלט געלעבט אַ גרויסער נגיד, רבי אברהם רויגו, לאַנגע יאָרן איז ער געווען אונטער דער השפעה פון רבי יהודה החסיד און פון אר"י. ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט קבלה און איז אַפילו צוגעשטאַנען צו די חסידים פון שבתי צבי. אַ תלמיד פון אים, רבי מרדכי אשכנזי, וועלכער איז געקומען פון פוילן, אויך אַ מקובל מיט האַלוצינאַציעס און אילוזיעס, האָט באַ־שלאָסן מיט דער הסכמה פון רבי אברהם עולה צו זיין קיין ארץ ישראל, כדי צו ברענגען די בשורה פון דער עליה אויך פאַר רבי אברהם רויגו און פאַר זיין גאַנצער עידה.

אין יאָר 1702 איז אַ המון פון 25 נפשות, אונטער דער פי־רונג פון רבי אברהם רויגו געקומען קיין ירושלים.

ער האָט אין ירושלים געגרינדעט אַ ישיבה מיט צען רבנים און מען האָט געלערנט תורה און קבלה· זיין גאַנצן רייכטום האָט רבי אברהם מקריב געווען פאַר דער פרנסה און זיין חבריה. פון דער ישיבה זענען אַרויס גאונים, מחברים פון וויכטיקע ספרים, און באַוואוסטע רביים.

רבי אברהם רויגו האָט באַקומען די רבנות אין ירושלים. די צרות, די אָרעמקייט און דער דחקות אין וועלכע דער ישוב איז דעמאָלט אַריינגעקומען האָבן גיך אויסגעשעפּט רבי אברהמס רייכ־טום און ער איז געווען געצוואונגען אויף זיינע עלטערע יאָרן צו ווערן אַ משולח און צו זאַמלען געלט אין חוץ לארץ פאַר די אָרעמע לייט אין ארץ ישראל. ער איז אָבער קיין ירושלים נישט צוריקגע־קומען. ער איז געשטאָרבן אונטערוועגס.

ט

די עליה־אַקטן, פון יחידים אָדער פון אַ ציבור, זענען נישט געוועזן איזאָלירט און אָפּגעריסן פון אידיש־געשיכטלעכן לעבן, נאָר זענען געווען רינגעלעך אין אַ גרויסער איינהייטלעכער קייט וואָס האָט אויך אינספּירירט און סטימולירט די כוונות און די מעשים פון כלל ישראל.

ווי אויבן דערמאָנט, איז דער הויפּט־צענטער פון עליה־עקס־טאַז געווען איטאַליע, וואו עס האָבן געלעבט אין יענער צייט גרוי־סע חסידים און מקובלים. זי האָט זיך אָבער ווייט נישט באַגרע־נעצט אויף איטאַליע; מען האָט געגאַרט נאָך עליה אין אַלע לענ־דער פון תפוצות ישראל: אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד, אין פוילן און אין די מזרח־לענדער.

ווער קען זיך היינט אויסמאָלן דעם יידישן לעבן און דעם פּנים פון ארץ ישראל און ירושלים ווען דער פּאַטאַלער קאַמף קעגן די טראַגישע משיחים נעמט ניט אָן אין אונדזער לעבן דעם פאַרנעם וועלכן ער האָט אָנגענומען.

ביי די מוראדיקסטע סכנות פון דרויסן, ביי אַ ביטערן קאַמף קעגן די משיחישע עליות פון אינעווייניק, זענען דאָך צענדליקער

טויזנטער יידן געקומען קיין ירושלים און קיין ארץ ישראל. דאָרט האָבן זיי געבויט, געשאַפן, געלערנט, מתפלל געווען.

יעדע עליה איז געווען אַ שטורעם אויף אַ גלות־תפיסה בשעת דער לעבן אין ירושלים און אין ארץ ישראל האָט געהאַט גאולה־וויזיע. די הפקר־ווירטשאַפט אין ירושלים און אין ארץ ישראל אונטער דער טערקישער הערשאַפט האָט אָבער געפירט דערצו אַז דאָס וואָס מען האָט היינט געבויט איז מאָרגן געוואָרן צעשטערט, אַז דאָס וואָס מען האָט היינט געזייט איז מאָרגן געוואָרן פאַרניכטעט, אַז די בתי מדרשים און בתי כנסיות וועלכע מען האָט אָוועקגעשטעלט ווי פראַכט־בנינים אין שטאָט זענען דורך פרומע באַרבאַרן אָפּגעווישט געוואָרן פון גאָטס ערד.

אין גלות האָבן מתנגדים און חסידים זיך באַקעמפט. דער תכלית פון פרומקייט איז אָבער פאַר אַלעמען געווען צו קומען אין ירושלים און דאָרט צו לעבן אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן. וועגן די מיטלען איז נישט געווען קיין הסכמה און מחמת דעם איז אויך נישט געווען קיין שלום.

דער גאולה־עקסטאַז האָט פאַרכישופט גאונים, צדיקים און חסידים. דער גאוניש־חריפישער מוח, דער נשמהדיקער גאולה־דראַנג פון ר׳ יהונתן אייבעשיץ איז לגמרי געווען געטובלט אין חלום און אין מיסטיק.

דער מעכטיקער גאון פון שכל און קלאָרקייט, ר׳ יעקב עמדין, האָט רעזיסטירט און האָט פראָקלאַמירט אַ הייליקע מלחמה מיט שבועות און חרמים קעגן אַלע שבתי־צביאישע גאולה־פאַנטאַזיעס.

רבנים און סתם באַלעבאַטים פון ביידע צדדים האָבן אויסגעוואַנדערט קיין ירושלים הגם זיי האָבן געוואוסט אַז דער מענטש איז דאָרט הפקר און אַז וואַנדערנדיק אויף וועגן פון יבשה און ים קען מען אַריינפאַלן, און איז מען אָפּט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון רוצחים און פיראַטן און אַפילו פון קאַניבאַלן.

רבי יהודה הלוי האָט דאָס געוואוסט אין צוועלפטן יאָרהונדערט.

די גאונים פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד און דער רמב״ן האָבן דאָס געוואוסט אין דרייצנטן יאָרהונדערט. דער ברטנורא אין

פופצנטן יאָרהונדערט. רבי יהודה החסיד אין אַכצנטן יאָרהונדערט און די פּרושים און חסידים אין אָנהויב פון נײַנצנטן יאָרהונדערט.

די קדושה פון ירושלים איז אָבער אַ רפואה שלימה, די איינ־ציקע רפואה פאַר די צרות און יסורים פון גלות.

דער גאולה־חלום איז געווען און געבליבן די אָריענטאַציע פאַרן ממשות פון לעבן און שאַפן.

„גלות און גאולה איז טויט און לעבן", זאָגט די משיחישע וויזיע פון רבי יהונתן אייבעשיץ. „מיר מוזן לאָזן טרערן אָן אויפ־הער פאַרן בוי פון ירושלים און פאַרן צוריקברענגען פון מלכות דוד ווייל דאָס איז דער תכלית פון מענטשלעכער גאַנצקייט. אויב נישט ירושלים און מלכות בית דוד, צו וואָס טויג דאָס לעבן?

„ריבונו של עולם, איך בין זיך מוסר נפש און בין גרייט צו גיין אויף קידוש השם. אויב איך בין אָבער נישט ראוי צו זען דעם אויפבוי פון ציון, וויל איך בעסער שטאַרבן. לאָז מיר נאָך זען דעם בנין פון ירושלים צוליב דער קדושה פון דיין נאָמען און האָב רחמנות אויף דייַנע באַליידיקטע און פאַרלאָזענע קינדער אין גלות, וועלכע ליידן צוליב דיין איינציקייט און זענען מקדש דיין נאָמען פאַר דער גאַנצער וועלט".

אַזוי טענהט זיך אויס מיטן ריבונו של עולם איינער פון די גרעסטע צדיקים.

אַ סך צייט פריער איידער עס האָט זיך מתגלה געווען דער בערדיטשעווער.

רבי יהונתן קומט מיט אַ באַשולדיקונג קעגן דעם בורא יתברך...

„עס גייען אַוועק אַ סך יאָרן אָן אַ ישועה פאַר אידן. ווען אונ־דזערע עלטערן ווייסן אַז דער גלות וועט זיך ציען אַזוי לאַנג, באַ־גייען זיי זעלבסטמאָרד פון גרויס צער און קאָשמאַרע דאגות און מיאוסקייט פון לעבן. שרעקלעך צו טראַכטן ווי מיר גייען אונטער פון יאָר צו יאָר און פון טאָג צו טאָג".

און כמעט אין דער זעלביקער צייט, ווען דער רבי פון די משכילים, דער גרעסטער רעפּרעזענטאַנט פון אידישער וועלטלעכ־קייט, משה מענדלסאָן, איז פאַרסאַפּעט און פאַרשיכורט מיטן אָראָ־

מאַט פון עמאַנציפּאַציע, איז רבי יהונתן אייבעשיץ מחבר תפילות פאַרן בנין ירושלים' און בשעת דער זעלביקער מענדעלסאָן איז פאַרדאגהט צוליב דעם וואָס מען היט נישט אָפּ די ריינקייט און געטרייקייט פון דער דייטשער שפּראַך און פון דייטשן סטיל, און אפילו דער קעניג פרידריך דער צווייטער באַקומט פון אים צוליב דעם אַ גוטע מוסר־פּאַרציע, שרייבט אין דער צייט רבי יהונתן אייבעשיץ:

„קוקט און זעט, ווי גרויס איז די מעלה פון לשון קודש. זי איז מקרב די ישועה און גאולה, אונדזערע עבירות האָבן גורם געווען אַז עברית איז פאַרלאָזן און צעקאַליעטשעט. קיינער אַכטעט נישט אויף דעם צו ריידן מיט אַ קלאָרער העברעאישער שפּראַך ווי אמתע יידן. יעדער איינער פלייסיקט זיך צו לערנען מיט זיינע קינדער פראַנצויזיש, אָדער ענלעכע שפּראַכן. קיינער איז נישט משגיח אויף דער העברעאישער שפּראַך. ווער קען נאָך היינט ריידן העברעאיש אָן אַ צונויפמיש מיט אַנדערע לשונות און אָן אַ סך טעותים. צוליב דעם זענען אונדזערע תפילות נישט צוגעפּאַסט צו זייערע ניגונים. מען רעדט אויס אַ וואָרט שטאַרק דאָרט וואו מען מוז עס אויסריידן שוואַך. מען פאַרבייט שוא נע מיטן שוא נח. שעמט זיך הייליק פאָלק, ווי אַזוי איר האָט פאַרגעסן לשון קודש, וואו אַלץ איז אַזאַ פּראַכט, און יעדער וואָרט, יעדער אות, יעדע קאָמבינאַציע פון ווערטער איז אַ סגולה פאַרן אמת. אויף דעם איז געזאָגט געוואָרן:

„דאָס לעבן ליגט אין כוח פון דער שפּראַך".

רבי יהונתן אַליין האָט אַרומגעוואַנדערט מיט זיינע חלומות וועגן משיח און גאולה. ער האָט געהאַט אויסצושטיין גזירות און רדיפות פון זיינע חברים רבנים און גאונים. מען האָט אים מסתמא נישט אָן אַ גרונד חושד געווען אין סאָלידאַריטעט מיט שבתי צבי. אין זיינע קמיעות האָט מען געפונען דעם נאָמען אָדער אַ רמז אויפן נאָמען פון שבתי צבי. בכל אופן האָט ער נישט זוכה געווען עולה צו זיין. אָבער זיינע תלמידים, די גרעסטע גאונים פון דער צייט, וועלכע זענען געגאַנגען אין זיינע וועגן זענען כמעט אַלע געקומען אין

ירושלים, האָבן דאָרט געבילדעט אַ ישוב, האָבן פאַרפירט אַ לעבן און האָבן דאָרט געפונען זייער קבר.

אָבער אויך דער גאונישער בר פלוגתא קעגן דעם משיחיזם פון זיין צייט, רבי יעקב עמדין, באַשווערט זיין דור נישט צו פאַר־געסן ירושלים. ער שרייבט:

„אפילו נאָר די איין־איינציקע עבירה וואָס מיר טרויערן נישט איבער ירושלים איז שוין גענוג פאַר אַ מאָטיוו פונעם לאַנגן גלות. דאָס איז די באַשיינפערלעכסטע, שטאַרקסטע און פעסטע סיבה פאַר די מוראדיקע פאַרטיליקונגס־גזירות אין גלות, פאַר אונדזער צע־שפרייטונג, פאַר דעם וואָס מיר האָבן נישט קיין אָפּרו און וואָס מיר זענען אַזוי שפל.

„עס איז פאַרשוואונדן, זאָגט ער, פון אונדזער האַרץ די אבילות. מיר האָבן זיך באַרואיקט אין לענדער וואָס זענען נישט אונדזערע. מיר האָבן פאַרגעסן ירושלים; אונדזערע יסורים ווערן צוליב דעם גרעסער מיט יעדן דור”...

אויך רבי יעקב עמדינס חסידים וואַנדערן אויס קיין ירושלים.

ד

די גרויסע עליה פון די חסידים, די תלמידים פון רבי ישראל בעל שם טוב, אָדער ווי ער ווערט קורץ אָנגערופן בעש״ט, איז אַ נייע וויכטיקע פּרשה אין דער פאַרבינדונג פון גלות מיט ארץ ישראל און אין דעם געלוסט זיך צו הייליקן אין ירושלים אויפצובויען די שטאָט און אַראָפּצוברענגען משיח.

דער בעש״ט האָט געהאָט זיין שיטה אין חסידות: נישט וויי־נען און נישט קלאָגן, נישט דורך תעניתים און וועלט־אָפּגעזונדערט־קייט ווי די קבלה און די תורה פון אר״י לערנט אונדז, נאָר דורך רעליגיעזער התלהבות, דורך חדוה און דורך שמחה זיך באַהעפטן מיטן לעבן און אויפשטייגן צו אמתער געטלעכקייט דורך גאַנצער אמונה, אָן שום חכמות.

„עס איז נישט גענוג צו קלאָגן אויפן חורבן בית המקדש. דער בראָך איז גרויס ווי דער ים. מיר לעבן איבער שרעקלעכע גזירות און אָרעמקייט... קיין מענטש איז נישט געזיכערט מיט זיין לעבן און זיין רייכטום ווי מען איז געווען אַמאָל אין אונדזער הייליק לאַנד, בשעת יעדער האָט געלעבט אונטער זיין ווייַנשטאָק... ווען וועט קומען משיח? ווען וועט געבויט ווערן דער בית המקדש? ווען וועלן מיר הערן אַ נייע תורה פון ריבונו של עולם? ווען וועלן מיר הערן דעם שופר פון משיח? ווען וועלן קומען די פאַרלאָרענע אין

לאַנד אשור? אָבער משיח מוז קומען. דער דור מוז זיין ראוי צו דעם. עס מוז קומען די גאולה פאַר דער שכינה און פאַר ישראל״.

צו זיין שוואָגער רבי אברהם גרשון פון קוטוב, אין ירושלים, שרייבט דער בעש״ט:

„איך האָב געהאַט אַ שמועס מיט משיח. איך האָב אים געפרעגט, ווען וועסטו זיך מתגלה זיין? און ער האָט מיר געענטפערט: דו זאָלסט וויסן אַז איך וועל זיך מתגלה זיין ווען דיין תורה וועט באַקומען דעם פולן פירסום, און דיינע לימודים וועלן אַריינדרינגען אין דער וועלט און זיך אויסשפּרייטן ווי אַ קוואַל״.

בכן, מוז געשאַפן ווערן אין ארץ ישראל אַ „מרכז רוחני״ (הורודעצקי). און דער בעש״ט גופא האָט גענומען אויף זיך דעם ערשטן נסיון עולה צו זיין קיין ירושלים.

מן השמים האָט מען נישט דערלאָזן זיין עליה. ער איז שוין געווען אין סטאַמבול, אָבער אומגליק אויף אומגליק האָט מיט אים פּאַסירט. צום סוף האָט ער זיך אונטערגעגעבן. און ער האָט אויסגערופן: ריבונו של עולם, איך קער זיך צוריק אַהיים. דער דור איז נאָך ניט צוגעגרייט.

עס זענען אָבער עולה געווען די חסידים און תלמידים פון בעש״ט. קודם כל זיין שוואָגער רבי אברהם גרשון, אויף וועלכן מען האָט געקוקט ווי אויף אַ קדוש. בשעת ער האָט באַטראַכטן דעם הייליקן באָדן פון ירושלים, האָט ער געחלשט פון געוויין און פון יללה. און אַז ער איז געקומען צו זיך האָט ער אויסגערופן:

„די גאַנצע שטאָט ירושלים של מטה איז אויפגעבויט און גאָטס שטאָט של מעלה איז דערנידעריקט ביז צו דעם טיפסטן תהום״. ער איז געוואָרן דער רב פון ירושלים און ער רופט דעם בעש״ט אַהין צו קומען.

באַלד נאָכן טויט פון רבי אברהם גרשון זענען עולה זיינע תלמידים, צענדליקער חסידים פון גאַליציע און אוקראַינע. דער זיידע פון רבי נחמן בראַסלאַווער וועלכער איז נאָך געווען אַ בן דור פון בעש״ט און דער גרעסטער תלמיד פון בעש״ט, רבי מענדל מפּרי־מישליאַן האָבן אויסגעוואַנדערט בראש פון די חסידישע עולים. בשעת זיי זענען געקומען קיין ירושלים האָט רבי מענדל אויסגערופן:

„הלוואי זאָל איך זוכה זיין צו זאָגן איין תפילה אַזוי ווי עס איז נויטיק פאַרן בורא עולם". און ער האָט אָנגעזאָגט זיינע תלמידים אַז זיי זאָלן זיך נישט צו שטאַרק אַריינוואַרפן אין לימוד, ווייל דאָס קען פירן צו אַ פאַרקלענערונג אין דער דביקות מיט השם יתברך, און מען קען זיך אויסטאָן פון יראת־שמים.

רבי מענדל האָט זיך באַזעצט אין ירושלים, און פון דאָרט האָט ער צוזאַמען מיט זיין רבי ר' נחמן פאַרשפּרייט די תורה פון בעש"ט. זיי רופן צו עליה, אין אַ בריוו שרייבן זיי:

„ווי לאַנג וועט איר נאָך זיצן אין חוץ לארץ און וועט זיך נאָך צוהערן צו די וואָס באַריידן ארץ ישראל, וואָס די גאַנצע וועלט איז גאָרניט קעגן איר"...

ארץ ישראל בראש מיט ירושלים ווערן דער מרכז פון חסידות פאַר דער גאַנצער וועלט.

אין דער גאַנצער אַנדערער העלפט פון אַכצנטן און אָנהויב פון ניינצנטן יאָרהונדערט ציט זיך די מאַסן־עליה פון די חסידים פון פוילן, ליטע, אוקראַינע. עס וואַנדערן קיין ירושלים, דורך בערג און טאָלן, דורך די געפערלעכסטע וועגן פון ים און יבשה, די תלמי־דים פון רב בראש מיט רבי נחמן בראַסלאַווער, רבי נתן נעמיראָווער, רבי מענדל וויטעבסקער, א. אַ. וו.

הונדערטער חסידים קומען קיין ארץ ישראל. זיי בלייבן אין אָנהויב אין צפת און פון דאַנעט שיקן זיי שליחים קיין חוץ לארץ. אין אַלע בריוו כמעט דערציילן זיי די שבחים פון ארץ ישראל און פאָדערן אַ מאַסן עליה.

* * *

אַזוי ווי דער בעש"ט האָט אויך רבי שניאור זלמן, דער בעל תניא, נישט זוכה געווען צו קומען קיין ירושלים.

ער האָט שוין געהאַט געמאַכט אַלע הכנות צום וועג. אָבער אין דעם שווערן קאַמף מיט די מתנגדישע גאונים האָט ער נישט בעקענט און נישט געטאָרט לאָזן זיינע חסידים אָן אַ פירונג. אויך

אויף אים האָט מען גוזר געווען פון הימל ער זאָל זיך אומקערן אַהיים.

דרייסיק יאָר נאָך דער עליה פון חסידים האָט זיך אָנגעהויבן די עליה פון די פּרושים, פון די אַזוי גערופענע מתנגדים, פון די תּלמידים פון גאון, בראש מיט רבי ישראל שקלאָווער און רבי מנחם מענדל פון שקלאָוו, און אַ גאַנצע פמליא פון גאונים און פּוסקים.

איינער פון די מאָדערנסטע זכרונות־זאַמלער פון אונדזער צייט, א. יערי, שרייבט:

„די עליה פון פּוילישע חסידים און פון ליטווישע פּרושים האָבן אַוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן ישוב, אויף וועלכן מען האָט געבויט ביז צו דער גרויסער ציוניסטישער באַוועגונג".

„זיי האָבן אָנגעפילט די צוויי שטעט פון גליל, צפת און טבריה, וועלכע זענען געווען האַלבע חורבות. זיי האָבן געמאַכט די ערשטע נסיונות פון לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע אין אויבערן־גליל און אין יהודה. זיי האָבן דערנייערט דעם אשכנזישן ישוב אין ירושלים און האָבן געשאַפן אַ יסוד פאַר ווייטערע עליות. זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן ביי לעבנס־געפאַר אַרויסצוגיין מחוץ פון דער אַלטער שטאָט־מויער און אַרומצורינגלען ירושלים מיט יידישע ישובים. זיי האָבן אין משך פון איין דור פאַרוואַנדלט ירושלים אין אַ שטאָט מיט אַ יידישער מערהייט. זיי האָבן אַוועקגעשטעלט די ערשטע אינסטיטוציעס קעגן קראַנקהייטן, פאַר הילף און פאַרן בוי פון וואוינונגען. זיי האָבן אין פאַרבינדונג מיט די ספרדים געשאַפן די לעבעדיקע העברעאישע שפּראַך, זיי האָבן געשאַפן פאָלקס־אינסטיטוציעס פאַר דערציאונג און האָבן געבויט שיינע בתי כנסיות פאַר דעם גרויסן בכבודיקן ישוב; זיי האָבן געבראַכט אין לאַנד דרוקערייען און האָבן געשאַפן די ערשטע צייטונגען און די ערשטע ליטעראַרישע פּראָדוקטן; זיי האָבן איינגעפירט אַ פּאָסט־אָרדענונג אין אַ לאַנד וואו מען האָט אַפילו קיין וואָגן מיט אַ פערד נישט געזען; זיי האָבן געשאַפן די ערשטע מעגלעכקייטן צו שלאָפן און צו עסן פאַר די עולי רגל.

„און דאָס וויכטיקסטע: זיי האָבן געשאַפן דיפּלאָמאַטישע

פֿאַרבינדונגען מיט אייראָפּעאישע מלוכות און האָבן געזיכערט הילף אַפילו קעגן דער טערקישער ממשלה אין לאַנד״.

ווען מען לייענט די שרעקנספולע זכרונות פֿון רבי ישראל שקלאָווער, דעם ראש פֿון די פּרושים און דעם גרויסן תלמיד פֿון גרויסן גאון, ווערט מען באַהערשט פֿון דעם כוח וועלכער ליגט אין דער קדושה פֿון לאַנד און אין דער קדושה פֿון ירושלים, וואָס האָט אַרויסגעראַטעוועט און אויפגעכאַוועט מענטשן וועלכע האָבן געקענט פּרייוויליק אַריבערטראָגן די מוראדיקסטע יסורים און בלייבן אין לאַנד און בויען דעם ישוב און בויען די שטאָט.

לויטן עדות פֿון רבי ישראל שקלאָווער איז שוין זיין זיידע, דער צדיק עזריאל געקומען קיין ירושלים אין 1772 כדי צו בויען דעם ישוב.

אין שליחות פֿון ירושלים איז רבי עזריאל צוריקגעוואַנדערט אין חוץ לארץ און איז געווען אויפֿן צוריקוועג קיין ארץ ישראל...

זיין שוואַכער גוף האָט אָבער נישט געקענט אַריבערטראָגן די וועג־יסורים און ער איז אויסגעגאַנגען אין דזומיר׳

אויך רבי ישראל האָט צוריקגעוואַנדערט אין חוץ לארץ כדי צו שאַפֿן מיטלען פֿאַרן קיום פֿונעם ישוב אין ירושלים, און ער דערציילט:

„איך בין צוריקגעקומען און האָב געפֿונען טויט מיין פֿרוי, מיינע קינדער און מיינע איידעמס, אָבער עס האָט נאָך געלעבט רבי מענדל און מיר האָבן ממשיך געווען צו בויען ירושלים.

„גזירות אונדז צו פֿאַרניכטן האָט דער פּאַשאַ פֿון שטאָט נישט געזשאַלעוועט; אונדז האָט אָבער געראַטעוועט דער רוסישער קאָנסול״...

דערמיט הויבט זיך אָן דאָס קאַפּיטל קאַפּיטולאַציע, ד״ה מען איז געוואָרן בירגער פֿון אַנדערע מלוכות, און מען האָט זיך אָוועקגעשטעלט אונטערן שוץ פֿון אַנדערע געזאַנדשאַפֿטן.

אין זיינע זכרונות וועגן ירושלים שילדערט רבי ישראל שקלאָ־ווער זיינע יסורים:

מיינע אויגן שטראָמען מיט וואַסער. ווי דער ים איז גרויס מיין בראָך. די בעסטע חברים און גאונים זענען אומגעקומען. גאָטס

רחמים האָט מיר געראַטעוועט און איך האָב דערפאַר באַצאָלט מיטן חבור אויף מסיכתא זרעים פון תלמוד ירושלמי, לויט דער שיטה פון גאון וועלכן איך האָב זוכה געווען משמש צו זיין פאַר זיין פטירה.

די אויסברייטונג פון ירושלים גופא, די נייע קוואַרטאַלן, נייע גאַסן, נייע בנינים, מיט סאָציאַלע לומדיש־קולטורעלע אינסטיטור ציעס איז די שאַפונג פון די פרומע יידן און טיילמאָל אפילו פון די פאַרגליווערט־שיינענדיקע כוללים, אָדער פון די פרומהאַרציקע אָפּאָזיציאָנערן קעגן די כוללים.

יהושוע יעלין, דער פאָטער פון דוד יעלין ז״ל, באַשרייבט אַ סך פרטים אין זיינע וויכטיקע זכרונות.

כדאי צו לייענען ווי פרומע יידן, אין קאַפּטאָנעס און קאַפּע־לעך און קאַפּעליושן, מיט באָרד און פיאות גייען העלדיש אַרויס מחוץ פון דער מויער פון ירושלים, קויפן נחלות, בויען ישיבות און היימען פאַר תלמידי חכמים און סתם הייזער פאַר באַלעבאַטים, שאַפן וואַרשטאַטן פאַר מלאכה און פאַרמעסטן זיך אויף פרימיטיווע אַגריר־אַרבעט.

דאָס אַלץ אין אַ צייט וואָס זינט הונדערט יאָר האָבן אין ירושלים נישט געטאָרט לעבן קיין אשכנזישע יידן, ווען אַ לעבן מחוץ לחומה איז געווען הפקר, ווען יעדער שריט מחוץ פון דער שטאָט איז געווען פאַרבונדן מיט קרבנות און מאַרטיראָלאָגיע.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן ניי ירושלים.

מיט עקשנות פון אַ העכערער קדושה.

* *
*

ניט דער רב און דער דער גאון האָבן זוכה געווען עולה צו זיין קיין ירושלים.

ווי שוין אויבן רעגיסטרירט, האָט רבי שניאור זלמן, דער בעל תניא, דער רבי פון לומדישער חסידות, שוין פאַרטיק געהאַט אַלע הכנות מיטן גייסטיקן און גשמיותדיקן „צדה לדרך״, בשעת

אַ שטים פון אויבן, וועלכע האָט געפונען אַן עכאָ אין זיין נשמה, האָט אויף אים גוזר געווען ניט צו פאַרלאָזן זיינע חסידישע עידות, וואָס האָבן געקענט זיך פאַנאַנדערפאַלן, זיך פאַרפלאָנטערן און פאַרבלאָנדזשען אַן זייערע צדיקישע וועג־וויייזער.

זיינע טרייע תלמידים, רבי מנחם מענדל און רבי נחמן, האָבן זיך געשטעלט בראש פון די הונדערטער חסידים, וועלכע האָבן זיך אַריבערגעטראָגן ווי אויף די פליגלען פון דער שכינה אין דער שטאָט פון שכינה.

נאָר אַ תפילה און אַ ברכה האָט זיי דער רבי מיטגעגעבן אויפן וועג:

„ווי פייער־פונקען זאָל טיף אין אייער האַרץ ברענען די ליב־שאַפט און טריישאַפט צו דעם הייליקן לאַנד, אַזוי ווי היינט. ווען גאָט האָט אין אייך אַריינגעגעבן זיין גייסט, און דאָס פאָלק איז גרייט זיך צו פאַרגרעסערן און צו פאַרברייטערן פון יאָר צו יאָר, אַזוי ווי די מידה פון דער הויכער הייליקייט, וועלכע באַלייכט דאָס הייליק לאַנד, וועלכע וואַקסט און פאַרגרעסערט זיך שטענדיק, אַזוי ווע עס שטייט געשריבן:

„שטענדיק באַגלייט דיך דאָס אויג פון דיין גאָט. פון אָנהויב יאָר ביז סוף יאָר”.

„אינטערעסאַנט איז ביי דער עליה פון די חסידים — שרייבט דער מאָדערנער היסטאָריקער דינענבורג — וואָס זיי האָבן געהאַט בכוונה משפיע צו זיין אויפן גלות. און דורך דער פאַרבינדונג מיט ירושלים אַריינצונעמען דעם גלות אין דער שפע פון קדושה.

צו רבי נחמן בראסלאָווער האָט אַ גאון אַזוי געזאָגט:

„איך ווייס אַז איר זענט דער כבוד פון דער תורה, און אַז איר זענט ניט געקומען אַהער ווי די אַנדערע קליינע מוחות כדי צו גיין אין לאַנד ד׳ אמות און צו באַקומען עולם הבא. אוודאי זייט איר בכוונה צו רעאַליזירן גרויסע פעולות דורך עבודת הבורא.

און רבי נחמן בראסלאָווער האָט אַלץ געזאָגט:

„וואו איך בין און וואו איך וועל זיין בין איך אַלץ און וועל אַלץ זיין אין ארץ ישראל און אין ירושלים".

מען ווייסט אַז די צדיקים פון דור האָבן געגאַרט און אויס־געקוקט אויפן צוזאַמענטרעף צווישן דעם חסידישן בעל תניא און דעם מתנגדישן גאון.

די וועלט, האָבן זיי געזאָגט, גלויבט, אַז דאָס איז אַ תנאי פאַר דער גאולה, אַז דאָס וועט אַראָפּברענגען משיח.

און מערערע מאָל איז געקומען רבי שניאור זלמן מיט זיינע תלמידים קיין ווילנע אויסצושטרעקן זיין האַנט צו דעם גאון.

אָבער מין השמים האָט מען נישט דערלאָזן.

אפשר זענען זיי צוליב דער זינד פון דור ניט דערגאַנגען צום אמתן מקור פון וואַנען עס שפּאַרט דער גאולה־ברען.

ווען זיי דערגייען ביז צו ירושלים, ביז צו דער ספערע פון גאולה, האָבן זיי געקענט אפשר זיך צוזאַמענטרעפן און פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן.

דער גאון איז שוין געוועז אויפן וועג קיין ירושלים, אָבער בעוונותינו הרבים האָט ער זיך געמוזט אומקערן פון קעניגסבערג צוריק קיין ווילנע.

ווער קען אויסמעסטן דעם צער פון דעם גאון הדור?

מען מוז שוין זיין אַ גאון כדי אַזאַ צער אַריבערצוטראָגן.

אַ צוואה האָט ער שוין געהאַט אָנגעשריבן, און איבערגע־לאָזן צו זיין הויזגעזינד און צו זיינע יורשים:

„איך קום אייך בעטן איר זאָלט זיך נישט מצער זיין צוליב מיין נסיעה קיין ארץ ישראל אַזוי ווי איר האָט מיר פאַרזיכערט.

צוליב וואָס זאָלט איר דאגהנען? אַ סך מענטש רייזן, אַ סך פאָרן צוליב געלט, לאָזן איבער זייערע פרויען און קינדער און זענען נע ונד, נאַקעט מיט גאָרנישט.

„איך, אָבער גיי קיין ארץ ישראל וואוהין אַלע יידן זענען זשעדנע צו גיין, וואָס איז דער פאַרלאַנג פון גאָט פון ישראל, און וואו אַלע פון דער נידעריקער וועלט האָבן דעם געלוסט אַהין צו קומען".

און אין אַן אַנדער אָרט זאָגט דער גאון:

„כל זמן עס איז ניט געקומען קיין גאולה פאַר ירושלים, וועט אויך נישט קומען קיין גאולה פאַר ישראל״.

ביי אַזאַ פאַרנעם, ביי אַזאַ וויזיע, איז נישט קיין וואונדער, וואָס קיין שום עינויים און קיין שום רדיפות האָבן זיי נישט אָפּגעהאַלטן צו באַשיצן און צו בויען ירושלים.

עס איז אַ פאַלסיפיקאַציע פון געשיכטע ווען מען שטעלט אַוועק ווי אַ פאַקט, אַז פרומע יידן זענען געגאַנגען קיין ירושלים נאָר שטאַרבן און נישט לעבן.

זיי האָבן אַהין געוואַנדלט און געוואַנדערט מיט אַ סך אַ גרעסערן ציל ווי צו לעבן ביחידות:

די גאולה זענען זיי געגאַנגען ברענגען; משיח פון זיינע פענטעס באַפרייען; דאָס פאָלק ישראל פון גלות אויסלייזן.

אָט וואָס אַ גויי שרייבט וועגן דער דאָזיקער תקופה אין ירושלים.

* * *

זכרונות פון אַן אנגליקאַנישן גלח, אַ מיסיאָנער פון אירלאַנד, וואָס איז אין יענע יאָרן געקומען אין ירושלים, ז. ב. לואיס, דערציילן:

„שווער איז דער מצב פון ירושלים. די שטאָט קרעכצט אונטער דעם יאָך פון טיראַן. עס קרעכצן יידן און עס קרעכצן קריסטן.

„באַזונדערס פאַרצווייפלט איז די לאַגע פון די יידן וואָס זענען איינגעוואַנדערט אין ירושלים אין אָנהויב פון יאָרהונדערט (געמיינט זענען די תלמידים פון גאון)· מען באַליידיקט זיי יעדן טאָג, מען חוזקט איבער זיי אַן אַ געפיל פון בושה, אָן אַ געפיל פון מענטשלעכקייט.

„צוליב דער פאַלשער באַשולדיקונג אַז אַ ייד האָט געמאַכט ז ו י י ן האָט מען געפייניקט אכזריותדיק יידן; מען שלעפּט יידן איבער די גאַסן געקאָוועט אין קייטן; מען וואַרפט זיי אין תפיסות; מען שאַנעוועט נישט קיין אַלטע רבנים, צדיקים, גאָטס־פאַרכטיקע רביים״.

לואיס שילדערט מיט אַ טיפער סימפּאַטיע און פאַרשטענדע־ניש די צדיקים און זייערע יסורים. ער וואַרפט אַן אַ בילד פון דעם אשכנזישן גאון, דעם גאונס תלמיד, רבי מענדעלע שקלאָווער און פון די איבערמענטשלעכע צרות וואָס עס האָט אויסגעשטיין דער חבר פון רבי מענדעלע, רבי ישראל שקלאָווער.

„יידן, זאָגט לואיס, זענען באַהערשט פון התלהבות און פון אַ טיפער אמונה.

„זיי ווילן שווער אַרבעטן, זיי ווילן לעבן פון זייער פראַצע, אָבער מען צווינגט זיי אָפּצוגעבן זייער צייט אויף שווערער אַרבעט פאַרן סולטאַן, אַן וועלכער נישט איז קאָנפּענסאַציע".

יא

אונדזערע רעפּרעזענטאַנטן אין דער „אונ" שאַצן אָפּ די חשי־בות פון ירושלים פאַר ישראל אַזוי ווי די חשיבות פון וואַשינגטאָן פאַר אַמעריקע, ווי בערלין פאַר דייטשלאַנד און ווי פּאַריז פאַר פראַנקרייך.

דער פאַרשטייער פון איראַק האָט עס איבערגעחזרט כדי צו מאַניפעסטירן די נעגאַטיווע באַציאונג פון ישראל צו די „אונ"־באַשלוסן.

עס קען זיין אַז פאַר אַ פּאָלעמיק און פאַר אַן אַרגומענטאַציע זענען אַזעלכע פּאָסטולאַטן וואָגיק און בויטיק.

עס מאַכט לייכטער תופס צו זיין אונדזער פּאָזיציע און פּרעטענזיע.

פּאַקטיש איז ירושלים און ישראל אַ קאַטעגאָריע פאַר זיך און האָט בכלל נישט קיין גלייכן צו זיך.

אין קיין שום הויפּטשטאָט איז נישטאָ קיין בית המקדש פאַרן גאַנצן לאַנד, מיט כהנים און לויים, מיט שירה און זמרה.

אין קיין הויפּטשטאָט ברענגט מען נישט ביכורים פון דער פּראָווינץ.

אין קיין שום הויפּטשטאָט איז מען נישט עולה רגל פונעם גאַנצן לאַנד דריי מאָל אין יאָר.

קיין שטאָט איז נישט די נשמה פון אַלע תפילות און בקשות אין משך פון טויזנטער יאָרן.

ירושלים איז נישט די הויפּטשטאָט פון ארץ ישראל. זי איז די הויפּטשטאָט פון יידנטום, דער סימבאָל פון יידישן מהות.

ירושלים איז כולל די יידישע קדושה פון דער גאַנצער אומה און איז מקור פון יידישער גבורה, פון יידישער שאַפונג און פון יידישער השפעה.

די אומות העולם האָבן אין ירושלים הייליקטימער.

פאַר יידן איז ירושלים אַ הייליקטום, דער סימבאָל פון קדושה.

עיר הקודש.

אפילו אַזאַ אַפּאָסטאָל פון וועלטלעכקייט ווי בן יהודה, האָט פּראָטעסטירט קעגן דער כוונה פון געוויסע חובבי ציון אָוועקצו־שטעלן יפו העכער פון ירושלים. עס איז געווען אין דער פּאָטיאָמ־קין־צייט, אין דער ערשטער צייט פון דער ערשטער עליה.

מען האָט געשאַפן אַ צענטראַלן קאָמיטעט פון חיבת ציון אין יפו:

„ווי איז דאָס מעגלעך אַז מען זאָל שאַפן אַ קאָמיטעט אין יפו און ניט אין ירושלים? אמת, יפו איז אַ האַפן און די ערשטע שטאָט מיט וועלכער די עולים קומען אין באַרירונג", טענהט בן יהודה. — „ירושלים האָט קדושה; ירושלים איז דער צענטער פון דער אומה און ירושלים איז אונדזער נאַציאָנאַלער הייליקטום".

בן יהודה קלאָגט אָן ליליענבלום וועלכער האָט נישט דער־פאַר קיין פאַרשטענדעניש, ער באַנעמט נישט די באַזונדערקייט פון ירושלים.

אין דער אמתן האָט זיך ליליענבלום אין דער גאַנצער צייט פון זיין לעבן נישט אַרויסגעצאַפּלט פון דער „וועלטלעכער נאָכ־שלעפּעניש", בשעת בן יהודה און זיינע חברים אין ארץ ישראל זענען געווען אינספּירירט פון דער אַטראַקציע וואָס ירושלים האָט ווי אַ מקור פון יידישקייט.

יחיאל מיכל פינעס, איינער פון די ערשטע חובבי ציון און איינער פון די בעסטע מומחים און לומדים פון לאַנד, האָט זיך

נישט אָנגעשלאָסן אין קאָמיטעט אַלס פּראָטעסט קעגן דעם וואָס די ערשטע חובבי ציון האָבן זיך נישט גערעכנט מיט דער קדושה פון ירושלים.

בן יהודה איז מוסיף אַז ערשט אין אָנהויב פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך געענדערט אין דער ציוניסטישער וועלט די באַציאונג צו ירושלים.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קדושה פון ירושלים, וועלכע האָט אינספּירירט אפילו די משכילים פון חובבי־ציוניסטישן לאַגער, איז דער עפּיזאָד וואָס אוסישקין דערציילט וועגן אחד העם.

עס איז איינער פון די טיפסטע און שטאַרקסטע עפּיזאָדן וואָס מען האָט געהערט פון אוסישקין.

ער איז געזעסן צוזאַמען מיט אחד העם ביים פּסח־סדר.

דער אָרט און די צייט, שרייבט אוסישקין, האָבן אַרויסגע־רופן אַ גייסטיקע דערהויבונג ווי מען האָט עס קיינמאָל נישט געזען.

דער אָרט: ירושלים, די שטאָט פון קדושה.

דאָס אַליין איז שוין גענוג כדי צו באַנעמען דעם קדושה־ציטער, וועלכער האָט אונדז באַהערשט. די קעניגלעכע שטאָט אין דער פאַרגאַנגענהייט, די שטאָט וואָס האָט קאָנצענטרירט די גאַנ־צע פּראַכט, די גבורה פון גרויסע יידישע נעמען, די שטאָט וואו עס האָבן געקעניגט מלכים פון יהודה, וואָס האָט געבליט אין דער תקופה פון שטאָלץ און שיינקייט מיט יידישער נבואה און חכמה, די שטאָט וואָס איז דער פאַרלאַנג פון אַלע פעלקער, די פרייד פון דער גאַנצער וועלט.

עס האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר אונדז אונדזער וואונדער־באַרער עבר און דער אויסבליק אויף אונדזער עתיד.

צייט: עס איז געווען פּסח, די סדר־נאַכט, ווען אונדזערע אבות זענען אַרויס פון קנעכטשאַפט מצרים, דער יום טוב ווען מיר זענען געוואָרן אַ פאָלק.

זכרונות פון גרויסן עבר זענען פאַר אונדז אויפגעשטאַנען, און יעדער פון אונדז האָט געוואָלט אַריינדרינגען אין דעם נעפּל פון דורות, און יעדער איז געווען פול מיט אמונה, אַז ער זעט נישט נאָר דעם עבר נאָר אויך דעם עתיד.

ישראל קערט זיך אום צו זיין אַלטער היים. צענדליקער און הונדערטער קערן זיך אום פון אַלע גלות־עקן, פון דער גאַנצער תפוצה.

יעדער פון אונדז האָט אַרויסגעזאָגט וויזיאָנערע געדאַנקען וועגן דעם וואָס ער וועט זיין אויפן הר המוריה, וואָס עס וועט דאַרט זיין ווען ישראל וועט זיך אומקערן אין זיין לאַנד.

אַ בית הכנסת, אַ קליינער מקדש, אַ העכערער בית המקדש פאַרן גייסט.

מיר וועלן לערנען זיך און אַנדערע.

...„די שאלה האָט שוין געפונען איר ענטפער צוריק מיט דריי טויזנט יאָר דורך שלמה המלך, דעם קליגסטן פון אַלע מענ־טשן, האָט געזאָגט אחד־העם שטיל אָבער זיכער. מיטן פנים צום הר המוריה האָט ער גערעדט, מיט אַ שטים — דורכגעדרונגען מיט דער רואיקייט פון אַ גאון — די ווערטער פון שלמה המלכס תפילה בשעת ער האָט מחנך געווען די גרויסע הויז, וואָס ער האָט געבויט פאַרן גאָט פון ישראל:

„אַז עס וועט זיין אַ הונגער אין לאַנד און אַז עס וועט זיין אַ מגפה, אַז עס וועט זיין אַ שריפה פון קאָרן, אַ טריקעניש, אַ היישעריק, אַ גראָז־פרעסער, אַז זיין פיינט וועט אים באַלאַגערן אינעם לאַנד און אין זיינע שטעט, וואָס נאָר פאַר אַ פּלאָג, וואָס נאָר פאַר אַ חולאת, וואָס נאָר אַ תפילה, וואָס נאָר אַ בקשה, עס וועט זיין ביי עמיצן איינעם פון דיין גאַנצן פאָלק ישראל, ווען איטליכער פון זיי שפירט די פּלאָגעניש פון זיין האַרצן, און ער שפרייט אויס זיינע הענט צום דאָזיקן הויז, זאָלסטו צוהערן אין הימל, אין דעם אָרט פון דיין וואוינונג און זאָלסט פאַרגעסן און זאָלסט טאָן און געבן איטלעכן לויט אַלע זיינע וועגן, אַזוי ווי דו ווייסט זיין האַרץ. ווארום דו אַליין ווייסט דאָס האַרץ פון אַלע מענטשן־קינדער — כדי זיי זאָלן מורא האָבן פאַר דיר אַלע טעג וואָס זיי לעבן אויף דער ערד וואָס דו האָסט געגעבן אונדזערע עלטערן.

„און אויך צו דעם פרעמדן, וואָס ער איז נישט פון דיין פאָלק ישראל, אַז ער וועט קומען פון אַ וויטן לאַנד וועגן דיין נאָמען,

ווארום זיי וועלן הערן פון דיין גרויסן נאָמען און פון דיין שטאַר־קער האַנט און פון דיין אויסגעשטרעקטן אָרעם, און ער וועט קו־מען און וועט מתפלל זיין פאַר דעם דאָזיקן הויז, זאָלסטו צוהערן אין הימל דעם אָרט פון דיין וואוינונג, און זאָלסט טאָן אַלץ וועגן וואָס דער פרעמדער וועט רופן צו דיר, כדי אַלע פעלקער פון דער ערד זאָלן דערקענען דיין נאָמען, מורא האָבן פאַר דיר, אַזוי ווי דיין פאָלק ישראל, און וויסן אַז דיין נאָמען ווערט גערופן אויף דעם דאָזיקן הויף וואָס איך האָב געבויט״.

„יאָ, אַ מקדש וועט זיך דאָ אויפבויען, אָבער ניט קיין בית הכנסת, נישט קיין פאַרזאַמלונגס־הויז, נישט קיין הויז וואו מען בוקט זיך, נאָר אַ הויז פון תפילה פאַר אַלע פעלקער״.

„איין רגע — פאַרענדיקט אוסישקין — האָט יעדער איינער פון אונדז געפילט אַז מיר געפינען זיך אין דער ספערע פון „עלית נשמה״.

אַ לאַנגע צייט זענען מיר געבליבן מיט וויזיע און אין גע־דאַנקען.

אונדז האָט באַהערשט דאָס געפיל, אַז דאָ האָט מען געפונען אַן ענטפער אויף איינעם פון די שווערסטע פּראָבלעמען פון דער גאַנצער מענטשהייט״...

אוסישקין האָט נביאות געזאָגט. צו האָט ער געוואוסט וואָס ער האָט נביאות געזאָגט ?

צי האָט ער געזען בנביאות די התגלות פון הערצל.

יידישע געשיכטע האָט איר תפילה.

זי איז מתפלל איינע פון די פּאָעטיש־סאַרקאַסטישע מזמורים פון דוד המלכס תהילים, וואָס האָט, נישט געקוקט אויף זיין פּערמאַ־נענטן געברויך, אָפּגעהיט זיין אַראָמאַט און חיות און איז אין קיין איין ניואַנס נישט אָפּגעטעמפּט אָדער אויסגעוועפּט:

„באַהיט מיר גאָט פון מיינע פריינט...״

מיטן כוח פון קידוש השם האָבן מיר צוריקגעשליידערט אין דעם פּנים פון דער וועלט די ערגסטע בילבולים און באַשולדיקונגען קעגן יידן.

שווערע גרייזן און בלאַנדזשענישן פון יידן גופא, פון גרויסע יידן, רומפּולע יידישע מנהיגים האָבן זיך איינגעקייטלט אין המשך־פּראָצעס פון יידיש לעבן און האָבן פּאַלסיפיצירט גורמים און צע־קערעוועט סטימולן פון אונדזער געשיכטע.

עס גייט דאָ נישט אינעם דור פון עמאַנציפּאַציע ־ תאווה און אַסימילאַציע ־ שווינדל.

דאָס איז אויך אוודאי נישט געווען קיין קליינע אַטאַקע אויף דעם עוואָלוציע ־ גאַנג פון אונדזער קיום. די רעפּרעזענטאַנץ פון דעם גוייש־יידישן בית־המדרש האָט דאָך אונטער זיך געהאַט גאו־נים און יידישע גדולים ווי די תלמידים פון דעסאוער פון דער פּראַג־

צווישער רעוואָלוציע און ווי צונץ, גייגער און הערמאַן קאָהען...
זייערע געדאַנקען און פאָרשונגען ווי זייערע פּאָסטולאַטן און רעזולטאַטן זענען אַ סכנה צוליב זייער יידישן שורש און גוייש־יידישע צווייגן.

זיי אָבער האָבן אַ שיטה, אַ קלאָרן תכלית. מען ווייסט ווער זיי זענען, וואוהין זיי ווילן גיין און אונדז פירן.

די טרעגער פון אונדזער גרויסן געשיכטס־פּראָצעס גופא האָבן אָפט פאַנאַנדערגעוויקלט, אָדער דרך־אגב אָהינגעוואָרפן לע־בנס־אָריענטאַציעס וועלכע זינדיקן קעגן די פאַקטן פון דער ווירק־לעכקייט.

אין זיינע לעצטע יאָרן האָט דער גרויסער, טראַגיש־אומ־געקומענער, דובנאָוו, אַוודאי דערקענט ווי פאַלש עס איז אויפצו־בויען די נאַציאָנאַל־יידישע עקזיסטענץ אויף אויטאָנאָמיע פון קיבו־צים אין די ערטער... בייזע, אָפט פאַרשאָלטענע ווינטן האָבן זיי פאַרטראָגן.

אחד־העם האָט אויך אין די לעצטע יאָרן, הגם אָן ספק אַ סך שוואַכער ווי פריער, געגלויבט אַז ביז ימות המשיח וועט עק־זיסטירן אַ גלות־יידישקייט, געשפּייזט דורך דער פאַרבינדונג מיט יידיש־צענטראַלער גייסטיקייט פון ארץ ישראל.

פריער שוין, האָט אונדזער גרעסטער היסטאָריאָגראַף היינ־ריך גרעץ, עלימינירט פון אונדזער דינאַמיק די טיפע כוחות פון יידישער מיסטיק, קבלה און חסידיזם און האָט באַזירט אונדזער לעבן אויף אַ ניכטער־שאַפנדיקן קולטור־קרייז.

אַזאַ אומגערעכטיקייט און עוולה כלפּי אונדזער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג און דערגרייכונג איז דער משפּט פון ווייצמאַן איבער דעם — חלוקה־לעבן און דעם יידישן לעבעדיקן פאַרמעגן אין ירו־שלים סוף פאַריקן און אַנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט.

שוין פאַר ווייצמאַן האָבן משכילים, אַפּיקורסים און אפילו נאַציאָנאַלע אויטאָריטעטן און מאַנכע פרומע יידן די „חלוקה" אויס־געטייטשט ווי אַ חרפה פאַר יידן. פרומקין אין „חבצלת" און דער „המגיד" — און בפרט דער גרויסער גרעץ אין זיין „דין וחשבון"

אין יאָר 1872 האָבן, האָבן עס באַזיגלט מיט זייער חתימה און מיט זייער נאָמען.

זייער באַרעכטיקונג איז׳ וואָס זיי האָבן נישט געבויט דעם גאַנצן יידישן עתיד אויף דעם פולן אומבאַגרעניצטן „קבוץ גליות״, אויף דער היסטאָריש־אָרגאַנישער פאַרבונדנקייט מיט אַלטער יידישער געשיכטע און אַלטע יידישע געשעענישן און האָבן מחמת דעם נישט געהאַט אַזאַ התחייבות צו אַנאַליזירן, צו קאָנטראָלירן אַלץ וואָס האָט זיך אויסגעוויקלט אין דעם קאָנצעפּט פון אונדזער מסורה.

עס איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַ וויצמאַן האָט געקענט פסקנען אַז „אַלע אומות און רעליגיעס האָבן אין יאָר 1906־1907 עפּעס געהאַט אין ירושלים, נאָר די יידן האָבן דאָרט גאָרנישט ניט געהאַט״.

עס איז אמת אַז וואָס יידישע צדיקים, ווי די רבנים־מעפּילים פון פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן אין 12־טן יאָרהונדערט מיט אַזאַ פאַרנעם אין ירושלים אויסגעבויט איז שוין אין די צייטן פון רמב״ן געווען אַ חורבן, און אַז פון דעם וואָס דער רמב״ן האָט פון זיין צד פונדאַסניי אָוועקגעשטעלט איז גאָר ווייניק איבערגעקומען אויף אונדזער צייט.

בכלל איז ריכטיק אַז יידן האָבן געבויט ירושלים טויזנטער יאָרן און גויים זינט טיטוס, מאַכאָמעד, די קרייץ־פאָרער און אַנדערע רשעים האָבן יאָר־אויס יאָר־איין די דערגרייכונג פון אונדזער הייליקער פּראַצע צעשטערט און פאַרוויסט.

אָבער אפילו אין די יאָרן 1906־1907 האָבן מיר געהאַט אין ירושלים אַ פאַרמעגן וועלכער איז נאָך היינט אַ יסוד פאַר בנין און אויפבוי ־ כוונה.

פינף ביז זעקס נייע שכונות האָט משה מאָנטעפיאָרע אויסגעבויט אין ירושלים. צוויי קראַנקן הייזער פון מאָנטעפיאָרע און ראָטשילד האָבן דורכגעפירט וויטאַלע סאַניטאַרע פונקציעס. אויפן נאָמען פון באַקאַנטן נדבן יהודה טורו. אין אכצענטן און ניינצענטן יאָרהונדערט האָט ירושלים אויסגעבויט אַ שכונה אונטערן נאָמען „משכנות שאננים״ מיט צענדליקער נייע דירות, בתי מדרשים און

סאַציאַלע אינסטיטוציעס. בכלל זענען אין ירושלים געווען מער בתי מדרשים, אַלטע און נייע, ווי דער קליינער יידישער ישוב האָט נויטיק געהאַט.

וועגן דעם בית מדרש פון די ספרדים שרייבט דער כראַניקער:

„אַ באַזונדער שטאַרקן רושם מאַכט דער באַרימטער בית הכ־נסת פון די ספרדים. קוים באַרירט דיין פוס די שוועל פון בנין, שטייסטו ווי געפּלעפּט און פרעגסט: פון וואַנען קומט אַזאַ פּראַכט בנין פון אַ קליינעם בית המקדש אין דער קליינטשיקער שכונה?״ „דער ארון קודש אין דעם מזרח צפונדיקן ווינקל, וועלכער איז געצוי אויפגעשטעלט קעגן דעם הר־הבית און די פּרעכטיקע בימה, די חופּה־דעקע פאַרן חתן און זיינע אונטערפירער, די אויסגע־פלאַסטערטע בענק, די מאַלערייען אויף די ווענט, די פיינלעכע און מוסטערהאַפטע ריינקייט, דאָס אַלץ שאַפט דעם טיפסטן געפיל פון יראת הכבוד.

אין אַ באַשטימטן טייל פון הויז איז די ישיבה, וואו מען לערנט תורה און זי רופט זיך אויך „בית המדרש״.

ניט געקוקט אויפן חרם פון די פרושים איז דאָרט געווען די באַקאַנטע „למל־שול״ פון ד״ר א. א. פרענקל, פון ווין, וועלכן דער כראַניקער באַצייכנט ווי אַ „שוץ פאַר די קינדער און די הײַ־ליקע שטאָט״.

די „למל־שול״ איז אַ היסטאָרישע אינסטיטוציע און דער כראַניקער דערציילט וועגן איר:

„דאָס איז געווען אין יאָר תרט״ז אין דער תקופה פון שפלות פאַר ירושלים. עלנט, הונגער, מוטלאָזיקייט און יאוש האָט גע־הערשט אויף דער יידישער גאַס. און די תושבים האָבן געזשיפּעט פון גנאָדן־ברויט וואָס די „חלוקה״ האָט געבראַכט. אין פינצטערע, נאַסע חדרים, האָבן געלעבט און געוואוינט יידישע קינדער. די מיסיאָנערן האָבן אויסגעשפרייט זייער נעץ אויף גאַנץ ירושלים און איינגעפאַנגען אַ סך אומשולדיקע און כשרע קינדערלעך.

דעמאָלט איז פּלוצלינג דערשינען אין ירושלים ד״ר א. א. פרענקעל פון ווין, און האָט אויסגעבויט אַ שול און אַ שוץ פאַר די קינדער פון דער הייליקער שטאָט.

אַן אײדעלע פרוי, אליזע הערץ, האָט אויף דעם באַשטימט אַ גרויסן סכום כדי צו שאַפן אַן אײביקן אָנדענק אין דער אײביקער שטאָט פאַר איר פאַרשטאָרבענעם פאָטער, שמעון למל.

פרענקעל האָט אַזוי געשאַפן אַ מוסטער־שול אין פאָרם און אינהאַלט; אַ רמז אויף גאולה און אַ רעטונג פון די רחבותדיקע מיסיאָן־שולע.

די דאָזיקע וויכטיקע שול האָט זיך אײניקע יאָר שפּעטער צונויפגעגאָסן מיטן היים פאַר יתומים. דער חרם פון די פאַנאַטיקער האָט נישט געהאָלפן, און געגנוג קינדער האָבן באַזוכט די שול ביז זי איז איבערגעבויט געוואָרן דורך דוד יעלין מיט דער הילף פון יק״א.

אוודאי איז ירושלים געווען פאַראָרימט, פאַריתומט און האָט געליטן פון אַ פינצטערן פאַנאַטיזם.

מען האָט נישט געהאַט די רחבות פון די מאָנאַסטירן און קירכן.

דאָס איז אונדזער חטא אויף וועלכן מיר האָבן נאָך הײנט נישט קײן כפרה.

דאָס גיט אָבער נישט קײן רעכט פֿאַר אַ מנהיג הדור צו פסקענען אַז „מיר האָבן אין ירושלים גאָרנישט ניט געהאַט״.

* *

*

ווײצמאַן קען זיך אפשר סומך זײן אויף אונדזער גרויסן היסטאָריקער הײנריך גרעץ, וועלכער איז געווען אין ירושלים גאָר אַ קורצע צײט אין יאָר 1872.

לײדער האָט צוליב געוויסע סיבות משה העס נישט באַגלײט זײן פרײנט גרעץ ווי בײדע האָבן לכתחילה געפּלאַנט.

אין אַ פּריוואַטן בריוו, אין וועלכן גרעץ רעדט וועגן זײן נסיעה קײן ארץ ישראל, שרײבט ער:

„עס איז זײער מעגלעך אַז אויך משה העס, דער מחבר פון „רוים און ירושלים״, וועט מיט מיר „פּילגערן״ א. א. וו.״

עס איז נישט באַוואוסט פאַרוואָס די נסיעה פון העס האָט זיך נישט פאַרווירקלעכט, בכל אופן וואָלט די גאַנצע איינשטעל־לונג פון העס אין דער דעמאָלטיקער צייט געפירט צו אַן אַנדער באַריכט מיט אַן אַנדער תכלית.

געפאָרן איז גרעץ מיט צוויי ניכטערע סוחרים פון בערלין: גאָטשאַלק לעוו און אשר לעוו.

גרעץ און זיינע באַגלייטער זענען געווען אין ירושלים אַ גאַר קורצע צייט; אַ חוץ דעם האָבן זיי ווייניק געזען און געהערט צוליב דעם חרם אויף זיי מצד די קנאים. דאָס וואָס זיי האָבן גע־זען האָט גרעץ איבערגעגעבן מיט אַ נעגאַטיווער טענדענץ און די ציפערן און פאַקטן זענען צעדרייט און פאַלסיפיצירט.

בשעת גרעץ איז געווען אין ארץ ישראל האָט דאָרט גע־לעבט איינער פון די מערקווירדיקסטע פיגורן פונעם ישוב, אַ גרוי־סער מעדיקער מיט אָפענע אויגן פאַר דער יידישער ווירקלעכקייט, ד״ר ד. נוימאַן, וועלכער איז אַהין געקומען ווי אַ שליח פון משה מאָנטעפיאָרע און באַראָן ראָטשילד.

פופצן יאָר האָט נוימאַן געלעבט אַן איבעררייס אין ירו־שלים און איז געווען אויסגעמישט און צענויפגעגאָסן מיטן אַלגע־מיינעם און יידישן לעבן, מיט אַלע מאַטערנישן, מיט דער גאַנצער אָרימקייט און מיט דער פולער אַקטיוויטעט פונעם יידישן המון אין דער הייליקער שטאָט.

אין זיין בוך „די הייליקע שטאָט און אירע תושבים״ דער־מאָנט נישט נוימאַן דעם היסטאָריקער גרעץ, אָבער מען פילט קאָנקרעט אַז ער האָט דעם דין והשבון פון גרעץ געזען און אַז ער צילעוועט מיט זיינע אַרגומענטן און שילדערונגען קעגן דעם אינהאַלט פונעם באַריכט.

די ציפערן, פאַקטן און אָפשאַצונגען, פוןביידע מחברים, זענען אַזוי טיף פאַרשידן, אַז יעדער אָביעקטיווער פאָרשער מוז זיין פאַרוואונדערט ווי אַ היסטאָריקער פון אַזאַ פאָרנעם ווי גרעץ האָט געקענט אַריינפאַלן אין אַזעלכע שווערע טעותים.

לויט גרעץ האָבן געלעבט דעמאָלט אין ירושלים גענוי 7999 יידן.

נוימאַן באַרעכנט די צאָל אויף 13.000, וואָס מאַכט אויס אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, און איז לערך דאָפּלט אין צאָל פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אַליין. ספרדים זע־נען דאָרט געווען 7.000, מיט אַ חכם באשי, וואָס איז אָפיציעל אַנערקענט דורך דער רעגירונג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און האָט אפילו ריכטער־קאָמפּעטענץ.

לויט גרעץ לעבט דער גאַנצער ישוב פון דער „חלוקה", ד. ה. פון נדבות:

„אין ירושלים, זאָגט ער, זענען פאַראַן אינגאַנצן אייניקע יידישע קאַפּיטאַליסטן און אייניקע בעלי־מלאכות."

„די יידן זענען נישט באַשעפטיקט נישט אין קליין־האַנדל און נישט אין גרויסן האַנדל. זיי זענען בעטלערס און לײדיק־גייערס".

נוימאַן קאָנסטאַטירט אַז יידן זענען באַשעפטיקט אין 40 פּראָפעסיעס. די אשכנזישע יידן זענען ספּעציאַליסטן אין זייער פאַך, און אַלע זענען באַשעפטיקט.

2.000 יידן לעבן פון דער רענטע וואָס זיי באַקומען פון זייערע משפחות אין חוץ לארץ.

8.000 יידן זענען באַשעפטיקט פון קליין־האַנדל און מלאכה".

„אָבער נישט אַלע משפחות פון דער קאַטעגאָריע קענען לעבן פון זייער אַרבעט. אין אַ תקופה ווען מסחר און מלאכה איז ני־דעריק געפאַלן צוליבן קלימאַט, וועלכער ברענגט מאַנכע מאָל קראַנקייטן און רויבט אַוועק די פעיקייט צו אַרבעטן, איז מען געצוואונגען צו נעמען הילף פון דער געזעלשאַפטלעכער פאַרזאָר־גונגס־אינסטיטוציע".

„אַ חוץ דעם זענען פאַראַן חכמים, לומדים, און תלמידים אין אַלע קהילות, אַזוי ווי זקנים, אלמנות און יתומים וואָס קענען נישט אַרבעטן אויך אין אַ צאָל פון לערך 3.000".

אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג נויטיקט זיך אין שטיצע, און אין יאָרן פון מגפות איז דאָס אַן אומגליק. די שטיצע איז נישט גענוג און גאַנצע משפחות שטאַרבן אויס ווייל די מע־דיצין האָט נישט קיין מיטלען קעגן הונגער."

"אויך די נישט יידישע באַפעלקערונג, זאָגט נוימאַן, לעבט פון קיצבה בפרט די קאַטאָליקן".

גרעץ שרייבט אַז די יידן אין ירושלים פאַרנעמען נישט (צוליב זייער בעטלעריי), קיין שום פּאָזיציע און זענען פאַראַכט הן מצד די מוסולמענער און הן מצד די קריסטן.

דר. נוימאַן ווייסט עס אוודאי בעסער און ער שרייבט אין שייכות מיט די שטייערן וואָס דער קהלה־ועד מוז איינמאָנען:

„ביי שטייער־צאָלונגען פאַרלייכטערט מען די אָרימע לייט און באַלאַסטעט די רייכע. אויב מען דערגרייכט נישט דעם סכום, קאָמפּענסירט מען פון דער קהלישער קאַסע. די רעגירונג און די אייראָפּעאישע השפעה שאַפן אַ גוטע באַציאונג. מען שטערט ניט דעם רעמאָנט פון אַלטע בתי מדרשים און דעם בוי פון נייע. קלויזן אויף תפילות זענען אין די הויפּט־גאַסן.

אין דעם מוניציפּאַלן ראַט פון ירושלים זיצן אויך צוויי יידן".

אַז כלפּי די יידן זאָל עקזיסטירן אַ ספּעציעלע פאַראַכטונג, לייקנט נוימאַן קאַטעגאָריש.

אינטערעסאַנט איז נוימאַנס אינפאָרמאַציע בנוגע דער שפּראַכן־פראַגע. גרעץ רעדט וועגן דעם נאָר דרך־אגב און אַן וועלכער נישט איז אינערלעכער באַציאונג.

דווקא דאָ האָבן מיר אַ וויכטיקע דערשיינונג:

„דרייצן שפּראַכן ווערן גערעדט אין ירושלים..."

„די העברעאישע שפּראַך, וועלכע ווערט אין ערגעץ אויף דער וועלט נישט גערעדט, איז די פאַרקערס־ און האַנדלס־שפּראַך אין ירושלים. אין דער דאָזיקער שפּראַך ריידן די אייראָפּעאישע יידן מיט זייערע ברידער פון די מזרח לענדער".

„בשעת איך האָב זיך מטפל געווען מיט די יידן וואָס זענען אָנגעקומען פון פערסיע און אינדיע, וועלכע האָבן קיין איינציקע פון די ירושלימער שפּראַכן נישט פאַרשטאַנען, האָב איך זיך גע־מוזט באַנוצן מיט דער העברעאישער שפּראַך".

דער בריטישער קאָנסול פון יענער צייט, דזשיימס פין, שרייבט:

„בנוגע דער העברעאישער שפּראַך האָבן אַ טעות די גע־

לערנטע אין אייראָפּע, ווען זיי רעדן און שרייבן וועגן איר ווי פון אַ טויטער שפּראַך."

„אין ירושלים לעבט די שפּראַך, און איז אַ נויטווענדיקייט אין דעם טאָג טעגלעכן לעבן. אין וועלכן אַנדערן לשון וואָלטן די יידן פון אַלע עקן וועלט זיך געקענט צונויפרייידן? אין בריטישן קאָנסולאַט האָט די העברעאישע שפּראַך געדינט אויף צו רעגו־לירן די פאַרשידנסטע עסקים"...

מען מוז געדענקען אַז דאָס איז געשריבן געוואָרן מערערע יאָרן איידער בן יהודה איז געקומען קיין ירושלים.

אַ שטורעמדיקע אַטאַקע אונטערנעמט גרעץ קעגן דער „חלו־קה"־ווירטשאַפט. ער זעט אין דעם די סיבה פאַר דעמאָראַליזאַציע, פאַר גייסטיקער און מאַטעריעלער שפלות, און פאַר אלדאָס בייז וואָס עס טרעפט דעם יידנטום.

ער שרייבט:

„אין ציוויליזירטע לענדער איז בכלל אַ חרפה צו נעמען נדבות און אַ באַזונדערע חרפה ווען דאָס קומט פאַר עפנטלעך. נאָר די גרעסטע נויט קען דערצו צווינגען. די יידישע באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע אָבער, באַטראַכט עס אַלס כבוד אַנצונעמען אַזעל־כע נדבות, צו האָבן אַן אַנטייל אין דער „חלוקה".

„די ספרדים באַצייכענען די חלוקה — צדקה ווי אַ „תפארת ישראל", פאַר אַ „כבוד פון ישראל".

„די יידישע באַפעלקערונג קוקט גאָרניט אויף דער חלוקה ווי אויף אַ נדבה־זאַך, נאָר ווי אַ באַלוינונג פאַר יעדן יחיד פאַר דעם וואָס ער וואוינט אין הייליקן לאַנד און לערנט דאָרט תלמוד און קבלה".

גרעץ דערציילט אַז אַפילו געוויסע קאַפּיטאַליסטן און עם־הארצים שפּייזן זיך מיט דער צדקה פון דער „חלוקה" און ברענגען אַזוי אַרום שאָדן פאַר אָרעמע אלמנות און יתומים.

אינטערעסאַנט אַז גרעץ האָט מורא אַז „די יידישע דעמאָ־ראַליזאַציע אין ארץ ישראל" קאָן האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויף דער עמאַנציפּאַציע פון די יידן אין גלות, אָדער ווי גרעץ זאָגט אין די קולטור־לענדער.

היינט קלינגט משונהדיק דער פּראָגנאָז פון דעם היסטאָ־ריקער.

„אין קולטור־מלוכות האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען פון די פעלקער אַכטונג פאַר יידן צוליב זייער אינטעליגענץ און פלייסיקייט. די יידן ווערן באַהאַנדלט גלייך מיט אַלע אַנדערע פאָלקס־טיילן. זיי קענען לויט זייערע פעולות אַרויפשטייגן און דערלאַנגען צו די העכסטע און בכבודיקסטע פּאָזיציעס. דער פאָראורטייל קעגן די יידן האָט די טענדענץ צו פאַרשווינדן ווען ער באַקומט נאָר נישט קיין שפּייז פון אַנדערע קוועלן.

„אַזאַ שפּייז, רופט אויס גרעץ, באַקומט ער איצט פון פּאַ־לעסטינע".

גרעץ שילדערט ווי די ענגלישע און אַמעריקאַנער טוריסטן האָבן ווי „ביבל־מענטשן" אַן אינטערעס אין יידישן לעבן אין ארץ ישראל און אַז זיי האַלטן אַז אין הייליקן לאַנד זענען די בעסטע יידן, בכל אופן זענען די יידן אין אַנדערע לענדער נישט בעסער. . .

די קאָנסעקווענצן קענען פאַר אונדז זיין ביטערע, לויט דעם יידישן היסטאָריאָגראַף גרעץ.

אמת, ער קומט צום סוף פון זיין באַריכט מיט פּראָיעקטן און עצות ווי דעם לעבן אין לאַנד צו פאַרבעסערן.

זיינע פּראָיעקטן זענען אָבער אַזוי נאַאיוו און פּרימיטיוו, אַז עס האָט נאָר געקענט בלייבן נאָך זיי אומזיכערקייט, ספיקות און יאוש.

אויפן שליאַך פון יידיש געשיכטע געהערט גרעץ אוודאי צו די העכסטע אויטאָריטעטן און זיין משפּט איז באמת געוואָרן אַ יסוד ביי דער באַהאַנדלונג פון דער „חלוקה"־תקופה אין ירושלים און אין ארץ ישראל.

פאַרשטאַרקט ווערט נאָך די כלומרשטע ריכטיקייט פונעם משפּט פון גרויסן היסטאָריקער דורך אַ באַריכט פון דעמאָלסטיקן „באָארד אָף דעפּיוטיס" וועלכער האָט געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין ירושלים (מאָנטאַגאַ און ד"ר אשער) כדי צו באַשליסן מיט וואָס פאַר אַ מאָנומענטאַלער שאַפונג אין דער הייליקער שטאָט מען קען באַערן משה מאָנטעפיאָרע.

משה מאָנטעפיאָרע איז געווען דער פּאָפּולערסטער און איידעל־סטער פילאַנטראָפּ פון דער תקופה פאַרן מאָדערנעם חיבת ציון. אין דעם קען קיין ספק נישט זיין.

אין דער אמתן איז ער אָבער געווען מער ווי אַ פילאַנטראָפּ. ער האָט געהאַט אַ נאַציאָנאַלן פאַרנעם און אַ טיפן חוש פאַר די אינערלעכסטע און פאַרבאָרגנסטע סטימולן פון יידישן קיום.

נישט דער אַזוי גערופענער בטלנישער עלעמענט, נישט די אומזיכערקייט פון דער פּאָליטישער סיטואַציע און נישט די אַדמי־ניסטראַטיוו־טערקישע הפקירות האָבן געפּועלט ביי מאָנטעפיאָרע, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין באַשטרעבונג אַוועקצושטעלן ירושלים ווי אַ צענטראַלן מקור פון יידישן לעבן.

זיין טרייער, יידיש־טראַדיציאָנעלער און ווייט־פאַרנעמיקער קולטורעלער שליח, ד״ר ב. נוימאַן, שרייבט וועגן אים:

„סער משה מאָנטעפיאָרע, דער גרויסער פילאַנטראָפּ און באַ־שיצער פון אונדזערע אומגליקלעכע ברידער האָט פאַר זיך אַוועק־געשטעלט ווי אַ לעבנס־תכלית צו זאָרגן פאַרן געזונט און פאַר דער עקזיסטענץ פון די יידן אין הייליקן לאַנד.

„אויף זיין פאָן האָט ער אויסגעקריצט מיט יידישע אותיות דעם נאָמען „י ר ו ש ל י ם״ ווי אַ לעבנס־לאָזונג און דאָס האָט אים אָריענטירט און דאָס האָט ער פאַרווירקלעכט אין משך פון 50 יאָר״.

מיט קלאָרע פשוטע ווערטער וואַרפט אָן נוימאַן אַ בילד פון מאָנטעפיאָרעס פעולות אין ירושלים און מען דערקענט אַז נאָך היינט האָבן זיי וואָג און חשיבות.

זיי האָבן אַ שייכות מיט אַלע געביטן פון לעבן:

...שכונות אויף... לאַנדווירטשאַפטלעכע דערפער, קול־טורעלע און דערציערישע מוסדות; קראַנקן־הייזער; רעליגיעזע אינ־סטיטוציעס און וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגס־היימען.

„אין די באַריכטן פון גרעץ און פון מאנטאגא האָט מאָנטע־פיאָרע געזען אַ דוחק אין פעאיקייט צו באַנעמען דעם ספּעצי־פישן מהות פון ירושלים און פון יידישקייט, די יידישע באַדינגונגען אין לאַנד און די אייגנאַרטיקע אַנטוויקלונגען פון אָרטיקן לעבן.

כדי אָפּצולייקענען די באַריכטן פון גרעץ און מאנטאגא קומט דער אַלטער צוויי און ניינציק־יאָריקער פילאַנטראָפּ צום זיבעטן מאָל קיין ירושלים און טראָגט אַרויס אין דער וועלט די איבער־צייגונג, אַז דער ישוב האָט אַ צוקונפט, אַ נאַציאָנאַלע צוקונפט.

זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט טשאַרלעס טשערטשיל, אַנטפּלעקט די גרויסע פּלענער מיט וועלכע מאָנטעפיאָרע האָט זיך אַרומגע־טראָגן בנוגע ירושלים און ארץ ישראל.

עס איז זייער מעגלעך אַז שעפסבערי און פּאַלמערסטאָן האָבן געהאַט מיט דעם דירעקט אָדער אומדירעקט אַ שייכות.

וועגן דעם איז נויטיק אַ ספּעציעלע מאָנאָגראַפיע.

לגמרי רעוואָלוציאָנער ווירקט דער קוק פון נוימאַן (וואָס איז אָן ספק גלייכצייטיק די איבערצייגונג פון מאָנטעפיאָרע) אויף דער „חלוקה".

זינט דורות איז אַ קבלה צו העלפן די אָרעמע לייט אין ארץ ישראל· דאָס איז נישט נאָר ביי יידן נאָר אויך ביי גויים. דער גרעסטער מומחה אין די ענינים, דער מעדיקער און מזרח־עקספּערט ד"ר טובלער, באַשרייבט אַז די קריסטן מחוץ פון ארץ ישראל האָבן אַריבערגעשיקט קיין ירושלים הונדערטער מיליאָנען פראַנק.

אַזוי ווי ביי די גויים די מאָנאַכן און די קירכן־דינער, קריגן אויך ביי יידן די רבנים און תלמידי־חכמים אַ גרעסערע קיצבה ווייל זיי באַקומען נישט פאַר זייערע פונקציעס קיין געהאַלט.

סוף כל סוף זענען דאָס אייגנאַרטיקע אַקאַדעמיעס פאַר שטו־דיום און רעליגיעזע פּראַקטיק וואָס ווערט אומעטום אויסגעהאַלטן דורך רעגירונגען.

לעכערלעך, זאָגט נוימאַן, איז די באַהויפּטונג, אַז די „חלוקה" יידן פרעגלען זיך אין אַלדאָס גוטס. דאָס איז אַ מיאוסער בילבול וואָס פּאַסט פאַר די ערגסטע שונאי־ישראל.

אַפילו די גרעסטע „חלוקה" איז נישט גענוג . . . אויף דער אָרעמסטער עקזיסטענץ.

אַן אָרעמאַן וואָס לעבט נאָר פון „חלוקה" איז אַ שטענדיקער פּאַציענט פון די קראַנקן־הייזער.

די בלבולים אויף די „חלוקה"־יידן קומען פון מיסיאָנערן און

אַנטיסעמיטן און האָבן דעם זעלביקן יסוד ווי אַנדערע בלבולים אויף ייִדן.

די פאַלשע באַריכטן (געמיינט גרעץ און מאנטאגא) דערקלערן זיך דערמיט וואָס מען קומט קיין ארץ ישראל אויף אַ קורצער צייט, וואָס מען קען נישט די שפּראַך פון לאַנד און די באַדינגונגען פון לעבן.

עס איז נישט אמת אַז די ייִדן אין ירושלים זענען פּוילנצער און לעבן נאָר פון נדבות. די מייסטע זענען סוחרים, קרעמער און בעלי־מלאכות אין 40 פּראָפעסיעס.

מאַנכע פּראָפעסיעס נויטיקן זיך אין אַ באַזונדער פיזישער און גייסטיקער אָנשטרענגונג.

ייִדישע בעלי־מלאכות זענען באַקאַנטע ספּעציאַליסטן און די פּעאיקסטע אין זייער פאַך.

נוימאַן ציטירט אַלס עדות דעם באַקאַנטן פילאָזאָף און מעדי־קער ג. ה. שובערט, וועלכער האָט מיט 30 יאָר צוריק געשריבן:

„עס איז נישט אמת אַז די ייִדן אין ירושלים באַשעפטיקן זיך נישט מיט מסחר און מלאכה. דער פאַקט וואָס אַ מינדערהייט האָט נישט גענוג פרנסה און מוז אָנקומען צו די אינסטיטוציעס פון עפנט־לעכער פאַרזאָרגונג דערקלערט זיך דורך די באַזונדערע באַדינגונגען פון דער שטאָט וועלכע האָבן די זעלביקע השפּעה אויך אויף נישט ייִדן".

„די ייִדן זענען גרייט זיך צו באַשעפטיקן מיט לאַנדווירטשאַפט. דאָס איז אָבער איצט אוממעגלעך צוליב די גנבים און רויבער וואָס מאַכן חרוב יעדן אָנהויב אויף דעם געביט. קיין אייראָפּעער האָט נישט געהאַט אין דעם פּרט קיין הצלחה".

אַנשטאָט די נאַיווע פּראָיעקטן פון גרעץ, וועלכע באַגרענעצן זיך אויפן צדקה־געביט, און פאַרשענערן נאָר די נדבות־ווירטשאַפט, שרייבט נוימאַן:

נאָר אינדוסטריע קען ברענגען אַ רעקאָנסטרוקציע פון ייִדישן קיום אין ירושלים. זייד־ און האָלץ־פאַבריקאַציע איז פּאַסיק פאַר די לענדער ביים מיטללענדישן ים. דאָס האָט רייך געמאַכט סיריע. אַזאַ אינדוסטריע גיט באַשעפטיקונג ביידע געשלעכטער אין יעדן

עלטער. וואַרשטאַטן פאַר וועבן און שפּינען ביי אַ גוטער אַדמיניס־טראַציע, אַזוי ווי מעכאַנישע וואַרשטאַטן, איז אַ דערציאונג פאַר דער יוגנט, ברענגט זיכערע רווחים און שאַפט צווייג־פּראָפעסיעס, ווי סטאָלעריי, שלאָסעריי און פענעס־פּראָדוקציע.

פון ספּעציעלע ירושלימער שטיינער און אוילבער־האָלץ קען מען פּראָדוצירן כלים און פאַרשידענע קדושה־אַרטיקלען וואָס מי־ליאָנען ברידער אין דער גאָרער וועלט וועלן מיט וואַרעמקייט קויפן ווי פּראָדוקטן פון יידישער אַרבעט אין ירושלים.

„אַלע יידן ווילן אַן ענדערונג פון זייער מצב אין אַ ברייטערן אַרבעטס־קרייז וואָס זאָל דערמעגלעכן אַן עקזיסטענץ דורך פלייס און די אַפּטע תפילות זענען אַבסאָלוט נישט קיין גרעסערע שטע־רונג ווי דאָס פאַרברענגען אין תענוגים אין אַנדערע לענדער.

„עס איז נישט אמת אַז די קנאים אין ירושלים זענען קעגן וועלטלעכע לימודים. די רבנים טענהן:

„מיר האָבן נישט קיין מורא פאַר וועלטלעכער תורה, נאָר פאַר די אַזוי גערופענע וועלטלעכע לערערס"...

זיי זאָגן:

„אַזוי ווי זייערע גרויסע טאַטעס און זיידעס האָבן נישט רע־זיסטירט קעגן דעם לימוד פון וועלטלעכע וויסנשאַפטן צוזאַמען מיט תורה, אַזוי רעזיסטירן זיי אויך נישט.

„זיי ווילן אָבער נישט דערוווערבן וויסנשאַפט אויפן חשבון פון דת".

נוימאַן שרייבט:

„עס איז נאַטירלעך אַז די יידן אין ירושלים וואָס האָבן מקריב געווען אויפן מזבח פון יידישקייט אַלץ וואָס איז קעגן דת און קעגן יידישקייט שטרעבן צו לאָזן אַ ירושה די רעליגיעזע טענדענץ פון די אבות און האָבן מורא פאַר נייע רעליגיעס וואָס קענען משפיע זיין אויף דער יוגנט.

„דער געזעלשאַפטלעכער מוסר איז אין ירושלים העכער פון יעדער קריטיק: צדקה־חברות (מיט אייגענע מיטלען) זענען מער און גרעסער ווי אין יעדן אַנדערן ישוב: הכנסת־כלה, הייזער פאַר אַל־

מנות און יתומים, קראַנקן־הייזער, הכנסת אורחים, א. אַ. וו. איז אַנטוויקלט ווי זעלטן וואו אין דער וועלט.

אַלע וואוינען זיי צוליב אָרעמקייט אין פינצטערע קעלער־חדרים, מיט אַן אָרעמער קיך פאַר זייערע אָרעמע סעודות, וועלכע באַשטייען על פי רוב נאָר פון גרינס.

„זיי קלאָגן נישט און נעמען אָן יסורים מיט ליבשאַפט.

אַפילו וואַסער פעלט זיי און אין ווינטער גייען זיי אויס פון קעלט.

„דאָס אַלץ דערטראָגן זיי נאָר צוליב זייער גאָט און צוליב זייער באַהעפט און ליבשאַפט צום הייליקן פאָטערלאַנד.

אַפילו די רייכסטע מוזן לעבן אָרעם צוליב די ספּעציעלע באַדינגונגען פון אָרט.

דער סך הכל:

ווער עס באַטראַכט אַן אַ פּאַראורטייל די יידן אין ירושלים — איך רייד וועגן כלל און רעכן זיך נישט מיט איינלצנע נפשות וועלכע זענען אַ יוצא מן הכלל — דער קען נישט לייקענען אַז די סטימולן וואָס האָבן זיי אַהער געבראַכט און זייער גרייטקייט אויף קרבנות זענען ווערט אַ כבוד־באַציאונג.

עס מוז זיין קלאָר, אַז קינדער פון פאַרשידענע לענדער, מיט פאַרשידענע שפּראַכן, מיט פאַרשידענע מנהגים קומען נישט אין אַ פרעמדן לאַנד, וואָס פליסט שוין לאַנג נישט מער מיט מילך און האָניק, וואָס ברענגט נישט קיין רווחים און תענוגים, נאָר עלנט און נויט — קומען נישט אַהער צוליב אַ ברוטאַל־עגאָאיסטישן תכלית אָדער אַ מגושמדיקן מאַטעריאַליזם.

זיי זענען געטראָגן פון הויכע אידעאַלן וואָס זענען שטאַרקער פון פאַרפירערישע פלייש־טעפּ.

דער אַסקעטישער לעבן וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעקליבן, זייערע תפילות, זייערע תעניתים און זייער אָפּזאָג פון וועלכער נישט איז באַקוועמלעכקייט קען מען נאָר דערקלערן דורך דער פאַרלייקער־נונג פון זייער אייגן פלייש, וואָס איז באַזירט אויף אַ טיפער רע־ליגיעזער איבערלעבעניש וואָס לאָזט זיך נישט פונאַנדעררייסן און צעשטערן.

נוימאַן אונטערשטרייכט אַז ער איז צופרידן „מקיים צו זיין אַ מענטשלעכן חוב לגבי מענטשן וואָס ליידן און ווערן אַטאַקירט און זענען הילפסלאָז", בשעת ער אַליין איז געווען 15 יאָר אַ לעבע־דיקער עדות פון זייער הייליקן לעבן און זייער איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג.

אַזוי רעדט און שרייבט אויף די חורבות פון ירושלים אַן ערשט־ראַנגיקע וויסנשאַפטלעכע און פּאַטריאָטישע פּערזענלעכקייט, נישט אויפן יסוד פון אַן איין־טאָג טוריזם, נאָר דיקטירט דורך אַ נשמה־ברען וואָס איז גרייט אויף קידוש־השם צוליב ציון און ירושלים.

ד"ר נוימאַן איז אַ שליח פון משה מאָנטעפיאָרע און באַראָן ראָטשילד, און משמעות אַז די גרויסע וועלט־גבירים האָבן געטראָגן אין זיך מער גאולה־פייער ווי דער גרעסטער יידישער היסטאָריאָ־גראַף, היינריך גרעץ, וועלכער האָט שוין אין זיין געשיכטע, אין זיין גרויסן געשיכטס־ספר, נישט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון יידי־שער מיסטיק און קבלה.

עפּעס האָט ער אויף דעם געביט געקענט לערנען ביי זיין גרויסן פריינט משה העס.

ער האָט עס נישט געטון און אַפילו פון „חיבת ציון" האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט בשעת ער האָט אין דעם דעמאָלטיקן פּעטערבורג געזען סטודענטן וואָס ריידן וועגן אַ יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל.

דאָס איז גלות־טראַגעדיע און גאולה־ווייעניש פון יידישער געשיכטע, ניכטערע היסטאָריע, וועלכע וויל דערלאַנגען צו יידישער עמאַנציפּאַציע.

די מענטשן פון קבלה און „חלוקה" האָבן פעסט אָקופּירט ירושלים פאַר זייערע קינדער און קינדס־קינדער און האָבן אפשר אַ גרעסערן חלק אין אונדזער גאולה־אָנהויב, ווי פאַרשייטע דיפּלאָ־מאַטיע און ניכטערע פאָרשונג.

משה מאָנטעפיאָרע און זיינע פעולות אין ירושלים.

רבי ישראל שקלאָווער מיט זיינע פרושים.

רבי מנחם מענדל וויטעבסקער און זיינע חסידים.

זיי, די „חלוקה"־צדיקים האָבן אונדז געבראַכט אונדזערע גרויסע רביים פון יידיש גאולה: העס, פינסקער, הרצל, וואָלפסאָן און ווייצמאַן, מיט די העלדן פון חלוץ און „עקסאָדוס" און מעפּילים.

די „חלוקה" האָט מנצח געווען דעם גרעסטן ניכטערן וויסנ־שאַפטלעכן יידישן היסטאָריקער.

היינריך גרעץ.

יב

אין דעם לאַבירינט פון תקופות קען זיך אויך געשיכטע פאַר־בלאָנדזשען, אַזוי ווי מענטשן קענען בלאָנדזשען אין דער געדיכט־קייט פון געשיכטלעכע געשעענישן.

עס דויערט אַפט דורות ביז מען געפינט זיך צוריק אויפן גראַדן וועג, פאַרגעשריבן און פאַרגעצייכנט דורך די כוחות פון דעם דינאַמיש־אוניווערסאַלן מהות.

מען פאַרלירט דעם פאַדים פון אַ היסטאָרישן פראָצעס, אויב מען איז ניט גענוי מדקדק מיטן האַרטן אמת, וועלכער ליגט אין גרויסע געשעענישן, מען קייטלט פאַנאַנדער אַנטוויקלונגען, און מען באַעוולהט פאַקטן און סטימולן.

קיין היסטאָריקער, אַפילו דער גרעסטער, וועט נישט גאַראַנ־טירן פולע אָביעקטיוויטעט און איז נישט גאַראַנטירט אין אַבסאָלו־טער אָביעקטיוויטעט. עס גייט אין מענטשן פון פלייש און בלוט, מיט אַ יצר־הרע און יצר־טוב, מימט צדקות און רשעות, מיט סימ־פאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, מיט אַ פאַרטיקער ירושה און אַ פעס־טער אמונה.

דאָס זענען קאַטעגאָריעס, פון וועלכע עס איז שווער זיך אויס־צוטון. און זיי זענען משפיע אויף אָפּשאַצונגען און שילדערונגען. די געשיכטע פון יידן בכלל, און פון שיבת ציון בפרט, איז

נישט קיין יוצא מן הכלל. זי וויקלט זיך אויס לויט די זעלבע געזעצן ווי די געשיכטע פון דער אוניווערסאַלער וועלט.

נאָר מיט אַ שאַרפן מוח און אַ פיינעם חוש קען מען איינהאַלטן דעם פאַדים פון געשיכטסגאַנג.

באַזונדערס שווער איז איינצושטעלן אַ ריכטיקע און גערעכטע באַציאונג צו דעם פאַל פון די בילויים.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז דער כוח פון זייער וועלטלעכן הינטערגרונט איז פאַרן אוניווערסאַל־יידישן תכלית, קלענער און שוואַכער, ווי די קאַנווע פון קדושה, וועלכע בילדעט דעם שטח פון פריערדיקע עליות.

זייער גרעסטע עבירה איז אפשר דאָס, וואָס זיי האָבן זיך ניט געענוג אָנגעשפאַרט אויף דעם בנין, וואָס האָט געבויט צדקות און חסידות.

זייער קאָנטאַקט מיט צפת און טבריה איז געווען אַזוי דין ווי זייער פאַרבינדונג מיט די פאָסטולאַטן, וואָס ירושלים האָט אַרויסגעאָטעמט...

שווערע ביטערע פראָבלעמען, וואָס שטייען פאַר אונדז היינט האָבן געקענט נישט האָבן די האַרבקייט און די קאָמפּליקאַציע, וואָס מאַכט אַזוי שווער אונדזער געראַנגל און אונדזער פראָגרעס.

דער רבי פון די בילויים, משה לייב ליליענבלום, האָט פראָקלאַמירט בפירוש, אַז מיר נויטיקן זיך נישט אין ירושלים און אַז מיר וועלן גאָרנישט ניט אָנווערן, אויב ירושלים וועט ווי אַ נחלה בלייבן פאַר פרעמדע.

„די צוויי גרויסע חלוצים, טיאָמקין און לעוואָנטין — דערציילט בן יהודה — האָבן אָוועקגעשטעלט יפו ווי דעם מרכז פון זייער אַרבעט און אַזוי אַרויסגעטראָגן אויף אַ לאַנגער צייט אַ גזר־דין אויף ירושלים.

אין די אויגן פון חובבי־ציון און ציוניסטן איז ירושלים געווען אַ שטיף־טאָכטער, וואָס האָט זיך מפרנס געווען פון די שיריים, וואָס זענען פאַר איר אַראָפּגעפאַלן פון הויכן טיש".

בערל קאַצענעלסאָן, וואָס האָט אוודאי באַנומען מיט גייסט און מיט שכל יעדן רינגעלע אין דעם לעבן פון ישוב און האָט זיך

אַריינגעלעבט ווי זעלטן איינער אין יעדער ירושה און טראַדיציע, האָט געמוזט קאָנסטאַטירן, אַז די בילויים האָבן נישט געהאַט קיין המשך, הגם, די צווייטע עליה איז צייטלעך געשטאַנען צווישן דער ערשטער עליה און דער לעצטער עליה.

בן גוריון גיט אָפּ פאַר די בילויים אַ מער בכבודיקע פּאָזיציע. ער דערמאָנט אָבער אַלס משל נאָר פּערזענלעכקייטן ווי גאָרדאָן, דיזענגאָף, ראַטנער און אייזענבערג, וועלכע זענען פּאַקטיש ווייניקער ווי אַנדערע כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם בילוישן טיפּ און שטיצט זיך דערביי אויף אַ קאָמוניקאַט וואָס זיין מחבר איז גאָר יחיאל מיכל פּינעס, אַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אין זיך געטראָגן די קדושה פון ירושלים נאָך איידער די פּאָגראָמען האָבן אַרויסגעריסן מענטשן פון דעם רוסיש־רעוואָלוציאָנערן חלום און פון די טרוקענע אוני־ווערזיטעט־בענק.

אחד העם צעטרייסלט אונדז מיט זיין בילד וועגן די חלוצים פון דער ערשטער עליה:

„אַ מבול פון גאָלד איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל צוואַנציק יאָר און האָט אַלץ פאַרפלייצט: די ליבע און די פעאיקייט אויף אַרבעט, דעם ווילן און די ענערגיע, דעם נאַציאָנאַלן אידעאַליזם און דעם געפיל פון מענטשלעכן כבוד. נאָר אַ פאַרביטערטע און דערשלאָגענע האַרץ איז געבליבן, אַ יאוש און אַ כעס אָן קראַפט.

„די פאַרדאָרבנסטע און מייסטנס צעפאַלענע קאָלאָניע, הן מאַטעריעל און הן עטיש, איז זכרון יעקב.

זכרון יעקב איז נישט קיין קאָלאָניע, נאָר אַ חרפּה. אַ חרפּה פאַרן באַראָן און פאַר זיינע באַאַמטע, וועלכע האָבן עס געשאַפן. אַ חרפּה פאַר די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן מסכים געווען צו זיין אַ מאַטעריאַל פאַר זיין שאַפונג, און אַ חרפּה פאַר יעדן חובב ציון, וועלכער האָט זיך צו דעם צוגעקוקט און האָט געשוויגן".

„מיין האַרץ ווייטיקט, ווען איך דערמאָן זיך אין די מענטשן, משכילים און מענטשן מיט האַרץ, וועלכע זענען געקומען קיין ארץ ישראל אין זייערע בעסטע יאָרן אין נאָמען פון אַ גרויסן אידעאַל און מיטן חלום פון גרויסן עתיד פון פרייהייט און פון כבוד, פון ריינער און הייליקער אַרבעט, פון תחית האומה, און איצט זענען

זיי קליינינטשקע באַשעפעניש, פּחדנים, וועלכע ציטערן פאַר זייער בידנער פּרוטה און האָבן אַנגעוואוירן דעם ווילן און די טענדענץ פאַר אַ גרויסער אַלגעמיינער גאולה, פאַר אַ צוזאַמענשלוס פון כוחות״.

„דער ביטערער יאוש קוקט אַרויס פון זייערע אויגן און דער פּחד פאַרן „באַלעבאָס״ איז איינגעקריצט אין אַלע צייכנס פון זייער פּנים״.

און דאָך וועט דאָס זיין נישט קיין קליינער חטא, אויב מיר וועלן לחלוטין פּראַפּאַנירן און צעפּיצלען דעם קדושה־ווערט פון דער ערשטער עליה.

בשעת קאַצענעלסאָן שילדערט די צווייטע עליה, שרייבט ער:

„גרויסע גבורים זענען געגאַנגען פאַר אונדז ווי די בילויים... וואָס מיר קענען זיך אין פערזענלעכער גבורה מיט זיי נישט פאַר־גלייכן. אויך זיי האָבן שוין געהאַט אין זייער האַרץ די אידייע פון דער יידישער מדינה״.

בן־גוריון פאָרמולירט עס נאָך שאַרפער:

„מיר מוזן קודם־כל אַרויפברענגען אין אונדזער זכרון די קינ־דער פון דער ערשטער עליה, וואָס האָט אונדז מחנך געווען בשעת מיר זענען נאָך געווען יונג. זיי זענען געווען אמתע חלוצים, די ער־שטע מעפּילים, וואָס האָבן געשריבן אַ פולשטענדיק ניי בלאַט אין אונדזער געשיכטע...״

דאָס איז אַ גוזמא און אַן עוולה לגבי די פריערדיקע עליות.

פון דער אַנדערער זייט: אויך די צווייטע עליה האָט ניט ווייניק נייע בלעטער אין אונדזער געשיכטע.

האָט דאָך אַ קינד פון דער צווייטער עליה, איינער פון אונ־דזערע פּראָמינענטסטע אַרבעטער ־ פירער און געוועזענער כנסת־ פּרעזידענט, יוסף שפּרינצאַק, זוכה געווען אין דעם צווייטן יום־טוב יאָר פון עצמאות, אָנצוצינדן אויפן הייליקן הר הערצל דעם היסטאָ־רישן פייער־פאַקל וועלכער האָט העל און ליכטיק צוריקגעלויכטן איבער אַ צוויי־טויזנטיאָריקער געשיכטס־דראַמע פון יידיש קיום און האָט אַריבערגעלויכטן צו דעם עתיד פון משיחישער וויזיע.

די ווערטער וואָס שפּרינצאַק האָט דערביי גערעדט פאַרדינען

איינגראַווירט צו ווערן אין דעם ספר פון מדינת־ישראל, אין דער מגילה פון ירושלים, זיי זאָלן בלייבן לדורות:

„מיטן היינטיקן אָוונט ווערט געהייליקט דער יום־טוב פון ישראלס זעלבסטשטענדיקייט. מיר באַנייען דעם אַמאָליקן מנהג פון אָנצינדן דאָס ליכט, פון דעם מנהג וואָס איז פּראַקטיצירט געוואָרן אין יענע טעג, ווען ישראל איז געזעסן אויף זיין ערד. דאָ אין ירושלים, וואָס איז אַרומגערינגלט פון בערג, דאָ אויף דעם הערצל־באַרג צינדן מיר ווידער אָן די פייערן, דאָס פרייהייט־ליכט פון ישראל.

„נאָך דעם אַלעמען וואָס האָט אונדז פּאַסירט אין די גלותן, וואו מיר זענען פאַרברענט און פאַרטיליקט געוואָרן, וואו דורך פרעמדע פאַרברעכער זענען פאַרברענט געוואָרן קדושים וטהורים, הייליקע כתבים, מיליאָנען שוועסטער און ברידער, בתי־מדרשים און ספרי תורות — נאָך דעם אַלעמען האָבן מיר זוכה געווען אין אונדזערע טעג פון קיבוץ־גלויות, מיט אונדזערע אייגענע הענט אָנצוצינדן די פאַקלען פון פרייהייט און שלום אין ירושלים, וואָס ווערט באַנייט ווי די הויפּטשטאָט פון ישראל... די דאָזיקע הדלקה קומט עדות צו זאָגן און מודיע צו זיין דעם גאַנצן פאָלק, אַז עס איז באמת געקומען אַ נייע תקופה פאַר אונדז. זאָל די נייע תקופה זיין פאַר אונדזער וואויל, פאַר דעם וואויל פון ישראל און אַלע דורות וואָס קומען נאָך אונדז...״

און די הקדמה פון מדינת־ישראל: „כנסת ישראל״ מיטן „ועד לאומי״ ווערט אויסגעבויט און געטראָגן ניט נאָר פון דוד יעלין און שמואל טשערנאָוויטש ז״ל, נאָר אויך, יבדלו לחיים, פון ראשים פון דער צווייטער עליה ווי יצחק בן־צבי, דוד רמז און אויך אברהם קאַצענעלסון, וואָס איז גאָר אַ קינד פון דער דריטער עליה.

די פריערדיקע עליות האָבן געטראָגן אין זיך די אידיי פון קיבוץ גלויות און דעם פעסטן גלויבן, אַז זיי בילדן אַן אתחלתא דגאולה.

דינאַבורג ציטירט דעם „שמן המור״ (ליוואָרנא תקל״ג):

„אַ סך יידן מוזן פריער קומען קיין ארץ ישראל און ערשט דעמאָלט וועט קומען קיבוץ גלויות און עס וועט קומען משיח״.

ענלעכע געדאַנקען געפינט מעןביים רמב״ן, ביים של״ה, ביי

ר׳ יהונתן אייבעשיץ און זיין בר־פלוגתא, ר׳ יעקב עמדין און ביי אַנדערע גאונים פון פאַרשידענע דורות.

די בילויים זענען אָבער די ערשטע וועלכע קומען מיט גלויבן און מיט זיכערקייט אין זייערע אייגענע כוחות און שפאָרן זיך נישט אָן אויף צדקות און חסידות.

מחמת דעם אָבער איז זייער השפעה אַ סך שוואַכער און נישט שטאַרקער.

און מחמת דעם האָבן זיי נישט קיין יורשים.

אַן אַנדער בילד, אַן אָביעקטיוו ריכטיקערער און גערעכטערער וויקלט זיך פאַר אונדז פאַנאַנדער, ווען מען נעמט אַריין אין דער ערשטער עליה נישט נאָר די אויפגעוועקטע בחורים פון די רוסישע פאָגראָמען און דורך דער יידן־שנאה אויף די בענק פון די רוסישע אוניווערזיטעטן, נאָר אויך די גרויסע פערזענלעכקייטן פון יידישער תורה און נאַציאָנאַלער וויזיע.

זיי האָבן פאַרבונדן זייערע וועלטלעכע האָפענונגען מיט זייערע געשיכטלעכע טאַטן און זייער פעסטן גלויבן מיט דער קדושה פון ירושלים.

משפחות ווי יעלין, פינעס, בן יהודה און אַנדערע זענען מער ווי נעמען. זיי זענען גרונט־שטיינער פון ישוב פאַר דער התגלות פון הערצל.

קודם כל דער בר־פלוגתא פון גרעץ, דער פאָעטיש־בטעמטער און לומדישער היסטאָריקער ז א ב י ע ב ץ.

אין וועלטלעך קולטורעלן פאַרנעם איז אָן ספק גרעץ געווען דער גרעסטער היסטאָריאָגראַף פון יידיש לעבן. צוליב זיינע ניכטערע השכלה־טענדענצן און צוליב זיין שאַבלאָנעם עמאַנציפּאַציע־אידעאַל איז ער אָבער נישט אַריינגעדרונגען אין די טיפערע כוחות פון יידישקייט, וועלכע סטימולירן אויך די באַזונדערקייט און די האַרטנעקיקייט פון יידיש קיום, הגם בכלל האָט ער געהאַט אַ קאָנ־סערוואַטיוון צוגאַנג צו אַלטער יידישער שאַפונג און צו דער יידי־שער טראַדיציע.

אין דעם וויכטיקן פּרט, איז אים ווייט אַריבערגעשטיגן זאב יעבץ, וועלכער איז געבוירן און האָט זיך געהאָדעוועט אין יידישער

קדושה, אין יידישן שטייגער־לעב. און האָט מיטן פאַרנעם פון אונ־דזער טויזנטיעריקער מאַרטיראָלאָגיע און מיט דער עמקות פון מיס־טיש־רעליגיעזן געלוסט אַרויסגעבראַכט דעם געשיכטס־פּראָצעס פון יידישן פאָלק אין פאַרבינדונג מיט דעם טראַגישן געראַנגל צווישן חורבן און רענעסאַנס וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דעמאָלסטיקער תקופה פון יידישער עקזיסטענץ.

זאב יעבץ איז ניט נאָר אַ טאַלאַנטירטער פּובליציסט און דער מחבר פון דעם גרויסן ווערק: „תולדות ישראל", נאָר אויך אַ פּערזענלעכקייט מיט אַ טיפן חוש פאַר שיינקייט, פאַר דער פּסי־כאָלאָגיע פון מענטשן און סביבה און מיט אַ שאַרפן מוח וועלכער האָט באַנומען די גאַנצקייט פון יידישקייט אין איר טויזנטיעריקער אַנטוויקלונג.

יעבץ האָט געשמט מיט זיינע רייכע ידיעות און גרונטעוודי־קער לומדות, באַהנט מיט אַן אייגענעם נוסח און איז געווען אי־נערלעך דורכגעזאַפּט מיט דער פולער מסורה.

אין יאָר 1888, איז יעבץ עולה קיין ארץ־ישראל און קומט קיין ירושלים. פון איינעם פון זיינע בריוו, פון דער דעמאָלסטיקער צייט וואַרפט ער אַן אַ בילד פון דעם וואָס ער האָט איבערגעלעבט בשעת ער איז געקומען אין דער שטאָט פון אייביקער יידישקייט:

„די שוואַרצע אומעטיקע מויערן פון ירושלים דערהויבן זיך ווי אַ קעניגלעכע אלמנה וואָס איז גרויס און פּרעכטיק אפילו ווען זי איז פאַרדאגהט און פאַראומערט. דו ווערסט נאָך זיין גרויס. דו ווערסט נאָך זיין דערהויבן, ירושלים. אָבער ווי וויסט ביסטו איצט. ציון איז געוואָרן ווי אַ מדבר, ירושלים איז אַ חורבן. קריעה האָב איך געריסן מיט מיין האַרץ און מיט מיינע קליידער.

איך האָב זיך אָבער געפרעגט:

גאָט מיין גאָט, ווער בין איך, אַז דו האָסט מיך אַהער גע־בראַכט. בעסערע און גרעסערע פאַר מיר, האָבן געגאַרט אַהער צו קומען און האָבן ניט זוכה געווען, און איך שטיי איצט ביי דיינע טויערן ירושלים, ביי דעם קוואַל פון וויזיע וואָס אַלע נביאים האָבן פון אים געשעפּט זייערע נביאות.

געליובט איז גאָט, ירושלים טרייסלט זיך אָפּ פון איר שטויב.

אירע גאָסן זענען גוט געפּלאַסטערט. פון רעכטס און פון לינקס, זענען געבויט שיינע הייזער. דער „מגדל דוד״ איז הויך און ער־פּאָרכטיק. אויף די גאָסן איז אַ באַוועגונג, אַ מענטשן־מאַסע כוואַליעט אַהין און אַהער.

אין אַ גראַנדיעזן סטיל פון אַ חורבן, אַנטפּלעקט זיך דער כותל מערבי, אַ געטלעכער ציטער איז מיר באַפאַלן, דער אָרט אויף וועלכן איך שטיי איז הייליקער, איז הייליקער פון אַלע הייליקטי־מער, די יידן פון גאַנץ תפוצות ישראל זענען צו דעם אָרט מכוון זייערע תפילות. די שטיינער זענען יעקבס אייביקע פעלדזן, די פאַרשטויסענע פון ישראל גאַרן צו קומען, פון דאַנען וועט גאָט דערמאַנען זיין פאָלק. דאָס וועט זיין אַ מרכז פאַר אונדז, פאַר אַלע צייטן און פאַר אַלע ערטער.

אַזוי לאַנג איך וועל אָטעמען מיט אַ געטלעכן אָטעם וועט פאַר מיר זיין דער טאָג (כ״ב אייר תמר״ז) אַ טאָג פון זכרון.

גאָטס פוס־בענקל האָב איך געזען״, א. אַ. ו.

און יהושע יעלין שרייבט אין זיינע אינטערעסאַנטע זכרונות:

„ווען מיין פאָטער איז געקומען אין ירושלים, האָט ער גע־פונען אַן אָפּגעלאָזענע און וויסטע שטאָט. אירע גאָסן זענען געווען ווי אין אבילות. די מערסטע הייזער און הויפן זענען געווען ווי שמאַ־טעס און חורבות. די גאָסן זענען געווען קליין און שמאָל, נידעריק, פינצטער און שמוציק. די פענצטער פאַרקלאַפּט מיט נעץ־לאָדנס, כדי צו פאַרבאַהאַלטן די פרויען פון די פאַרבייגייענדיקע מענטשן.

פון חברון און עזה האָט מען געבראַכט אויף צו פאַרקויפן גרויסע אומגעלומפּערטע ליימענע און שוואַרצע כלים. שוסטערס האָבן געלאַטעוועט משונהדיקע שיך, געמאַכט פון רויטע און גע־פאַרבטע פעל, און די איינצלנע קראָמען, וועלכע זענען דאָרט גע־שטאַנען, זענען געווען ווי פינצטערע קאַמערלעך, אין וועלכע מען האָט זיך נישט דערוועגט אַריינצוגיין״.

דערביי דאַרף מען וויסן, אַז די יעלינס זענען געקומען אין ירושלים ווי גבירים און אַז זיי האָבן געקענט האָבן אַ בכבודיקן לעבן אין חוץ־לארץ.

זיי האָבן גיך פאַרלוירן זייער געלט, זיי זענען אויסגעשטאַנען

שווערע מגפות, האָבן פאַרלוירן פריינט און קרובים און זיי האָבן זיך פון ירושלים נישט גערירט.

אדרבה, זיי האָבן געבראַכט אַלץ נייע מענטשן, און האָבן געשאַפן מאָדערנע האַנדלס־אונטערנעמונגען און אַפילו בענק.

די יעלינס קויפן הייזער מחוץ פון שטאָט, הגם דאָרטן איז דעמאָלט נישט געווען קיין זכר פון אַ מענטשלעכן ישוב.

זיי באַקומען אַ השפעה אויף משה מאָנטעפיאָרע, וועלכער איז דעמאָלט צום פערטן מאָל געקומען קיין ירושלים מיט זיין סעקרע־טאַר, ד״ר לעווי.

אונטער דער השפעה קויפט מאָנטעפיאָרע אַ וועבעריי נאָענט פון שטאָט וואו אָרעמע ייִנגלעך באַקומען אַרבעט און פּרנסה.

דער זון פון יעלין קויפט און קאָלאָניזירט „מוצא״, פיר קי־לאָמעטער פון ירושלים, און שאַפט די ערשטע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע אַרום ירושלים, וואָס איז גלייכצייטיק אַ סטאַנציע אויפן וועג צווישן יפו און ירושלים.

שפּעטער באַטייליקט זיך יהושע יעלין אין דעם קויף פון נייע ירושלים־קוואַרטאַלן, ווי „נחלת שבעה״, „מאה שערים״ און אַנדערע שכונות, וואָס ברייטערן זיך אויס ביז צו יריחו.

אַזוי ווערן די יעלינס בויער פון דעם ישוב מיטן אַנשפּאַר צו ירושלים.

בן יהודה באַזיגלט מיט אַ שבועה אַן אָפּמאַך מיט די יעלינס און פּינעס, אַז מען זאָל צווישן זיך נאָר ריידן העברעאיש.

געהאַלטן קאָנסעקווענט און מיט עקשנות די שבועה האָט נאָר בן יהודה.

דער אַקט גופא אָבער, איז דער יסוד וועלכער גיסט אַריין פרישקייט און חיונה אין דער שפּראַך.

ירושלים ווערט דער מקור פון העברעאיש, וועלכע הויבט אָן צו שפּרודלען ווי אַ לעבעדיקער קוואַל אין דער צייט, ווען נישט אחד העם און נישט לילינבלום און אוודאי נישט אַנדערע גדולים האָבן געגלויבט אין דעם לעבעדיקן כוח פון עברית.

בן יהודה גיט אַ בילד פון ירושלים אין דער צייט, ווען ער איז געקומען אין לאַנד:

„ווער עס איז די לעצטע צייט געקומען אין ירושלים, דער קען זיך נישט אויסמאָלן דעם אויסזען פון דער וויסטעניש, בפרט פון דער הורבה פאַרן ברייטן פלאַץ פון דעם יפו־טויער, בשעת מיר זענען דאָרט אָנגעקומען. אַלע שיינע בנינים, וועלכע אונדזער אויג זעט פון ביידע זייטן פון דעם „מאָסקאָוויע־פלאַץ", זענען דעמאָלט נאָך נישט געווען געבויט. אַלץ איז געווען אָרעם, נידעריק, הויקער־דיק, אין האַרמאָניע מיטן חורבן פון דער גאַנצער שטאָט.

לאַנגע, נידעריקע, געביידעס האָבן אָנגעצייגט נעבעכדיקע, פינצטערע קראָמען. מיט אַ לאָך, וואָס האָט געדינט פאַר אַ טיר. אַרמעניער און נישט־יידן האָבן די טיר רעמאָנטירט.

אין דער שטימונג בין איך אַריינגעגאַנגען דורכן טויער פון יפו אינעווייניק אין דער שטאָט פון הייליקייט:

דאָס איז די שטאָט פון דוד, וואָס איז שפל, חרוב און וויסט.

קיין שום געפיל האָט דאָס ביי מיר נישט אַרויסגערופן. אפילו די ווערטער „דוד פעסטונג" האָט אויף מיר נישט געמאַכט קיין באַזונדערן רושם.

איין קליינע נחמה האָב איך געפונען אין דעם פאַקט, וואָס ירושלים איז שוין יידיש לויט דער צאָל פון אירע תושבים. די יידן האָבן געבילדעט אַ מערהייט לגבי די מוסולמענער און קריסטן צו־זאַמען.

אַלע קראָמען זענען געווען געשלאָסן שבת און יום טוב.

קיינמאָל — רופט אויס דער אפיקורס בן יהודה — האָב איך זיך נישט ווי איצט געפרייט אויף דעם, וואָס יידישע קראָמען זענען געשלאָסן שבת און יום־טוב".

— בן יהודה שילדערט די הפקירות אין דער דעמאָלסטיקער טערקיי.

„דאָס איז געווען אַ הערשאַפט פון טיראַניע און טעראָר, וואָס האָט אויסגעזויגן די בלוט פון דער באַפעלקערונג און האָט זיך באַ־רייכערט אויפן חשבון פון עלנט און אָרעמקייט.

שוחד האָט אַראָפּגעוואָרפן איין הערשער און אַרויפגעזעצט אַ נייעם, זעלטן אַ בעסערן, כמעט אַלע מאָל אַן ערגערן.

נאָר דורך שוחד האָט מען זיך געקאָנט העלפן".

אַזוי ווי די פּרושים און חסידים, האָט זיך אויך בן־יהודה נישט אָוועקגערירט פון ירושלים. ער האָט געלערנט, געשריבן און גערעדט עברית. ביי אים אין הויז האָט קיין אַנדער שפּראַך נישט געהאַט קיין שליטה.

זיין קינד (שפּעטער איתמר בן יהודה) האָט אַריינגעזויגן די העברעאישע שפּראַך צוזאַמען מיט דער מילך פון זיין צניעותדיקער מוטער דבורה. מען האָט אין שטוב נישט אַריינגעלאָזט קיין דינסט און מען האָט צום קינד נישט דערלאָזט קיין פרעמדן מענטש, כדי אין נשמה פון קינד זאָל נישט אַריינדרינגען אַ פרעמדער טאָן...

די עקשנות האָט זיך אַריבערגעגאָסן אין אמתער קדושה מיט אימפּעט פון אַ מאָראַלישער גבורה.

דער אינדיפערענטיזם צו ירושלים צוליב די חורבות איז באַלד פאַרשוואונדן און אַ העכערע וויזיע האָט באַקומען קיום.

די משפּחה פון יחיאל מיכל פּינעס איז שוין געווען אין איר גלות־היים מאָהילעוו אָנגעזאַפּט מיט קדושה פון ירושלים.

פּינעס און זיין משפּחה האָבן זיך פעסט אַריינגעקייקלט אין דער ערשטער תקופה פון חיבת ציון. ער הערט נישט אויף צו פירן אַ קאַמף מיט זיינע חברים פאַר אַ גרעסערער קאָנצענטראַציע אין דער הייליקער שטאָט.

בן־יהודה האָט אין ירושלים געוואוינט ביי פּינעס נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלאָזן די הויז פון פרומקין, דעם רעדאַקטאָר פון „החבצלת".

די טאָכטער פון פּינעס האָט חתונה געהאַט מיטן זון פון יהושיע יעלין, מיט דעם אין אַ שפּעטערער צייט באַרימטן אָריענ־טאַליסט, עסקן און פּרעזידענט פון „ועד לאומי", דוד יעלין.

י. מ. פּינעס איז געווען אַ דענקער און למדן, צונויפגעגאָסן מיט העברעאיש און מיט דער גאַנצער תלמודיש־טראַדיציאָנעלער ליטעראַטור.

די טאָכטער פון פּינעס. די פרוי פון יעלין באַשרייבט די ליידן און צרות וואָס די פאַמיליע האָט אַריבערגעטראָגן און די נאַטירלעכקייט און פעסטקייט מיט וועלכער זי האָט רעזיסטירט און אויסגעהאַלטן ביזן סוף. זי האָט געליטן פון די פינצטערע

קנאים, פון דער טערקישער הפקרות, פון מגיפות און אפילו פון אייגענע חברים.

פינעס האָט זיך באַטייליקט אין דער סאַנירונג פון דעם באָדן אין פתח תקוה און האָט שריפטלעך און פּראַקטיש אַוועקגעשטעלט די לאַנדאַרבעט ווי דעם יסוד פון ישוב. ער האָט קאָלאָניזירט די יידישע יוגנט און האָט איר גלייכצייטיק לאָבאָריזירט דורך וואָר־שטאָטן פון אַלע טיפּן.

ער האָט מאָדערניזירט די קינדער פון די כוללים.

די משפחה יעלין, בן־יהודה פינעס און לונץ, האָבן אין זיך אַריינגעזאָפּט דעם ריטם פון ירושלימס געשיכטע, און האָבן זיך אַריינגעכישופט אין אַ לעבנס־נוסח, וועלכער האָט אין זיך גע־טראָגן די בשורה פון אַ גרויסן יידישן עתיד מיטן פולן הדרת־כבוד צו מסורה און טראַדיציע.

אויף חורבות און געהייליקטע לעגענדעס האָבן זיי געבויט אַ נייעם לעבן, אַ נייע שפּראַך, אַ נייע ליטעראַטור, האָבן געבויט ניי־ירושלים מיט דער פּערספּעקטיוו אויף גאַנץ ארץ ישראל.

בשעת די ערשטע בילויצעס האָבן זיך געקאָרטשעט אין ווייַ־טיקדיקן יאוש און רעזיגנאַציע, האָבן פינעס און בן יהודה אויפ־געהויבן פאַר זיי די פאָן פון ירושלים.

וועגן דעם דערציילט אַן אַלטער בילויעץ:

„עס איז געווען דער 20־טער תשרי תרמ״ג, ווען דער הימל פון בילוי האָט זיך באַדעקט מיט געדיכטע וואָלקנס. עס איז גע־שטאָרבן קאַרל געסער, דער מאַן פון גרויסע אידעאַלן און מעשים. מיט דער פּטירה האָט זיך אויסגעלאָשן דער פונק פון האָפענונג אויף אַן אַגראַרן לעבן לויטן פּלאַן פון די בילויצעס.

און עס איז געקומען יחיאל מיכל פינעס און האָט געפונען דעם בילוישן קרייז אין אבילות און עצבות. פינעס האָט זיך אָנ־געבייזערט און האָט אַזוי געזאָגט: אונדזער אויפלעבונג הענגט אָפּ ניט נאָר פון לאַנד־אַרבעט נאָר אויך פון מלאכה און האַנט־אַרבעט און איר טאָרט ניט אַריינפאַלן אין יאוש. דער מענטש פאַרגייט און די אינסטיטוציע בלייבט״.

און פינעס האָט אַריבערגענומען אַ טייל פון די בילויצעס

קיין ירושלים און האָט געשאַפן צוזאַמען מיט בן יהודה די אגודה „תחית ישראל", מיט אַ פּראָגראַם צוריק אויפצוהויבן די ווירדע פון אַרבעט און האַנטווערק, ווי זיי האָבן עס געהאַט ביי אונדז אַמאָל און איז אַראָפּגעפאַלן טיף אין דער תפוצה, צווישן פרעמדע.

ער האָט געשאַפן אַ פאָנד און מען האָט פאַרטיילט די אַראָפּ־געבראַכטע בילויצעס צווישן די פאַרשידענע פּראָפעסיעס.

די בחורים האָבן בייטאָג געאַרבעט און ביינאַכט האָבן זיי געלערנט די געשיכטע פון זייער פאָלק, פון זיין ליטעראַטור און די העברעאישע שפּראַך, „כדי זיי זאָלן שפּעטער האָבן די מעגלעכ־קייט אונדז צו העלפן אין אונדזער אַרבעט פאַר דער אויפלעבונג פון אונדזער אומה".

צווישן די יונגע בילויצעס וואָס זענען געבראַכט געוואָרן קיין ירושלים געפינען זיך בעלקינד, זאב דובנאָוו (דער ברודער פון געשיכטע שרייבער), יעקב שערטאָק און אַנדערע.

די זכרונות שרייבער פון יענער צייט דערציילן אין אַלע פּרטים ווי זיי האָבן געלעבט און ווי מען האָט זיי באַהאַנדלט. זיי זענען קיינמאָל נישט געווען קיין משרתים נאָר שותפים. מען האָט זיי פאַרבעטן אויף שבת און יום טוב ביי די באַלעבאַטים, אין דער פרייער צייט האָבן זיי געמאַכט עקסקורסיעס צוזאַמען מיט די קינ־דער פון זייערע באַלעבאַטים.

זיי דערציילן אַז די טירן פון פינעס און בן יהודה זענען אַלע מאָל געווען ברייט אָפן פאַר די בילויצעס: „די וואונדערבאַרע אי־דעאַליסטישע פרוי פון בן יהודה, דבורה, וואָס אירע לעפצן האָבן נאָר געשעפּטשעט העברעאיש, האָט פאַר אונדז געדאגהט ווי אַ מאַמע און מיט איר קינד אויף די אָרעמס האָט זי פאַר אונדז גע־קאָכט, און איר פּנים האָט געשטראַלט, און אירע אויגן האָבן גע־גלאַנצט בשעת זי האָט דערלאַנגט צום טיש די מאַכלים פאַר איר מאַן און די פינף קינדער פון בילו. געבענטשט זאָל זיין איר נאָמען און געבענטשט איר אָנדענק".

פינעס האָט זוכה געווען צו צוויי זעלטן שיינע באַחנטע טעכ־טער, וועלכע זענען געווען טיפּן פון די „בנות ירושלים": איינע האָט געהייסן שרה־רחל, און די צווייטע איטע (שפּעטער די פרוי

פון דוד יעלין). שרה־רחל איז געווען באַקאַנט אַלס אויסגעצייכנטע רייטערקע, וועלכע האָט רייטנדיק געשאָסן פייגל און האָט אַלע מאָל געטראָפן אין ציל. מיר האָבן איר פאַרזיכערט אַן אָרט אין קעניגלעכן „שיס־פּאָלק" פון קומענדיקן בילוי־חיל.

איטע איז געווען צענויפגעוואַקסן מיט גייסטיקע אינטערעסן און געזעלשאַפטלעכע אַקציעס. מיר האָבן איז פאַרזיכערט, אַז זי וועט טראָגן די בילוי־פאָן בראש פון חיל, ווען עס וועט קומען די גליקלעכע שעה און עס וועט פלאַטערן די פאָן פון מלכות ישראל.

אין ירושלימער היים פון פינעס און בן־יהודה האָט מען פאַר־אויסגעפילט די שכינה פון קומענדיקן מלכות ישראל וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעטון פון ירושלימער קדושה.

איינער פון די אַלטע בילויצעס שילדערט אַ סדר־נאַכט אין הויז פון בן יהודה:

„פון יפו, ראשון און מקוה ישראל איז מען צו אונדז עולה רגל געווען אויף פסח. דבורה בן יהודה האָט אַלעמען פאַרבעטן אויפן סדר. צוזאַמען זענען מיר געווען אַ מאַן צוואַנציק, און ווען מיר זענען אין דער נאַכט פון שמחת יום טוב אַריינגעגאַנגען אין בית המדרש פון פינעס בראש מיט בן יהודה, האָט זיך די הויז אָנגעפילט מיט יוגנט־ליכט און די האַרץ פון פינעס איז געווען פול מיט פרייד און רחבות.

פון בית המדרש זענען מיר געגאַנגען צו בן יהודה. די הויז איז געווען פול מיט ליכט, דאָס פנים — פנים־ליכט פון אונדזער מוטער, דבורה.

און ווי האָבן געלויכטן די אויגן פון אונדזער מורינו ורבנו, בן יהודה. מיר זענען געזעסן און האָבן דערציילט פון יציאת מצ־רים. נאָך דער סעודה זענען מיר געגאַנגען אין דער גרויסער יפו־גאָס מיט שירה, די שירה פון עברית.

פינעס האָט מחבר געווען פאַר אונדז דעם באַקאַנטן שיר „חושו, אחים חושו"· די בערג פון יהודה האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער שלאָף און זיי האָבן אונדז געענטפערט מיט „חושו, אחים חושו".

פול מיט ברען זענען געווען אונדזערע הערצער. מיט התלה־

בות אונדזער נשמה, און אַ פייער האָט פאַרכאַפּט באַרוכאָוויטשן און ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם היטל פון זיין קאָפּ ווי אַ דער־וויש און ער האָט געשריען:

„לאַנד, לאַנד, לאַנד! צוויי טויזנט יאָר האָבן זיינע אויערן ניט געהערט די לעבעדיקע שפּראַך. איצט קערן מיר זיך אום צו דיר. מיר וועלן אין דיר אַריינגיסן לעבן. מיר וועלן הייליקן דיין ערד. מיר שווערן".

ער איז געפאַלן אויף דער ערד, ער האָט געקושט דעם היי־ליקן באָדן, ער האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען:

לאַנד, לאַנד, לאַנד!

און די בערג פון יהודה האָבן אויפגעציטערט פון זיין גע־שריי און זיי האָבן געענטפערט:

„לאַנד, לאַנד, לאַנד!"

י"ג

גרויסע געשעענישן אַזוי גוט ווי גרויסע פּערזענלעכקייטן זענען רעזולטאַטן פון געשיכטע און גלייכצייטיק דער לעבעדיקער זאָמען וועלכער סטימולירט, גיט לעבן, קאָלאָריט און אַספּעקטן דעם ווייטערדיקן לויף פון דעם זעלביקן געשיכטע־פּראָצעס.

אַזוי ווי די אבות, משה רבנו, די לוחות און די נביאים, איז אויך ירושלים אַ בראשית־סטימול וועלכער לייגט אַוועק דעם חותם אויף יידיש געשיכטע, שאַפט יידיש שטייגער און יידישע לעבנס־פאָרמען.

ירושלים איז אַזוי צענויפגעגאָסן מיטן יידיש־נאַציאָנאַלן אָר־גאַניזם, ווי אַ מענטש מיט זיין בלוט און זיין אָטעם.

געשיכטע איז די אויסוויקלונג פון כוחות און סטימולן, וועל־כע קומען פון אַ פּרימיטיוון כאַאָטישן בראשית און דערלאַנגען צו אוניווערסאַלע פאָרמען פון ציוויליזאַציע און קולטור.

געשיכטע האָט פּערספּעקטיוו אין דער ריכטונג פון עבר און עתיד.

יעדע תקופה און יעדער דור איז אַ סך הכל פון אַן אַנט־וויקלונגס־פּראָצעס און יעדע תקופה און יעדער דור ברענגט אַרויס

פּאָטענצן און פּאָסטולאַטן פאַר נייע פּראָצעסן און נייע אַספּעקטן.

די טבע פון געשיכטע איז דינאַמיק אָדער המשך, וועלכע קען נישט קיין שטילשטאַנד אָדער אַן איבעררייס.

כדי צו באַנעמען אַ פולן תוכן פון אַ קעגנוואַרט מוז מען פאַנאַנדערנעמען און אויספאַרשן אַלע ליניעס און אַלע שטחים פון פאַרגאַנגענהייט.

אויף דעם איז נויטיק אַ ניכטערער שכל און אַן אַקטיווער טאַלאַנט.

אויף צו באַקומען אַן איינבליק אין דעו פּראָצעס פון רעאַלי־זאַציע, אין אַ זיך שאַפנדיקער צוקונפט, און כדי משפּיע צו זיין אויף זיין ריכטונג, אויף זיין גאַנג און אויף זיין געשטאַלטונג, איז נישט גענוג שכל און טאַלאַנט.

דאַ פאָדערט זיך אינטואיציע, וויזיע.

ווען מען רעכנט זיך נישט מיט דעם מהות פון המשך, ווען מען גרייזט און מען בלאָנדזשעט אין דעם צוזאַמענשפּיל פון די כוחות וועלכע פורעמען וועלט־געשיכטע, ווען מען האָט אַ דוחק אין שכל און טאַלאַנט און מען לעבט אָן וויזיע — קומט עס צו קאַטאַסטראָפעס, צו צעטרייסלונגען, וועלכע גיסן זיך אויס אָפט אין מלחמות אָדער רעוואָלוציעס, און פירן צו אַ חורבן, וואָס וואַרפט צוריק ציוויליזאַציע און מאָראַל אין דער ריכטונג פון כאַ־אָטישן בראשית אַנשטאָט צו פּראָגרעסירן צו אַלץ העכערע מדרגות פון שאַפן און לעבן.

יידיש געשיכטע איז נישט קיין יוצא מן הכלל.

אונדזער לעבן איז אַראָפּגעגאַנגען אָדער איז געוואָרן אַראָפּ־געפירט פון דעם וועג וועלכער האָט זיין אָנהויב און זיין ריכטונג אין אַן אייגענער געשיכטע אויף אַן אייגענעם באָדן, לויט אַן איי־גענעם מהות.

מיר זענען זיך פאַרלאָפן אויף שליאַכן, וועלכע דער פאָלקס לעבן האָט נישט געבוירן און דער פאָלקס־שויס האָט נישט אויס־געטראָגן.

מיר האָבן געמוזט זיך אָנשטויסן אויף שאַפונגען פון אַ וועלט פאַר וועלכער מיר זענען געוואָרן דורך אונדזער פ ר ע מ ד־

ק י י ט אַ דיסהאַרמאָניע, אַ האַרטע מחיצה, ווייל מיר זענען נישט איר אָרגאַנישער פּראָדוקט און מיר שטייען נישט אין הסכם מיט דער מדרגה פון איר לעבן און באַנעם.

אַזוי עקזיסטירן מיר אין אַ פאַרשאָלטענעם גלות און אַזוי ווערן מיר אַלץ פאַרכאַפּט פון נייע קאַטאַסטראָפעס, אַזש ביז צו דער בעסטיאַלישער היטלער־קאַטאַסטראָפע.

נישט עמאַנציפּאַציע און נישט אַסימילאַציע זענען רפואות וואָס האָבן אונדז געקאָנט צוניפגיסן מיט אַ לעבן וואָס האָט זיי־נע וואָרצלען אין אַן אַנדער ערד און איז אויפגעבליט אין אַן אַנדער אַטמאָספער.

דיסקוטירן וועגן דעם איז היינט נישט מער כדאי.

ווער עס פאַרשטייט עס נאָך נישט, דער זאָל געזונטערהייט אָפּוואַרטן נייע קאַטאַסטראָפעס.

מענער מיט שכל און טאַלאַנט זענען אויפגעשטאַנען אין יעדן דור.

זיי האָבן געפאָרשט פאַרגאַנגנהייט, געדאגהט פאַר קעגנ־וואַרט און האָבן געגאַרט נאָך אַ צוקונפט.

אויפן אַרביט פון יידישקייט זענען געוואַקסן די כוחות פון רעזיסטענץ קעגן פאַרפרעמדקייט: די מעפּילים פון יעדן דור און די חלוצים.

זיי זענען אָבער געווען צו קליין און צו שוואַך כדי צוריק־צובריינגען דעם ברייטן יידישן המון אויף דעם שטח פון אייגענעם געשיכט־פּראָצעס, צו נאָרמאַליזירן די אַנטוויקלונג פונעם יידיי־פאָלק און אים אָוועקשטעלן אויף דער ליניע פון זיין נאַטירלעכן און אָרגאַנישן המשך.

אויך די חובבי־ציון זענען געווען אויף דעם צו שוואַך, הגם זיי האָבן דערקענט דעם קרומען געפערלעכן וועג פון עמאַנ־ציפּאַציע און אַסימילאַציע און דעם גראַדן וועגן פון יידיש־נאַציאָ־נאַלער רענעסאַנס.

דער גרעסטער טעאָרעטיקער פון חיבת־ציון, אחד־העם, דרשנט טאָג איין, טאָג אויס קעגן דעם אימפּעט פון איילעניש, קעגן דער פּראָפּאַגאַנדע פון גאולה־קאַנוואולסן, קעגן אַ קוואַנטי־

טאַטיוון קיבוץ־גלויות, וואָס איז אַ אומגליקלעכע פאַנטאַזיע, וואָס האָט פאַר אונדזערע דורות נישט קיין ממשות און קען נאָר ברענ־גען מפּלות און יאוש.

ארץ ישראל איז אַ היים פאַר יהודה, פאַר יידישקייט און קען נישט פאַרענטפערן דעם פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם, פון יידישער אָרימקייט און פון דעם נישט נאָרמאַלן יידישן מאַסן־לעבן און מאַטעריעלן פאָלקס־לעבן.

טיפע געדאַנקען און אַ סך מאמרים און די ספרים פון גרויסן טעאָרעטיקער ווילן באַווייזן אַז די אינטערנאַציאָנאַלע וועלט, דער דוחק אין מיטלען און אין נאַציאָנאַלן ווילן, וועלן נישט דערלאָזן אין ארץ ישראל אַ זעלבסטשטענדיק פאָלקס־לעבן, אַז נישט דאָס לאַנד און נישט די יידן קענען דערמעגלעכן אַזאַ לעבן.

יאָ, אַמאָל, לעתיד לבוא, וועלן מיר אויף דעם זוכה זיין, אָבער ווייט נישט אין אונדזערע צייטן.

אפילו די תורה פון פינסקער באַקומט ביי אחד־העם אַזאַ פּשט.

אין איינעם פון זיינע גייסטרייכע אַרבעטן רופט ער אויס:
„אראנו ולא עתה, אשורנו ולא קרוב".

דער געוויינלעכער פּשט פון פּסוק איז: ימות המשיח.

„פינסקער — שרייבט ער — איז געקומען צו דער איבער־צייגונג אַז ארץ ישראל איז נישט אַ לאַנד וואָס קען זיין אַ זיכערע היים פאַן יידן: דער פּאָליטישער מצב און די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען וועלן דאָס קיינמאָל נישט דערלאָזן".

אין אַן אַנדער אָרט זאָגט ער זיך אָרויס ווייניקער קאַטעגאָ־ריש אָבער אינהאַלטלעך אין דעם זעלבן גייסט:

„בשעת די ציוניסטן זוכן (אין ארץ ישראל) אַ סגולה קעגן אָרימקייט, פולע רואיקייט און נאַציאָנאַלן כבוד, וויס חיבת־ציון, אַז דאָס וועט אונדזער לאַנד נישט געבן ביז אייביקע גערעכטיקייט, וועט זיך דערהויבן און וועט הערשן אין לעבן פון מדינות און פעלקער".

גייט און וואַרט!

פינסקער, אחד־העם און זייערע חברים האָבן מיט אַלע כּו־

חות איינגעהאַלטן דעם נאָרמאַלן יידישן געשיכטס־גאַנג, האָבן גע־קעמפט קעגן פרעמדע טענדענצן און האָבן קלאָר אָפגעשפּיגלט יידיש־שטייגער און יידיש־לעבן און האָבן אויסגעלאַכט די עמאַנ־ציפּאַציע און אַסימילאַציע־יידן.

זיי זענען אָבער געווען הילפסלאָז, זיי זענען געקומען מיט טאַלאַנט און מיט שכל, מיט אַ טיפן אַנאַליז פון יידיש־געשיכטע און יידיש־ווערקלעכקייט, אָבער אָן דער וויטער העלער וויזיע און אָן דער ליכטיקער אינטואיציע פון נשמה, וועלכע שטראַלט אריין אין דער צוקונפט און וויל נישט וויסן פון קיין אייזערנע ווענט און מויערנע מחיצות.

דאָ איז געקומען די התגלות פון הרצל.

די לעבעדיקע אויסוויקלונג פון יידישן המשך האָט זיך פאַר־מאָסטן אויף דער פולער גאולה פון יידן און יידישקייט, אויף ארץ ישראל מיט ירושלים און מיטן בית המקדש.

אחד העם און זיינע חברים, די כוחות פון חיבת־ציון אין אַלע גלגולים זינט דעם חורבן האָבן ג ע מ אַ כ ט יידישע געשיכטע, זענען געווען קאָנצענטרירט איינצוהאַלטן יידיש המשך און האָבן געקעמפט פאַר יידיש מקור און יידיש יצירה.

הרצל האָט זיך מתגלה געווען ווי יידישע געשיכטע, ווי יידיש־המשך, ווי יידיש מקור, ווי יידיש לעבן.

ה ר צ ל א י ז י י ד י ש ג ע ש י כ ט ע.

איצט נאָך דער פובליקאַציע פון די זכרונות פון ווייצמאַן, ווען די לעבעדיקע הרצל־געשעעניש פונדאַסניי מוזן אַוועקגעשטעלט ווערן אויפן סדר היום.

מיר בויגן אונדזער קאָפּ פאַר ווייצמאַן, ווי פאַר דעם גרעס־טן מנהיג פון לעצטן דור און מיר האָבן אוודאי אַ רעכט און אַ חוב זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין די לעבעדיקע פּראָבלעמען וואָס ווייצמאַן שטעלט פאַר אונדז אַוועק און היינט, אין דער צייט פון דער שענסטער נאַציאָנאַלער פאַרווירקלעכונג, מער ווי אַלע מאָל.

אין אָנהויב האָט זיך הרצל נאָך אַליין נישט געפונען, ער האָט זיך פאַר זיך אַליין נאָך נישט געהאַט אַנטפּלעקט.

ער פרעגט:

פאַלעסטינע אָדער ארגענטינע ?

אָבער ווי טיף איז שוין ביי אים דעמאָלט געווען דער חילוק אין דעם משפט איבערביידע לענדער.

„אַרגענטינע איז איינע פון די רייכסטע לענדער אויף דער ערד מיט אַ קליינער באַפעלקערונג און מיט אַ נישט־שלעכטן קלי־מאַט. די רעגירונג האָט אַן אינטערעס אונדז איבערצולאָזן אַ שטיק טעריטאָריע״...

„ארץ ישראל איז אונדזער היים, וועלכע מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן. שוין דער נאָמען אַליין איז אַ געוואַלדיק פאַרכאַפנדיקער רוף אויף צו זאַמלען אונדזער פאָלק״.

באַלד אין דער ערשטער רגע, אין יאָר 1895, דערהויבט זיך פאַר אים די שאלה: ירושלים!

וועגן אַן ארץ ישראל אָן ירושלים איז אים שווער צו טראַכטן. נישט אומזיסט איז ער דאָך לעבעדיקע וויזיע.

אָבער וואָס טוט מען מיט די „הייליקע ערטער״?

און ער שרייבט:

„מיר וועלן ווי אַ נייטראַלע מלוכה בלייבן אין פאַרבינדונג מיט גאַנץ אייראָפּע, וועלכע וועט גאַראַנטירן אונדזער עקזיסטענץ. פאַר די הייליקע ערטער פון קריסטנטום קען מען שאַפן אַ רעכט־לעכע פאָרם פון עקסטעריטאָריאַליטעט... מיר וועלן זיין אַן ערן־וואַך ביי די הייליקע ערטער. מיט אונדזער גאַנ־צער עקזיסטענץ וועלן מיר דערפילן די פליכט.

די ערן־וואַך וועט זיין דער גרעסטער סימבאָל פאַר דער לייזונג פון דער יידן־פראַגע נאָך די יסורים פון 18 הונדערט יאָר...״

פינסקער האָט מורא, אַז צוליב דער קדושה פון ירושלים וועלן יידן נישט וועלן קיין אַנדער לאַנד ווי ארץ ישראל.

הערצל וויל ארץ ישראל צוליב דער קדושה פון ירושלים.

עס איז נישט צו פאַרשטיין פאַרוואָס דווקא אחד־העם שטעלט פינסקער אויף אַ העכערן שטאַפּל און הערצל — אויף אַ נידעריקן שטאַפּל.

אחד־העם קומט קיין ירושלים און זעט די חורבות, די שמאַ־

טעס און די אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע בעטלערס ביים כותל־מערבי.

קורץ, שאַרף און פאַרכאַפּנדיק עלעגיש שרייבט ער:

„נאָך דעם ווי איך האָב אויסגעפאָרשט דאָס לאַנד און איך האָב געזען דאָס וואָס איך האָב געזען אין יפו און אין די קאָלאָניעס, בין איך מיט אומעטיקע רעיונות געקומען ערב פּסח קיין ירושלים כדי אַרויסצושעפּטשען מיינע געפילן און מיין כעס פאַר די „האָלץ און שטיינער" פון דעם הייליקן שארית פון פריערדיקע צייטן.

„מיין ערשטער וועג איז געווען צום כותל; דאָרט האָב איך געפונען אַ סך פון אונדזערע ברידער, איינוואוינער פון ירושלים, זיי שטייען און זענען מתפּלל מיט געוואַלדן און געשרייען! זייערע אויסגעדאַרטע פּנימער, זייערע מאָדנע העוויות און זייערע משונהדיקע קליידער — אַלץ איז אין האַרמאָניע מיט דער מוראדיקער געשטאַלט פון כותל.

„און איך שטיי און באַטראַכט זיי און דעם כותל און איין געדאַנק פילס אויס אַלע ווינקעלעך פון מיין האַרץ:

די שטיינער זענען עדות אויפן חורבן פון אונדזער לאַנד און די מענטשן אויפן חורבן פון אונדזער פאָלק.

וועלכער הורבן איז גרעסער, וועלכן מוזן מיר מער באַוויינען?

אַ לאַנד, אַז זי ווערט חרוב און דאָס פאָלק איז נאָך פול מיט לעבן און כוח, שטייען אויף פּערזענלעכקייטן ווי זרובבל, עזרא און נחמיה און נאָך זיי דאָס גאַנצע פאָלק און זיי בויען עס אויף פון דאָסניי.

אָבער אַז אַ פאָלק ווערט חרוב, ווער וועט אויפשטיין און ווער וועט אים העלפן?

און ווען אין דער שעה קומט אויף מיר דער גייסט פון ר' יהודה הלוי און איך קען ווי ער קלאָגן אויף דעם בראָך פון מיין פאָלק, וואָלט איך אָנגעהויבן מיין קינה ניט „צ י ו ן" נאָר „ישראל".

צו איז דאָס נישט יאוש?

אמת נאָר אין דער „שעה".

אָבער, וואָס ווייטער?

יאָ, ר' יהודה הלוי, דער געטלעכער משורר, האָט געגלויבט אין ישראל און האָט זיין שירה אָנגעהויבן מיט...

ציון.

אחד־העם קומט מיט יאָרן שפּעטער קיין ירושלים און ער גייט ווידער צום כותל און ער שרייבט:

„אין דער האַלבער נאַכט, תשעה־באב, בין איך ווידער גע־שטאַנען פאַרן כותל. אַ קהל פון אַלט און יונג איז געזעסן אויף דער ערד. אייניקע האָבן געוויינט זאָגנדיק קינות, אַנדערע האָבן געלערנט „מדרש־איכה" און אַנדערע האָבן זיך געפּלפּולט וועגן דער הלכה צי מען מעג זיצן מיטן רוקן צום כותל.

קעגן מיין ווילן האָב איך זיך דערמאָנט נאָך אַמאָל וואָס איך האָבן געטראַכט פאַר צוויי יאָרן אין דעם אָרט וועגן חיבת־ציון און חורבן ישראל און מיר איז פאָרגעקומען אַז אונדז רינגלען אַרום די שאָטנס פון אונדזערע הערלאַישע אבות, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען פאַר זייער לאַנד און נאַציע און זיי קוקן איצט ווי געפּלעפּ־טע אויף זייערע קינדס־קינדער, וועלכע זיצן אויף דער מצבה ביים קבר פון זייער כבוד און אין האַנט האַלטן זיי ספרים"...

דערמיט ענדיקט אחד־העם צום צווייטן מאָל זיין היסטאָ־רישן „אמת פון ארץ ישראל", און

גיך געװנוג הויבט זיך אָן זיין קאַמף קעגן הרצל, וויל:

„די יידישע גאולה וועט קומען דורך נביאים און נישט דורך דיפּלאָמאַטן".

הרצל אַ דיפּלאָמאַט!

און הרצל קומט קיין ירושלים צום ערשטן מאָל יום־טובדיק, מיט גרויסע פּלענער און גרויסע איבערגרויסע האָפענונגען. ער פירט פאַרהאַנדלען מיטן דעמאָלטיקן גרעסטן קיסר וועגן ארץ יש־ראל ווי אַ יידישע מלוכה.

און ער שרייבט:

„הגם איך בין קראַנק און מיד האָב איך ביים שיין פון דער לבנה באַקומען פון ירושלים מיט אירע גרויסאַרטיקע אַספּעקטן אַ

מעכטיקן איינדרוק. פּרעכטיק זענען די סילועטן פון „מצודת דוד“.
דעם אַנדערן טאָג שרייבט הרצל:

„איך באַטראַכט ירושלים דורך מיין פענצטער און איך געפין אַז די שטאָט רוט אין שיינקייט.

נישט קוקנדיק אויף אירע חורבות איז זי אַ שיינע שטאָט און מיר קענען פון איר מאַכן די שענסטע שטאָט פון דער וועלט“.
אין סך הכל אָבער רעגיסטרירט הרצל מיט ווייטיק, אַז די שטאָט איז איצט אַזוי ווייניק זויבער און אָפּגעלאָזן.

„קודם כל וועלן מיר מוזן די שטאָט רייניקן“.

„דער אָנדענק אָן ירושלים וועט נישט זיין פאַר מיר קיין תענוג. דער שלעכטער ריח פון די גאַסן איז אַ פועל יוצא פון דעם, וואָס צוויי טויזנט יאָר האָט דאָ געהערשט אוממענטשלעכקייט, אומטאָלעראַנץ און שמוץ.

דער איין מענטש, דער בעל־חלומות פון נצרת וואָס איז דאָ געווען אין אַלטע צייטן, האָט נאָר מיטגעהאָלפן פאַרגרעסערן מענטשן־שנאה.

„אויב מיר וועלן באַקומען ירושלים און איך וועל נאָך האָבן אַ השפעה, וועל איך קודם כל לאָזן די שטאָט רייניקן.

אַלץ וואָס איז הייליק וועלן מיר אַרויספירן. מחוץ פון דער שטאָט. עס מוזן אַוועקגעשטעלט ווערן דירות פאַר אַרבעטער. דער נעסט פון שמוץ מוז אויסגעראָמט ווערן. די נישט הייליקע חורבות מוז מען פאַרברענען און דעם מאַרק מוז מען אַריבערטראָגן אין אַן אַנדער אָרט.

אַרום די אַלטע הייליקטימער מוז אויפגעבויט ווערן אַ נייע שטאָט, לויטן אַנטיקן בוי־נוסח. זיי מוזן זיין באַקוועם, גוט ווענטילירט און קאַנאַליזירט“.

בכן, נישט יאוש נאָר נייע אַקטיוויטעט, העכערע ענערגיע און ווייטע איניציאַטיוו:

אַ נייע שטאָט — ניי ירושלים.

וויזיע.

ווער האָט ווייטער און שענער געזען:
אחד העם, צי הערצל?
אַזוי ווי אויף אחד־העם האָט אויך אויף הערצלען דער אָרום פון כותל נישט געמאַכט דעם רושם פון אמתער קדושה:
„מיר זענען געוועןביים כותל. ער האָט נישט אַרויסגערופן קיין טיפע עמאָציע. אויף דעם אָרט האָט זיך פאַנאַנדערגעלייגט אַ מיאוסע נעבעכדיקע שפעקולאַציע פון בעטלערס.
אַזוי איז דאָס ווייניקסטנס געווען נעכטן אין אָוונט און היינט אין דערפרי בשעת מיר זענען דאָרטן געווען".
הערצל קלאָגט אויפן פאַנאַטיזם. איז אָבער גלייך מוסיף:
„און דאָך האָב איך נישט קיין מורא פאַר די קנאים".
הערצל, וועלכער קומט כלומרשט פון דרויסן מיט דער פור־לער ציוויליזאַציע פון מערב, האָט פסיכאָלאָגיש גיכער ווי אחד־העם זיך געקענט פילן אָפגעשטויסן דורך די חורבות און די מיאוס־קייטן.
און דאָך קומט ער באַלד אויפן אָרט צום אויספיר:
„איך בין פעסט איבערצייגט אַז אַרום דער אַלטער שטאָט קען מען אויפבויען אַ פּרעכטיקע ניי ירושלים.
אַ שיינע, עלעגאַנטע שטאָט איז דאָ זייער מעגלעך".
און אחד־העם זאָגט און ווייצמאַן באַשטעטיקט, אַז יידישע קאָלאָניזאַציע איז נישט אַריינגעגאַנגען אין הערצלס פּאָליטישער קאַלקולאַציע.
אין דער אמתן באַגייסטערט זיך הערצל פאַר די יידישע קאָ־לאָניעס, וועלכע אחד־העם האָט אַראָפּגעריסן אָן רחמנות.
פאָטאָגראַפיעס פון די קאָלאָניעס שיקט ער דורך איילענ־בורג צום דייטשן קיסר.
פון הר הזיתים שרייבט הערצל:
„היינט זענען מיר געווען אויפן הר־הזיתים. אַ גרויסער אָנבליק.
וואָס קען מען נישט אַלץ מאַכן פון דער לאַנדשאַפט?
אַ שטאָט ווי רוים. דער הר־הזיתים עפנט אַ פּערספּעקטיוו ווי דער גואניקאָלאָ.

די אַלטע שטאָט מיטן שארית פון אַנטיקע צייטן, וואָלט איך איינגעקאַפּסלט, די טאָג־טראַפיק אַרויסגענומען. נאָר בתי־מדרשים און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס זאָלן בלייבן אינע־ווייניק. אויפן באַרגיקן קרייז, וועלכע וועט באַגרינען אונדזער אַר־בעט, וועט ליגן אַ פּרעכטיק ניי־ירושלים. דער וועג צום הר הצו־פים וועט פירן דורך דער העכסטער עלעגאַנץ פון אַלע וועלט־טיילן.

דורך זאָרגעוודיקייט קען מען מאַכן פון ירושלים אַ פּערל. אַלץ וואָס איז הייליק זאָל מען אַריינשליסן אין דער אַלטער מויער. אַרום איר זאָל זיך אויסברייטערן אַלץ וואָס איז ניי.

מיר זענען אַרויפגעשטיגן אויפן אַלטן טורעם: אַן אומפאַר־גלייכלעכע אויסזיכט אויפן עמק־הירדן מיט זיין אַנשפּאַר אויף די הויכן פון די בערגלעך, אויפן ים המלח, אויף די בערג פון מואב, אויף דער אייביקער שטאָט ירושלים.

מען מוז האָבן צייט און אַ פרייען קאָפּ כדי צו פאַראַרבעטן אַלע איינדרוקן״.

איז דאָס דיפּלאָמאַטיע? איז דאָס נביאות? אָדער גאָר משיחיזם?

ווי באַוואונדערט ער די קליינע פרישע קאָלאָניע מוצא.
ווען ער הערט איר געשיכטע רופט ער אויס:

„ווען האָט מען מיט מער הערואיזם אָקופּירט אַ באָדן״?

אין זיינע שפּעטערע ווענדונגען צו מלכים און פירשטן שטיצט ער זיך אויף די יידישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל בשעת ער האָלט פאַר באַנקראָט די יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, ווייל עס האָט נישט די קדושה פון ארץ ישראל.

אין אַ שפּעטערער אַרבעט וועגן ציוניזם באַגייסטערט זיך הרצל מיט זיין באַזוך אין ארץ ישראל און מיט ירושלים.

ער שרייבט:

„צום ערשטן מאָל האָבן מיר געזען מיט אייגענע אויגן ארץ ישראל און ירושלים. מיר זענען געווען שטאַרק עמאָציאָנירט בשעת מיר האָבן דערזען פון אונדזער שיף די בלאַסע ברעגעס פון לאַנד, באַשיינט פון דער לבנה.

דאָס געהערט צו די מאָמענטן פון העכסטער פּאָעזיע, וועלכע מען פילט נישט אָפט אָפילו ביי אַ פולן לעבן.

מיר האָבן געהאַט נאָך אַנדערע עמאָציאָנירטע און אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע מאָמענטן — למשל, בשעת מיר זענען אָנגעקומען ביי אַ לבנה־נאַכט אין דער הייליקער שטאָט ירושלים. די קאָנטורן פון די אַלטע מויערן האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין זילבערנע סילועטן. מיטאַמאָל האָבן מיר באַנומען אַז מחוץ מיסטישער בענקעניש האָט אין די אַלטע תפילות פון די יידן אויך געציטערט דער ערדישער פאַרלאַנג צוריקצוקומען אַהיים, קיין ירושלים.

דאָס איז געווען אַ פּרעכטיקע שטאָט וועלכע איז געלעגן ש ט אָ ל ץ און אין שיינקייט אויף בערג און בשעת מיר זענען אייניקע טעג שפּעטער געשטאַנען אויפן הר־הצופים, האָבן מיר געזען אַ בילד פון ירושלים ווי מען זעט רוים פון גיאַניקאָלאָ. דעמאָלט האָבן מיר זיך געזאָגט, אַז:

ירושלים וועט ווידער ווערן שיין און פּרעכטיק אין די צייטן וועלכע מיר גרייטן צו".

און אחד־העם זאָגט אַז הרצל איז געווען נאָר אַ דיפּלאָמאַט.

און וואָס אונדזער ווייצמאַן שרייבט וועגן הרצלען — לייענט אין זיינע זכרונות...

אָבער לייענען מוז מען אויך אַלע הרצל־תפילות, וואו דער נביא חלומט און כישופט דעם ירושלים פון נאָענטן עתיד.

און עס איז נויטיק נאָר אַ קאַפּיטשקע וויזיע, כדי צו דערקענען די גרויסע משיחישע הרצל־געשעעניש.

יד

יעדער געזונטער זאַמען אין דער אָנזאָג פון אַ גאַנצער גע־רעטעניש, יעדער עמבריאָן פון אַ גאַנצן מענטשן, וועלכער צווייגט זיך אַריין אין דורות און יעדער אידייאישער לעבנס־סימבאָל טראָגט אין זיך קומענדיקע יצירה.

כדי דאָס צו דערקענען מוז מען זיך אינטעסיפיצירן, זיך באַ־פרייען פון דער מגושמדיקייט וואָס ווערט אין אונדז איינפיל־טרירט דורך אויסערלעכע חושים און מען מוז שעפּן חיות און זעונג פון די פאַרבאָרגנסטע נשמה־סענטימענטן, וועלכע דערלאַנ־גען דורך עמאָציאָנעלער געשפּאַנטקייט אָדער (אויף דער נביאי־שער שפּראַך) דורך רוח הקודש אין די העכסטע רעגיאָנען פון אַ קומענדיקער וועלט.

די וויסנשאַפט אינטענסיפיצירט און איזאָלירט געדאַנקען און טאַטן דורך זייער באַפרייאונג פון אַן אַרומיקן באַלאַסט, פון אַרו־מיקע מחיצות און קליפות, כדי צו אַנאַליזירן, אויסצופאָרשן און אויפצונעמען דעם אָביעקט אין זיין אייגענעם און אייגנטלעכן מהות, וועלכער שפּראָצט פון אינעווייניק און האָט זיין יניקה אין זיך.

אַזוי אינטענסיפיצירן זיך אויך און איזאָלירן זיך לעבעדיקע מענטשן. זיי באַפרייען זיך פון ערדישקייט און דיבוקים און ציען זיך צוריק אין אייגענעם גייסט וואָס איז דער טרייבנדיקער סטי־

מול פון אייביקער שאַפונג, פון דער וועלט־שאַפונג און פון וועלט־שעפער, פון בורא עולם.

דאָס איז דער פשט פון „התפשטות הגשמיות" וועלכער אי־דענטיפיצירט דעם חסידישן רבין מיט דער נאַקעטער טבע און מיטן מוסר פון דער טבע, און דעם מתנגדישן גאון מיט לימוד פון ש"ס און פוסקים פון וואַנען עס דרינגט אַרויס ספעציפישע צדקות און פעסטע אמונה.

בשעת רבי יהודה הלוי האָט זיך מכין געווען פאָרן וועג קיין ירושלים האָט צו איו דער מלך פון די כוזרים אַזוי געזאָגט:

„וואָס זוכסטו היינט אין ירושלים און אין לאַנד כנען? די שכינה פעלט דאָרט. די נאָענטקייט צו גאָט איז דערגרייכבאַר אומעטום מיט אַ ריינער האַרץ און מיט אַ שטאַרקן געלוסט. טאָ צו וואָס זאָלסטו זיך אַריינברענגען אין די סכנות פון מדבריות און ימים און אומבאַקאַנטע אומות?"

אויף דעם האָט רבי יהודה הלוי געענטפערט:

„אין ירושלים איז היינט ניט פאַראַן די שכינה וואָס מען זעט מיט מגושמדיקע אויגן. זי אַנטפּלעקט זיך נאָר פאַר דעם נביא און דעם צוגעגרייטן המון אין אַ באַשטימטן אָרט. אויף דעם וואָרטן מיר ווי עס שטייט געשריבן: „אויג מיט אויג וועלן מיר זען ווי גאָט וועט צוריקקומען אין ציון" און ווי מיר זאָגן אין אונדזערע תפילות: „און אונדזערע אויגן וועלן זען ווי די שכינה קומט צו־ריק קיין ציון".

„אָבער די שכינה, די גייסטיקע, וועלכע מען זעט נישט מיט פליישיקע אויגן איז מיט גאַנץ ישראל און מיט אַלע, וועלכע האָבן דעם אמתן דת, געלייטערטע מעשים, אַ ריין האַרץ און אַ נשמה וועלכע איז איבערגעגעבן צו דעם גאָט פון ישראל".

„דאָס לאַנד כנען איז געאייגנציקט פאַר גאָט פון ישראל, נאָר דאָרט זענען די מעשים גאַנץ און די מצוות אַ חוב. די האַרץ און די נשמה זענען נאָר ריין און געלייטערט דאָרט, וואו דער אָרט איז געאייגנציקט פאַר גאָט. ווען דער גאַנצער גלוסט צו גאָט ווערט וואַך און דער נפש ריין און ער קומט פון אַ ווייטן אָרט און ער בעט פון גאָט מחילה איז ער זיך סומך אויף דעם וואָס אונדזערע

רביים האָבן געזאָגט אַז דער גלות איז מכפּר אויף עבירות און אוודאי שוין ווען דער גלות איז אין אַ הייליקן אָרט".

„איך לעכץ נאָך דער באַפרייאונג פון קנעכטשאַפט און איך דערלאַנג נישט די פרייהייט אַפילו אַז איך בין זיך משתדל מיין גאַנץ לעבן; און ווען איך זאָל דערגרייכן די פרייהייט וועט עס מיר דאָ אין גלות נישט העלפן, ווייל איך וועל באַלד אַריינפאַלן אין אַן אַנדער קנעכטשאַפט, אין דער קנעכטשאַפט פון מענטשן און פון זייערע באַגערן. דאַרט אָבער, וועל איך מיט אַ ביסל טרחה זיך אָנשפּאַרן אויף גאָטס רצון און ער וועט מיר העלפן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

און דאָס איז די אמתע פרייהייט".

און אויף דער פאַרוואונדערונג פון כוזרי ווי ער קען דאָס דערגרייכן, זאָגט יהודה הלוי:

„דורך דער וואַכזאַמקייט פון די מענטשן און דורך דער איבערגעגעבנקייט צו דער ליבע פון דעם הייליקן אָרט קען דער מענטש דערלאַנגען צו אַ גרויסן שכר און קאָמפּענסאַציע אַזוי ווי עס שטייט געשריבן:

„דו וועסט זיך דערהויבן און דו וועסט דערבאַרעמען ציון, ווען עס קומט די צייט איר צו באַגנאַדיקן. דיינע קנעכט האָבן געגאַרט נאָך אירע שטיינער און האָבן געלעכצט נאָך איר שטויב, דאָס הייסט, זאָגט רבי יהודה הלוי: „ירושלים וועט אויפגעבויט ווערן, ווען די קינדער פון ישראל וועלן דאָס באַגערן מיט דער שטאַרקסטער עמאָציע פון באַגער און זיי וועלן גאַרן איבערבעטן אירע שטיינער און איר ערד".

אַזוי ווי בכלל אין דער יידישער געשיכטע איז אויך ביי רבי יהודה הלוי ירושלים דער סימבאָל פון גאַנץ ארץ ישראל. די קדו־שה פון ירושלים איז אַריינגעגאָסן אין ארץ ישראל און אין ישראל און דאָס איז לעבנס־זאַפט און קיום.

אַזאַ באַגער איז אין אַ שפּעטערער צייט מיט אַמאָל אַרי־בערגעקומען, לויט די עדות פון זיינע מקורבים אויף רבי נחמן בראַסלאַווער, בשעת ער איז געווען אין סטאַמבול, אויפן וועג קיין ירושלים.

פלוצלונג, דערציילן זיינע חסידים, איז ער נתעורר געוואָרן און האָט זיך אָנגעפילט מיט התלהבות און האָט אין עקסטאַז געזאָגט צו די מענטשן פון סטאַמבול:

„איר זאָלט וויסן זיין, אַז מען האָט מיר מודיע געווען, אַז איך מוז באַלד פאָרן קיין ירושלים. ווער עס האָט דעם באַגער זאָל מיטפאָרן. איר זאָלט נישט מורא האָבן פאַר דעם פראַנצויז, און זאָלט זיך גאָרנישט זאָרגן פאַר די יידן וואָס פאָרן קיין ארץ ישראל, וואָרום עס וועט זיי אוודאי מיט גאָטס הילף קיין שום בייז נישט טרעפן".

דאָס איז דער כוח פון נשמה־זעונגען, וועלכע עפענען די טויערן פון די קומענדיקע וועלטן וואָס די אויגן פון פלייש זעען נישט און די חושים פאַר מאַטעריעלערווירקלעכקייט קענען נישט אויפכאַפּן און אפילו דער גאונישער אַנאַליטישער שכל קען נישט משיג זיין.

הרצל איז אין פלוג געקומען פון אַ פרעמדער וועלט, אָבער ווי אַ פולער גלגול פון דעם גאַנצן יידישן לעבן מיט אַ טויזנט־יעריקן עבר און מיט אַ קלאָרער זעונג פון אַ פולן עתיד זעונג.

אויף זיין „אַלט־ניי־לאַנד", אויף זיין כלומרשטער אוטאָפּיע וועגן אַ נייעם און באַנייטן מלכות ישראל, האָט מען געפרעגט שווערע, האַרבע קשיות, וואָס זענען אַרויסגעדרונגען פון אַ סביבה וואָס האָט געזען די וועלט און דאָס יידיש לעבן מיט חושים און שכל.

שווערע קשיות אויף וועלכע עס זענען כמעט ניט געווען קיין תירוצים.

דער בית המדרש פון אחד העם, די תלמידי־חכמים פון דעם דור האָבן געהאַלטן אין אויפציילן אַלע חטאים און סתירות פון דעם גאונישן מחבר און האָבן זיך נישט באַרואיקט ביז מען האָט נישט כאַראַקטעריזירט דעם נביאישן ווערק ווי אַ פאַנטאַזיע פון אַ מערבדיקן פעליעטאַניסט.

אחד העם קומט איראָניש צום אויספיר:

„מען זאָל אויף „אַלט־ניי־לאַנד" נישט פרעגן קיין קשיות.

זי איז פול מיט נסים״, און אויף נסים פרעגט מען נישט קיין קשיות.

ווי רעאַל און ברענענדיק שאַרף זענען די פּראָבלעמען וואָס הערצל שטעלט נביאיש אַוועק אין „אַלט־ניי־לאַנד״.

היינט איז דאָס פּאָליטיק, דיפּלאָמאַטיע, פאַר חושים און שכל.

דעמאָלט, ווען הרצל האָט עס אויסגעוויייטיקט מיט דער שיינקייט און טיפקייט פון זיין נשמה־צער, איז דאָס געווען נביאישע זעונג, משיחישע וויזיע.

נישט אין די פּרטים וועלכע זענען אָפט נאָר אַ ביי־זאַך, אַ קאָנטריבוציע צו דער טאָגיקער ערדישקייט אָדער דער מאַטעריע־לערווירקלעכקייט, נאָר אין דער גאַנצער אַרכיטעקטאָניק, אין דער קאַלקולאַציע מיט פּראָבלעמען פון היינטיקן לעבן אין אַ צייט ווען עס זענען נאָך נישט געווען קיין שום סימנים פאַר דער מעגלעכ־קייט אַז וויזיע זאָל ווערן ניכטערנע און נאָר ברוטאַלע ממשות.

אפילו ווייצמאַן און זיינע חסידים — און דער שרייבער פון די שורות איז אַ חסיד פון ווייצמאַנס שיטה אין זיין דור און זיינע פאָדערונגען פון דעם דור — וועלן נישט אָפּלייקענען, אַז אין מדינת ישראל פון היינט שפּיגלט זיך אָפּ רעאַל די הרצל־או־טאָפּיע פון נעכטן.

שוין דער פּראָבלעם „ירושלים״ איז פאַר דעם אַ באַשיינ־פּערלעכער אויסדרוק.

דער ברייטער אינטערנאַציאָנאַלער טראַפּ וואָס הערצל לייגט אַרויף אויף דער קדושה פון אַלט־ירושלים האָט אַרויסגערופן דעם שאַרפן כעס פון אחד העם.

„סבלנות ביז צום טיפסטן פּאַרדרוס״, דריקט ער זיך אויס, און אָפט ברויכט ער נאָך אַ ברוטאַלערע און שאַרפערע פּראָטעסט־פאָרם.

די חכמים פון די אומות־עולם אָבער בפרט די „חכמי האוני״ קענען דערפון אָפּלערנען ווי די פּראַקטישע איניציאַטאָרן און גרוי־סע פירער פון דער יידישער מלוכה־באַוועגונג האָבן באַהאַנדלט דעם פּראָבלעם פון ירושלים נאָך איידער די קריסטלעכע און מו־

סולמענישע וועלט האָט געהאַט די קלענסטע פאָרשטעלונג וועגן דעם אַז זיי וועלן אַמאָל זיין אַוועקגעשטעלט פאַר דער שווערער פּראָבלעמאַטיק פון אַ יידישער מלוכה און אירע קאָנסעקווענצן.

מיר האָבן נישט געוואַרט ביז די גויים וועלן פון אונדז פאָדערן גאַראַנטיעס אַז מיר וועלן זיך רעכענען מיט רעליגיעזע פּרעטענזיעס פון אַ וועלט וואָס איז נישט אונדזערע.

דער גרעסטער אַפּאָסטאָל פון אונדזער צוקונפטיקן מלוכה־לעבן האָט פון זיך אַרויס דיכטעריש דראַמאַטיזירט אַ יידיש לעבן, וואָס עלימינירט יעדן חשד און יעדע מורא אויף דעם שליאַך.

אַלט־ירושלים וועט נישט זיין קיין חורבה. מיר יידן וועלן איר אויפבויען אין פּראַכט און שיינקייט.

„אַמאָל איז געווען ירושלים טויט. היינט איז זי אויפגעשטאַנען תחית המתים", שטימט אָן הרצל זיין שירה אין „אַלט־ניי־לאַנד".

ווי ער זאָגט אַליין פון זיך איז זיין אויטאָביאָגראַפיע, איז ער אינגאַנצן אַבסטראַאירט פון גשמיות, בשעת ער לייגט אַוועק די קאָנטורן פון צוקונפטיקן יידישן מלוכה־לעבן. ער לעבט אין פולער גייסטיקער געשפּאַנטקייט. דער אַרום עקזיסטירט נישט פאַר אים. ירושלים איז אַ וועלט־שטאָט. די אַלטע שטאָט ליגט אין פּראַכט, מען זעט די הייליקע קברים. גאַנץ איז דער מעטשעט און אויך אַנדערע קירכן־קופּאָלן און דעכער פון אַמאָל.

צוגעקומען איז גאָר איין גרויסער סימבאָל: „יענער שימערירנדיקער, אויסגעשפּרייטער פּראַכט־בנין:

„דאָס איז דער היכל פון שלום".

די אַלטע שטאָט רוט אין אבסאָלוטער רואיקייט. זי איז אַרומגערינגלט פון אַ ניי שטאָט, מיט בולוואַרס, שטאָט־גערטנער, קולטור אינסטיטוציעס, געשעפט־בנינים, עלעקטרישע אינסטאַלאַציעס און מאָדערנע קאַנאַלן:

„אַן אמתע וועלט־שטאָט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט".

מיטן פולן ברען פון יידישן פּאַטאָס, רופט אויס דער העלד פון דער „אוטאָפּיע": „די געוואַלטיקע, פאַרגאָלדעטע זיילן וואָס מען זעט דורכן בוימער־וואַלד, איז דער

בית ־ המקדש".

כדי זיך נישט אריינצופלעכטן אין אינטערנאַציאָנאַלע קאָמ־פליקאַציעס, קאָנפליקטן און השדים וואָס קענען פירן צו אַ פאַ־נאַטיזם פון קנאים, האָט מען דעם בית המקדש אָוועקגעשטעלט אין דער ניי־שטאָט.

אפשר נישט על פי דין. אַ פוסק, ווי אחד העם איז דערמיט נישט מסכים. דער הר המוריה, טענהט ער, איז נאַציאָנאַל און ריין יידיש.

האָט דאָך אוסישקין אָבער דערציילט אַז אויך דער האַר פון ניכטערן שכל, — אחד העם, האָט פון שלמה המלכס תפילה ביים חנוכת ההיכל געדרונגען, אַז דאָ מוז לעתיד לבוא זיין אַ „בית תפי־לה לכל העמים", אַ היים פאַר תפילות פון אַלע אומות.

בכן נישט נאַציאָנאַל און נישט ריין יידיש.

הרצל האָט אוודאי נישט געוואוסט וועגן היסטאָרישן עפי־זאָד וואָס אוסישקין האָט אַזוי עלעגיש דערציילט וועגן אחד העם. ווי מיר ווען אָבער נאָך זען, האָט ער פון זיך אַרויס ביים דער־מאָנען דעם בית המקדש, געלייענט די זעלביקע גאָטספאָרכטיקע פסוקים פון שלמה המלך ווי אחד העם.

נאָר אחד העם האָט נישט געהאַט די שכינה פון זעאונג פאַר דער פאַרווירקלעכונג, וועלכע האָט זיך אַפגעוויקלט אין באַדינגונ־גען פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן לעבן וואָס פאָדערט האַרמאָניזי־רונג און קרבנות, בשעת הרצל האָט עס יאָ געהאַט.

„אַלט־ניי־לאַנד" איז קיינמאָל ניט געווען אַן אוטאָפיע, ווי די פון טאָמאַס מאָרוס, הערצקע, און אפילו נישט ווי די פון אונדזער לעווינסקי.

דאָס איז אַ פאָסטולאַט פון אַ נביאיש ־ נאַציאָנאַלן לעבן, וועלכע דער גרויסער משורר האָט געזען פאַרטיק אין גייסט און וואָס האָט געמוזט גיך געגנוג ווערן פאַרטיק אין דער מאַטעריע אויב דאָס פאָלק ישראל זאָל האָבן קיום.

אַלט ירושלים בלייבט אין רשות פון יידישקייט וועלכע גאַראַנטירט קדושה פאַר דער מענטשהייט.

„אַמאָל האָבן די מידע, פאַרמאַטערטע פילגערער געמוזט

דורכבראָדזשען בלאָטעס און דורכקריכן דורך שטיינער און שטויב כדי צו קומען אין דער אַטמאָספער פון זייער קדושה".

„היינט זענען די גאַסן און סטעזשקעס געפלאַסטערט מיט נייע שטיינער, גלאַט און זויבער ווי אין אַ סאַלאָן. פריוואַטע הייזער זענען היינט דאָ מער נישטאָ, נאָר דירות פאַר פרומע פילגערער פון דער גאַרער וועלט: יידן, קריסטן און מאַכמעדאַנער האָבן דאָ זייערע קראַנקן־הייזער און אַזילן און הויף און שטאָלץ דערהויבט זיך דאָ די

„היים פאַר וועלט שלום"...

אונטער יידישער השגחה איז אַלט ירושלים אַ אינטערנאַציאָנאַלע היים פאַר מענטשלעכן צער און מענטשלעכע יסורים:

„ווען למשל עס קומט איבער דער וועלט אַ קאַטאַסטראָפע, שריפות, אַ מבול, אַ הונגער אָדער אַן עפּידעמיע, טעלעגראַפירט מען אַהער. דאָ זענען שטענדיק פאַראַן הילף־רעזערוואַציעס און געלט־פאָנדן און אַ אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע דאגהט פאַר אַ גערעכטער און גיכער אינטערווענץ"...

דאָס איז אַלט־ירושלים אין דער זעונג פון דעם יידישן פּאָליטיקער, און אַן „אונ"־קאָמיסיע האָט אַ סיבה דורכשטודירן דעם פּראָגראַם און אים פּרוואָוון דורכצופירן...

„ניי־ירושלים" איז ריין נאַציאָנאַל, ריין יידיש, אַזוי גוט ווי ריין מענטשלעך, אין אַ גייסטיקער רחבות, און אָטעמט נשמהדיקן נחת.

„עס איז ערב־שבת. מען גייט צום היכל דורך די גראַנדיעזע גאַסן, וועלכע האָבן בייטאָג גערוישט און געאָטעמט מיט באַוועגונג און לעבן.

מיט אַמאָל טרעט אַריין אַ פֿאַמעלעכדיקייט אין דער באַוועגונג. אַלץ שטיל און שטילער ווערט דאָס לעבן. ווייניקער ווערן די וואָכעדיקע נאָרמאַלע פאַרקערס מיטלען. עס שליסן זיך די קראָמען. שבת מלכתא נויגט זיך פייערלעך איבער דער שטאָט וואָס האָט אַקאָרשט אַזוי געליאַרעמט. דער המון פון ירושלים שטראָמט אין די בתי מדרשים.

אַ חוץ דעם היכל געפינען זיך אין דער נייער שטאָט נאָך

צענדליקער בתי מדרשים, היימען פון דעם בורא עולם, וועלכער האָט טויזנטער יאָרן דורכגעטראָגן און אויפגעהאַלטן ישראל אין דער וועלט.

געזאַנג און שפּיל פילן אָן די גאַסן „לכה דודי לקראת כלה" הילכט מעלאָדיש דורך די שטאָט.

מיט אַ פייערלעכער כוונה גייט מען דורכן גאַס. מען גריסט זיך פריינטלעך. עס איז דער:

„ש ב ת פ ו ן ה אָ ר צ ן".

צי ווערט מען דאָ נישט דערמאָנט אין דעם „הכשרת הלב־בות" — (צוגרייטונג פון האַרץ) — פון אחד העם?

אָבער אחד העם און זיינע תלמידים זאָגן אַז „אַלט־ניי־לאַנד" איז נישט יידיש ווייל דאָרט איז צו פיל טאָלעראַנץ, און ווייל דער היכל איז נישט אויפן „הר המוריה" און ווייל עס איז בפירוש נישט געזאָגט אַז מען רעדט עברית, און ווייל... און ווייל...

צי האָט די קדושה פון „הר המוריה" אָדער דער „הר המוריה" אַליין זיך נישט אויסגעשפּרייט איבער זיינע פעלדזיקע ברעגעס ווען הרצל שילדערט:

„מיר האָבן דעם בית המקדש אויפגעבויט פונדאַסניי ווייל די צייטן האָבן זיך פאַרפּולט. ווי אַמאָל איז ער געבויט פון ריזיקע קוואַדראַט־שטיינער, וועלכע מיר האָבן אַרויסגעקאָוועט פון די נאָ־ענטע שטיין־מינען און האָבן זיי אין דער לופט געהאַרטעוועט ביז צו דער העכסטער מדרגה. די ריזיקע זיילן פאַר דעם היכל זענען געגאָסן פון ערץ, ווי אַמאָל. איין זייל האָט געהייסן בועז און דער אַנדערער יכין".

„ביים אַריינגאַנג שטייט אַ געוואַלטיקער מזבח פון בעטאָן און אויך דער ווייסער, גרויסער וואַסער־בעקן איז אויף זיין אָרט ווי אין די אַלטע צייטן פון מלכות שלמה".

אין עקסטאַז לייענט הרצל די ווערטער פון שלמה המלך:

„דער רבונו של עולם האָט אַנגעזאָגט זיין רו אין די וואָל־קנס. געבויט האָב איך דיר אַ פעסטן וואוין־זיץ, דיר אַ גאָט! אַ היים וואו דו וועסט רוען אין דיין אייביקייט".

אין פשוטע ווערטער פון קלאָרע פסוקים כישופט אַרויס

הרצל אַ רעאַליטעט באַחנט מיט מעלאָדישער יידישקייט, וועלכע דערמאָנט דעם „שלום עליכם״ מיט וועלכן די נשמה יתירה פון אונדזערע זיידעס און טאַטעס האָט מקבל פנים געווען די „מלאכי השרת״ פרייטיק צו־נאַכט פאַר קידוש.

די מוזיק פון אַלע פעלקער, געטובלט אין דער ספערע פון יידישער נגינה הילכט אַרויס אין די ווייטע וועלטן ביי קבלת שבת.

אפילו די פון שומאַן, רובינשטיין און וואַגנער, ווערדי, הלוי און גונאָד שטראָמט ריטמיש אין ניגונים פאַרן געקליבענעם עולם וואָס פאַרווירקלעכט שטיל און הייליג דעם לעבן אין זיינע איידל־סטע פאַרמען:

אין שיינקייט און חכמה.

„אַלץ איז אייביק, אפילו מיינע חלומות, ווייל אַנדערע וועלן זיי חלומען אַז איך וועל מער נישט זיין״.

„שיינקייט און חכמה גייען קיינמאָל נישט פאַרלוירן, אפילו ווען עס זענען אַוועק פון דער וועלט די, וואָס האָבן עס אַרויס־געבראַכט״.

„אין יעדער תקופה ווערט פונדאָסניי געבוירן די קונסט פון די אַלטע גריכן און

„אייביק איז די תורה פון אונדזערע חכמים״.

זיי לייכטן אַריין אין אייביקע וועלטן, הגם מען מערקט זיי וויי־ניקער אין די טעג פון גליק ווי אין די נעכט פון אומגליק״.

„זיי זענען געגליכן צו פייער־פלאַמען״.

אַזוי הייליגט אין דער יידישער מדינה: ירושלים דעם שבת, און אַזוי הייליגט דער שבת ירושלים.

„דער יידישער אידעאַל, אָבער, איז מיט מדינת ישראל און ירושלים נאָך נישט דערגרייכט״.

„אונדזער ציוניזם וואָס האָט אונדז געבראַכט אַהער מוז אונדז אַרויפברענגען נאָך העכער,

צו ספערן פון אַ ריינעם לעבנס־שטייגער, פון אַ לויטערן מוסר.

דער ציוניזם — זאָגט הרצל — איז אַ אידעאַל אָן אַ סוף, אָן אַ סוף״.

ירושלים פון אַלט־ניי־לאַנד איז נישט נאָר די ערשטע שטאָט און נישט נאָר די הויפּט־שטאָט, זי איז שפּרודלדיקער מקור און יידיש שטייגער און יידיש מוסר פון דער גאַנצער מדינה.

די אינטערנאַציאָנאַלע קדושה פון דער אַלטער שטאָט איז אַ הויכער פּאָסטולאַט פון נאַציאָנאַלער יידישקייט און אַן אָנשפּאַר פאַרן פּרעכטיקן בוי פון ניי־ירושלים.

דער ערשטער יידישער פּרעזידענט שטאַרבט אין ניי־ירוש־לים מיט די ווערטער:

„דו זאָלסט היטן און ליבן דעם גר".

עס זענען געווען גרעסערע חכמים, לומדים און פילאָזאָפן ביי יידן ווי הרצל. אַ סך קשיות האָבן זיי געפרעגט אויף דער אגדה פון „אַלט־ניי־לאַנד".

ווי קליין איז אָבער היינט די קריטיק פון פּרטים, בשעת מען האָט פאַר זיך די לעבעדיקע יצירה מיט אַלע אַספּעקטן און פּערספּעקטיוון וואָס הרצל האָט אויסגעכישופט און אויסגעחלומט ווי איין וואונדערבאַרן לעבנס־בילד, אין וועלכן ירושלים ווי חלו־צים, מעפּילים, וואַלפסאָן און וויצמאַן האָבן אַריינגעגאָסן ערדי־שע, קאָנקרעטע מאַטעריעלע יסודות, אויסגעבריט געזימסן און סטעליעס.

דערפער און שטעט.

אַזוי ווי די גאַנצע יידישע געשיכטע, אַזוי ווי ירושלים, האָט אויך דער געשיכטס־פּראָצעס הרצל אין זיך געטראָגן די וויזיע פון יידישן עתיד אין זיינע שטאַרקסטע קאָלירן און פאָרמען.

ער האָט נישט נאָר געזען „אַלט־ניי־לאַנד" נאָר אויך זיין פאָלק און זיין גורל.

די גבורה פון הרצל, ווי בכלל פון משיחיזם ליגט אין דער סגולה זיך אויסצוטון פון אַ פרעמדן, ערדישן אַרום און זיך פול און גאַנץ צוגויפגיסן מיטן אָביעקט פאַר וועלכן ער לעבט, מיטן אומבאַגרעניצטן צער און אומבאַגרעניצטער ליבע.

ביז צום אַבסאָלוטן מסירת נפש.

דאָס ברענגט אַ זעונג אין דער ווייטער צוקונפט און ברענגט

אַרויס פּאָסטולאַטן פאַר אַרבעט און מעטאָדן וואָס דער פּשוטער בשר־ודם פאַרשטייט נישט און זעט נישט.

הרצל מאָנט און פאָדערט, אַז יידן זאָלן שוין היינט פאַרלאָזן איירָאָפּע, ווייל דאָרט וואַרט אויף זיי אַ תהום, אַן אונטערגאַנג, אַן אינדיווידועלער און נאַציאָנאַלער אומקום.

ער זעט מדינת ישראל און — ירושלים, ווי די קדושה און די נשמה פון מדינת ישראל, אָבער דערווייל דערהויבן זיך דאָ וואָלקנס ווי אייזערנע ווענט. ער זעט ווי אויף ישראל דערהויבט זיך אַ סכנה הושכדיק און שרעקלעך אין די שוואַרצסטע קאָנטורן פון אַן אומענדלעכן אָפּגרונט.

ווער ווער וועט היינט נישט פאַרשטיין און הייליקן די נביאישע שפּראַך וואָס האָט פּאָסטולירט רעטונג פון אַ קומענדיקן היטלער־גיהנום.

זאָל כאָטש זיין דערווייל אין אַ נאַכט־אַזיל ווי אוגאַנדא.

י צ י א ת א י י ר אָ פּ ע.

און פון דאָרט ווייטער קיין ציון.

„די קליינטשיקע” פּאָגראָמען, ווי קישינעוו און האָמעל האָבן פאַר הרצל געהאַט דעם אָנזאָג פון דער טייוולאָנישער היטלער־חיה.

עס איז אפשר די גרויסקייט פון יידיש היסטאָרישער איינגעשפּאַרטקייט, וואָס מען איז געבליבן ביי ז'ער קדושה פון ירושלים ביי אַלע סכנות און קאַטאַסטראָפעס.

פונדאָסניי האָט הרצל דערזען ווי קידוש־השם גיסט צונויף די יידישע רעכטע האַנט מיט ירושלים.

„אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני” — האָט זיך פון הרצל אַרויסגעריסן ווי ער וואָלט איצט אַליין דעם פּסוק געשאַפן און פּראָקלאַמירט.

און ביי זיין אָפענעם קבר האָט וואָלפסאָן איבערגעחזרט:

„אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני”!

טו

אויפן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס, דעם לעצטן הרצל־קאָנ־גרעס, האָבן די היסטאָרישע „ניין־זאָגערס" געזען אין דעם או־גאַנדאַ־פּראָיעקט אַ טיפע באַליידיקונג פאַר דער אייביקער ירוש־לים ־ וויזיע.

אפשר האָבן זיי רעכט געהאַט, אפילו ווען מען זאָל די הע־ראָאישע דעמאָלסדיקע געשעענישן אַנאַליזירן ביי אַן אָריענטאַציע אויף דער לעצטער און גרעסטער נאַציאָנאַלער היטלער־קאַטאַס־טראָפע!

היינט איז דאָס גיכער אַ פראַגע פון טעאָרעטישער געשיכטס־פאָרשונג איידער פון אַ לעבנס־רעאַליטעט.

די עבירה, און גרויסע עבירה, פון דעם דור איז געווען דאָס, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען די העכערע כוונה, די משיחישע אינטואיציע דיקטירט: פון אהבת ישראל, אין דעם גרויסן פירער.

שוין בשעת די שפּעטערדיקע גרעסטע שונאים פון אוגאַנדאַ־פּלאַן האָבן זיך לכתחילה מיט דער בשורה ענטוזיאַזמירט און ד"ר יחיאל טשלענאָוו האָט אין דער ערשטער רגע געמאַכט אַ שהחיינו מיטן פולן שם ומלכות, האָט הרצל אויסגערופן אין זיין קאָנגרעס־רעדע:

„ירושלים איז דאָס נישט און עס וועט ירושלים קיינמאָל נישט ווערן".

וועגן ירושלים־קריזיס, וואָס דער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט האָט אַרויסגערופן, שרייבט אַ ציוניסטישער היסטאָריאָגראַף, אין יאָר 1939, בכן ביי אַ פולער צייטלעכער און געדאַנקלעכער דיסטאַנץ:

„דאָס איז געווען דער ערשטער ענטפער אויף די רדיפות אין רומעניע און אויפן יידישן עלעמענט אין אַדעס. מען האָט ניט באַקומען ציפערן, און די עגיפּטישע רעגירונג האָט נישט דערלאָזט קיין יידישע קאָלאָניזאַציע אין על־אריש, און עס האָבן אויפן יידישן לעבן אַראָפּגעדונערט די מוראדיקע פּאָגראָמען פון קישינעוו, האָמעל און יידיש־אוקראַינע. גאַנצע קהלות גייען אונטער; הונדערטער יידן ליגן געהרגעט; הונדערטער פאַרוואונדעטע און טויזנטער באַגזלט. אַ כוואַליע פון יידישער אימיגראַציע שלאָגט זיך אָן אין די אייזערנע ווענט פון די מערב־מדינות".

„אין דעם מאָמענט זעט הרצל אַ שטיקל רעטונג אינעם אומגליקלעכן אוגאַנדאַ־פּראָיעקט, וועלכער איז פּאַקטיש אַרויסגעוואַקסן ביים גרויסן מנהיג פון אַ טיפן זיטלעכן אחריות־געפיל".

„מען טאָר נישט פאַרגעסן — שרייבט דער דערמאָנטער היסטאָריאָגראַף — אַז דער פּ א ל י ט י ש ע ר הרצל האָט אין אָנהויב אין דעם פּאַלאַץ פון ראָטשילד רעאַגירט אויף אוגאַנדאַ מיט אַן אַבסאָלוטן „ניין".

ער איז געלאָפן מיט זיין נאָענטסטן נשמה־פריינט, דוד וואָלפסאָן, פונדאָסניי קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און האָט דאָרט געפונען פריינטשאַפט פאַר זיין פערזאָן אָבער אַ שטאָלענע וואַנט פאַר זיין פאָלק.

אַלץ שטאַרקער האָט געוויייטיקט זיין האַרץ; אַלץ פינצטערער האָט ער געזען, אַז וואָלקנס קלייבן זיך צו באַדעקן די יידישע צוקונפט.

און ערשט דעמאָלט האָט דער מ אָ ר אַ ל י ש ע ר הרצל געזאָגט:

„יאָ!"

ער האָט אַנדערש נישט געקענט. ווי משה רבינו האָט ער

געטראָגן אַלע צרות, אַלע האַפענונגען און די גאַנצע אחריות פאַר זיין פאָלק.

דאָס האָבן די אוגאַנדאַ־קעגנער קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען: ער האָט אַנדערש נישט געקענט".

ירושלים? ער האָט דאָס קיינמאָל נישט פאַרלייקנט. זאָל דאָס פאָלק אַליין רעדן, און דאָס פאָלק האָט גערעדט, און הרצל האָט פונדאָסניי געשוואוירן די הייליקע ירושלים־שבועה.

ווי הרצל און וואָלפסאָן האָבן דעמאָלט געטראַכט איבער אוגאַנדאַ און ציון, קומט צום אויסדרוק, דראַסטיש און בילדעריש, אין פאָלגנדיקן געשיכטילעכן דיאַלאָג:

הרצל: — וואָס האַלסטו פון אוגאַנדאַ, דאדא? (הרצל האָט גערופן זיין פריינט וואָלפסאָן „דאדא").

וואָלפסאָן: — (מיט אַ לייכטער איראָניע) ווי אַ שטראָף־קאָלאָניע פאַר ניט דיסציפלינירטע חברים, גלענצנד.

הרצלס פנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ לייכטן וואָלקן.

וואָלפסאָן פרעגט: — זאָג מיר, טייערער פריינט, וועסטו אַליין אויסוואַנדערן קיין אוגאַנדאַ?

— „ניין".

דערמיט האָסטו אַרויסגעטראָגן דעם משפט איבערן פּראָיעקט. אונדזער פאָלק קאָן נאָר האָבן אַזאַ היים, וואָס איז אויך אונדזער היים".

דאָס איז אַ פּראָגראַם. און דערמיט איז דער פריערדיקער הענדלער מיט שוועבעלעך און שפּעטערדיקער גרויסער האָלץ סוחר געוואָרן דער לעגיטימער יורש פון גרויסן הרצל, פון גרעסטן יידי־שן מנהיג אין דעם גאַנצן גלות־לעבן.

ווי גרויזאַם קען זיין „געשיכטע", און ווי גרויזאַם קען זיין אַ דור, וועלכער שניידט און געניסט דאָס גערעטעניש פון אַ גרוי־סער הערלאַישער געשיכטס־תקופה!

דוד וואָלפסאָן איז געוואָרן אַ יורש פון הרצל אָבער קיינמאָל נישט קיין הרצל. עס איז זיין טיפסטע פּערזענלעכע טראַגעדיע,

וואָס מען האָט פון אים דערוואַרט, אַז ער זאָל זיין אַ צווייטער הרצל.

אין יאָר 1906 קומט וואָלפסאָן קיין יפו. מען איז אים דאָרט מקבל פנים מיט די העכסטע און גרעסטע כיבודים.

אין אַ בריוו צו זיין פאָטער באַשרייבט דער יונגער אַרבע־טער־פירער בן־גוריון דעם יום טוב און די שטימונג וועלכע וואָלפ־סאָן האָט אַרויסגערופן אין לאַנד, און בן־גריון דערציילט:

„אין דער פאַריקער וואָך איז וואָלפסאָן געווען אין ירושלים. דאָרט האָבן אים באַזוכט דער דייטשער קאָנסול און דער ירושלימער פּאַשאַ. וואָלפסאָן האָט באַזוכט די פאַבריק פון ווילבושעוויטש און די שולן פון בעלקינד.

נעכטן בין איך געווען ביי אים. איך האָב מיט אים גע־שמועסט וועגן דער ציוניסטישער אַרבעט אין לאַנד און איבער די יידישע אַרבעטער. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין געקומען מיט אים רעדן אין נאָמען פון דער פּועלי־ציון־פאַרטיי אין ארץ ישראל. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער ליבט די אַרבעטער און אַז ער וויל זייער אַז אין ארץ ישראל זאָל זיין אַ שטאַרקער יידישער אַרבעטער־קלאַס. אַזוי ווי אַלע גרויסע יידן, איז ער אויך אַ סאָציאַליסט... דריי שעה האָב איך מיט אים גערעדט, און דער שמועס האָט פאַרשטאַרקט דעם רושם וואָס ער האָט אויף מיר גע־מאַכט מיט זיין ערשטן אַרויסטריט אויף אַן אסיפה אין יפו. איך האָב אין אים געפונען אַ פּראַקטישע פּערזענלעכקייט, אַן אויסגע־צייכנטן עסקן, וועלכער פאַרשטייט אַן ענין.

ער האָט דעם קוק פון אַ פּיקח אויף דער לאַגע, און ער ווייסט, וואָס ער האָט פאַר זיך.

אָבער אויף הרצלס אָרט איז ער נישט גענוג גרויס. די אײ־נערלעכע און אויסערלעכע גדלות, דער טיפער בליק, די שיינע פאַנטאַזיע, דער שטאַרקער ווילן און אין עיקר, די אָריגינעלע פּער־זענלעכקייט מיט איר וואונדערבאַרער, מאַגנעטישער סגולה, וועל־כע ציט צו מענטשן מיט אַ סודותדיקן כוח — אַלע די אייגנ־שאַפטן האָבן געמאַכט הרצלען פאַר דעם שעפער און דעם פירער פון אַ מעכטיקער באַוועגונג. דאָס איז נישטאָ.

הרצל איז טויט און ער איז נישט מער דאָ".

וואָלפסאָן גופא ענטפערט אויף אַ קאָנגרעס זיינע קריטיקער:

צי האָט איר באמת דערוואַרט, אַז איך בין אַ הרצל? ווען איר האָט דאָס דערוואַרט, קען איך אייך נישט העלפן. איך האָב געוואוסט ווער איך בין און איך האָב זיך קיינמאָל נישט פאַר־באַהאַלטן.

מ'האָט וואָלפסאָנען נישט נאָר קריטיקירט נאָר אויך באַליי־דיקט און באַפלעקט זיין האַרץ און זיין נשמה.

דעם שווערסטן קאַמף האָט מיט אים געפירט ווייצמאַן. אָבער אויך טשלענאָוו און אוישקין. מסתמא זענען פאַראַן באַזונדערע סיבות דערפאַר, וואָס ווייצמאַן דערמאָנט וואָלפסאָנען אין זיינע מע־מואַרן נאָר דרך־אגב, בשעת אַ זעקס־יעריקע, רייכע ציוניסטישע געשיכטע טראָגט וואָלפסאָנס נאָמען.

אין דער ציוניסטישער וועלט איז דוד וואָלפסאָן כמעט איינ־גאַנצן פאַרגעסן.

אוודאי האָט ער נישט געהאַט די בילדונג און דעם אַקאַדע־מישן גראַד פון זיינע חברים.

דער יונגער ווייצמאַן, טשלענאָוו, אוסישקין, שמריהו לעווין און אַנדערע האָבן געהאַט מער יידישע ערודיציע און אפשר אויך אַ גרעסערן וועלטלעכן גלאַנץ.

וואָלפסאָן האָט אָבער נישט נאָר געהאַט אַ ברייט האַרץ און אַ ריינעם, לויטערן שטאַרקן כאַראַקטער און נאַטירלעכע מעלות פון אַ פירער, נאָר ער איז אויך געווען אַ קלוגער און פיינער קאָפּ מיט אַ סך טאַקט, פּאָליטישן טאַלענט און אַ עכטן נאַטור־אינס־טינקט פאַר קולטור־דערשיינונגען.

ער האָט די פירערשאַפט נישט געזוכט. נאָרדוי און דער הרצל קרייז האָבן עס אים אַרויפגעצוואונגען פשוט מיט צוואַנגען.

ער איז נישט געווען קיין הרצל. אַ הרצל־ליכט האָט אָבער פון אים געלויכטן. הרצל־ליבע האָט ביי אים אַרויסגעבילדעט פונק־ציעס און אופנים וועלכע האָבן אים געפירט אויף אייגענע וועגן און האָבן באַשטימט זיין מיסיע און זיין גורל.

ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין פּשוטער אימיטאַטאָר.

דער שוועבעלעך־הענדלער האָט פאַרהאַנדלט זעלבסטשטענ־דיק מיטן סולטאַן און זיינע מיניסטאָרן, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויפן צאַריש־מעכטיקן סטאָליפין און געפועלט שינויים אין דער פּאָליטיק לגבי יידן מצד דער אונגאַרישער רעגירונג.

אויף דעם ציוניסטישן פראָנט האָט ער גלענצנד רעסיסטירט אַן אָפּאָזיציע־כוואַליע פון פּערזענלעכקייטן ווי ווייצמאַן, טשלע־נאָוו, אוסישקין, האַנטקע, וואַרבורג און זיינע חברים.

די דייטשע פּראָווינץ־שטאָט קעלן איז דורך זיין פירערשאַפט געוואָרן די הויפּטשטאָט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דער סובטעלער און סקעפּטישער פרישמאַן האָט אויף אים געזאָגט אַז ער איז דער גרעסטער פּיקח אין דער ציוניסטישער וועלט.

דאָס האָבן אויך אַנערקענט די ראָטשילדס, די מיליאָנערן ווי שיף און די שטרויס־משפּחה.

ארץ ישראל־אינסטיטוציעס ווי די אַנגלאָ־פּאַלעסטיין־געזעל־שאַפט, די קאָלאָניאַל־באַנק און אירע פיליאַלן, אַן אַגראַר־באַנק און קאָלאָניעס האָבן זיך אונטער זיין אָנפירונג אַנטוויקלט און געגעבן רייפע פּירות.

דאָס אָרגאַניזירטע פאָלק, דער זיבעטער קאָנגרעס ליקווידירט אונטער וואָלפסאָנס פירונג דעם אוגאַנדאַ־עפּיזאָד און דעקלאַרירט הרצלס ירושלים־אָריענטאַציע פאַרן יסוד פון דער וואָלפסאָן־תקופה.

אויפן 7־טן קאָנגרעס, וואו ער ווערט געקליבן פאַר פּרעזי־דענט דעקלאַרירט ער זיין פּראָגראַם קורץ און שאַרף:

„מיר זענען אַלע קינדער פון איין פאָלק. מיר ליידן אַלע צוזאַמען און נאָר דורך אייניקייט וועלן מיר, מיט גאָטס הילף, זיגן".

אויף דעם לעצטן קאָנגרעס האָט הרצל געשוואוירן:

„אם אשכחך ירושלים, תשכח ימינו".

„אין דער שווערסטער שעה, ביים אָפענעם קבר פון הרצל האָב איך אין נאָמען פון אַלע ציוניסטן אין דער גאָרער וועלט איבערגעחזרט די שבועה".

„היינט, פאַרן שלוס פון קאָנגרעס,ביים שוועל פון דער נייער תקופה, שווערן מיר פונדאַסניי:

מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן ירושלים, אָבער אויך ניט הרצלען".

דער ביאָגראַף פון וואָלפסאָן באַשרייבט די שטימונג און די געדאַנקען פון וואָלפסאָנס געבורט־שטעטל און פון זיין יוגנט־היים, און פאַר אונדז שטייט באַלד אויף דער קומענדיקער מענטש, דער קומענדיקער ייד און דער קומענדיקער מנהיג.

די באַשרייבונג איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דערציאונגס אופן אין דעם קליינעם ליטווישן שטעטל און זי איז אינטערעסאַנט, באַזונדערס היינט, ווען דאָס ליטווישע שטעטל איז חרוב און ווען די קאַטאַסטראָפע האָט אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל אַ לעבנס־פּרי־מיטיוו, וואָס האָט אַרויסגעגעבן לומדות און וויסנשאַפט, יידישע פירונג און יידיש שטייגער.

דער ווילנער גאון און די לעווענסאָנס, מאַפּו, ליליענבלום און פּראָפעסאָר שאַפּירא, יהודה לייב גאָרדאָן און שלמה מימון, רבי ישראל סאַלאַנטער און דער קעלמער מגיד, גאונות, השכלה און ציוניזם זענען אַרויסגעקומען פון דער צניעותדיקער, קליינשטעטל־דיקער שמאָלער סביבה אין ליטע, און האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין דער אוניווערזאַלער וועלט.

דער עלעגישער גמרא־ניגון און דער אומעט איבערן חורבן מיטן תיקון האָבן באַפרוכפּערט דורות און זענען געוואָרן אַ סטימול פאַר אַ מאָדערנער יידישקייט און האָבן אויפגעהאַלטן אַן אַטמאָס־פער פאַר גאולה־בענקעניש, גאולה־האָפענונג און גאולה־שאַפונג.

וואָלפסאָן האָט געשטאַמט פון אַזאַ שטעטל.

אין דאָרביאַן, ביי דער פּרייסישער גרענעץ, איז ער געבוירן.

זיין טאַטע, אַן אָרימער מלמד, האָט דאָרט געהאַט אַן אייגן הייזקע. אייזיק העסלס הויז איז אין שטעטל געווען אַ שם־דבר. דאָס איז געווען דער פּאָפּולערסטער פּונקט אין שטעטל.

אין אַ נאַכט פון תשעה באב, אין יאָר 1861.

דער קליינער דודל איז אַלט געווען פיר יאָר. דער עולם קומט פון קלויז, שטום, מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, אי'ן אומעט און אבילות.

אויך אייזיק העסל האָט פאַרענדיקט קינות און איכה, און גייט אַהיים.

ביים שטוב שטייט זיין זונדעלע דוד.

ער וואַרט אויפן טאַטן. ער וויל אים ווינטשן אַ גוטע נאַכט.

קוים דערזעט דער טאַטע זיין שוואַרץ־זנוודיקן זונדעלע, מיט די אויסגעצוואָגענע פּיאהלעך, איבערקומט אים אַ טיפע עמאָציע.

ער נעמט דודל אויפן שויס און הויבט אָן פונדאַסניי דעם קינות־ניגון און דעם יללה־קול אויף חורבן ירושלים.

אין אָנהויב שטיל, דאַן מיט אַ כוונה, אין אַ ברענענדיקן ווייטיק.

אין צער אויף גלות־האומה און גלות־השכינה.

מיט אַמאָל דערפילט דער טאַטע, אַז די אויגן פון זיין דודל זענען נאַס. טרערן, קינדישע און דערהויבענע, רינען אַראָפּ.

אַ דערשראָקענער דריקט דער טאַטע דעם טייערן זונדל צו זיין ברוסט אין דער האַלב־פינצטערער נאַכט. ער לייגט זיין באַק אויפן בעקל פון קינד און הויבט אָן די זעלביקע נגינה אָבער שוין נישט אין לשון־קודש, נאָר אויף פּראָסט מאַמע־לשון, כדי דאָס קינד זאָל באַגרייפן און פאַרשטייען:

„אוי, ווי איז געבליבן עלנט די גרויסע באַפעלקערטע שטאָט. ווי איז זי געוואָרן אַן אלמנה, די ערשטע צווישן די פעלקער, די בעסטע אונטער די מלוכות, ווי איז זי אונטערטעניק געוואָרן”.

„ס'איז געקומען די צייט צו וויינען אין דער נאַכט: די טרערן גיסן זיך איבערן פּנים. נישטאָ קיין טרייסט פאַר איר. אַלע אירע פריינט האָבן איר פאַרלאָזט און די ליבהאָבער האָבן איר פאַראַטן און געוואָרן צו פיינט”.

דאָס קינדעלע שטעלט אָן אויגן און אויערן און וויינט נישט מער, נאָר טראַכט עפּעס צעשוואומענע, אומזיכערע געדאַנקען.

קינדישע פאַנטאַזיע.

אָפּט דערציילט וואָלפסאָן וועגן דעם עפּיזאָד זיינע פריינט:

„אומפאַרגעסלעך פאַר אַלע צייטן — זאָגט ער — האָט זיך דעמאָלט איינגעקריצט אין מיין פיר־יעריקן מוח'ל דער פון אַלטע

צייטן אַריבערגעקומענער איכה־ניגון און דער טרויער פון אַ פאָלק אויף ירושלים אין טאָג פון זיין חורבן״.

אין שפּעטערע יאָרן האָט דער שטענדיק ראָמאַנטישער וואָלפ־סאָן דערציילט וועגן זיין פאָטער אייזיק־העסל און ווי ער האָט דעמאָלט געזונגען אויף די שטאָפּלען פון זיין הייזקע:

„אוי, ווי זיצט אַזוי איינזאַם די שטאָט, וואָס איז אַמאָל גע־ווען אַזוי רייך באַפעלקערט, ווי אַן אלמנה איז זי געוואָרן, זי וויינט און וויינט אין דער נאַכט. טרערן באַגיסן אירע באַקן. גיטאָ קיין טרייסט. אַלע זענען געוואָרן פיינט, פיינט...״

צוזאַמען מיט דער מילך פון דער מוטער און דעם אומעט סענטימענט פון דעם פאָטער האָט וואָלפסאָן אַריינגעזאַפּט גאולה־צער און גאולה־האָפענונג.

דראָביאַן ליגט ביי מעמל, וואו דער באַקאַנטער חובב־ציון און ציוניסט ד״ר רילף, איז געווען רב.

וואָלפסאָן ווערט זיין תלמיד. ער לערנט ביי אים דייטש און יידישע לימודים.

שטילערהייט האָט ער זיך שוין דעמאָלט פאַרנומען מיט אַר־בעט פאַר חיבת־ציון.

פריי אָבער הויבט אָן דער עקזיסטענץ־קאַמף צו עגבערן אין זיין מוח, און ער כאַפּט שוין אַריין אַ פאַרדינסטל פון אַ האַנדל מיט שוועבעלעך.

ער בילדעט זיך אַליין ווייטער און שטודירט דאָס לעבן.

וועגן אַ סיסטעמאַטישן לימוד אין די אוניווערזיטעטן, האָט ער נישט געקענט טראַכטן.

בשעת הרצל איז זיך מתגלה, איז וואָלפסאָן שוין אַ גרויסער סוחר אין קעלן און אַ חובב־ציון.

באַלד אין די ערשטע ציון־יאָרן פון הרצל קומט וואָלפסאָן קיין וויען, שטעלט זיך אַוועק פאַר דעם לעגענדאַרן מחבר פון יידנ־שטאַט און דערקלערט אָן טענות און הכמות, אַז ער שטייט איבּ־גאַנצן, אָן רעזערוואַציעס, אין רשות פון דער הייליקער, גרויסער הרצל־מיסיע.

זינט דעמאָלט איז וואָלפסאָן די רעכטע האַנט פון גרויסן

מנהיג, וועלכער פירט אים אריין אין דעם סודות־קרייז פון זיינע כוונות און זיין ארבעט.

די חלומות פון הרצל ווערן די חלומות פון וואָלפסאָן. די האָפענונג פון איינעם איז די האָפענונג פון צווייטן.

אַזוי דער צער, אַזוי די פאַרצווייפלונג.

הרצל איז וואָלפסאָנס וויזיע ביז צום סוף פון זיין לעבן.

און דאָך האָט ער זיינע אייגענע מעטאָדן און זיינע אייגענע געדאַנקען, געטובלט אין טראַדיציע, נאַציאָנאַלער יידישקייט און לעבנספולער פיקחות.

די רוסיש־יידישע אַקאַדעמיקער און די אַלטע פאַרעקשנטע חובבי־ציון ווילן נישט דערטראָגן די פירונג פון וואָלפסאָן. עס באַ־קעמפן אים שאַרף פאַסמאַניק, ווייצמאַן, טשלענאָוו, אוסישקין און אַנדערע.

דאָס יידישע פאָלק אָבער, די מאַסע זעט אין אים דעם יורש פון הרצל געטראָגן פון שם המפורש „ציון און ירושלים".

מיט קעניגלעכער צערעמאָניע איז מען אים מקבל פנים אין דרום־אַפריקע, אין רוסלאַנד, אין אונגאַרן, אויף די קאָנגרעסן, און אומעטום, וואו ער קומט.

אויף קיין איין רגע האָט וואָלפסאָן נישט אַראָפגענידערט די פאָן פון ירושלים ווי אַ סימבאָל פון דער באַוועגונג און ווי אַ פּראַק־טישע אָריענטאַציע.

ער האָט קיינמאָל נישט געזינדיקט נישט מיט אוגאַנדיזם און נישט מיט טעריטאָריאַליזם אויב דאָס זאָל זיין פאַרעכנט פאַר אַ זינד.

מיט דאָקומענטן און לאָגיק האָט ער באַוויזן, אַז אויך הרצל האָט עס נישט געטון, נישט קוקנדיק אויפן אוגאַנדאַ־עפּיזאָד.

די פּראַקטישע אַרבעטן אין ארץ ישראל האָט הרצל איני־ציאירט און סוגערירט. הרצל, זאָגט עדות וואָלפסאָן, האָט אָפּגעהיט די קדושה פון ירושלים אין אַלע זיינע אַרויסטריטן און אין אַלע זיינע ווערק.

נישט אומזיסט צייכנט הרצל אין „אַלט - ניי - לאַנד" ווי די

צענטראַלע פיגור פון פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן אין לאַנד און אין דער הויפּטשטאָט, ירושלים:

דוד ליטוואַק.

דוד ליטוואַק ווערט אין הרצלס „אַלט־ניי־לאַנד“ פּראָקלאַמירט ווי דער קאַנדידאַט אויף דער צווייטער פּרעזידענטנשאַפט פון ירושלים און פון דער מדינה.

דער גרויסער מחבר באַגלייט די קאַנדידאַטור מיט אַ באַשרייבונג פון מידות און מעלות וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר די היינטיקע באַדינגונגען אין מדינת ישראל:

„ער איז איינער פון די נייע מענטשן, וואָס האָבן געמאַכט פרוכטבאַר און שיין די אַלטע ערד“.

„ביי דער זייט פון זיין פאָטער איז ער געגאַנגען הינטער דעם רידל און דעם אַקעראייזן און איז גלייכצייטיק געזעסן ביי ביכער“.

„ער רוקט זיך נישט פאָראויס, און פאַרשטייט דעם זין פון עפנטלעכן לעבן“.

„פון די אָרימסטע פאַרהעלטענישן האָט ער זיך אַרויפגעדראַפּעט און האָט דאָך נישט קיין שום סימנים פון אַן אויפגעקומענעם גביר“.

„דווקא ווייל ער איז אַרויסגעקומען פון די אונטערשטע שיכטן, באַקומט ער זיין ווערט“.

„אים אויסקלייבן פאַר דעם מדינה־פּרעזידענט הייסט סטימולירן די יוגנט פאַר איידעלע אָנשטרענגונגען און אויסלייגן אַ וועג פאַר דער צוקונפט פון אונדזער נייער געזעלשאַפט“.

„יעדער מיטגליד פון דער נייער געזעלשאַפט קען זיך דערהויבן ביז צו די העכסטע שטאַפּלען“.

דאָס איז די תורה פון ציון און פון גאָטס וואָרט אין ירושלים.

פון טויזנטער יאָרן און פון היינט.

פון אַן אָרימער, קליינשטעטלדיקער לומדישער סביבה איז דוד וואָלפסאָן, דער שוועבעלעך הענדלער אַרויסגעגאַנגען אין אַ גרעסערער וועלט און האָט זיך אויפגעהויבן אויף דער העכסטער מדרגה פון יידיש־פּאָליטישער פירונג.

מיט אַ געזונטער יידישער, הגם באַגרעניצטער אַלגעמיינער

בילדונג האָט ער ענטוזיאַזמירט די יידישע מאַסן אין דרום־אַפריקע, אין רוסלאַנד, אין ענגלאַנד און אין ארץ ישראל.

ער מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף מעכטיקע רעגירונגען, ביי צאַלרייכע אוידיענצן, און באַקומט אַן השפעה אויף יידישע מיליאָנערן, וועלכע זענען ביז אים געווען פּאָליטיש ווייט פון דער נאַציאָנאַל־יידישער רענעסאַנס־באַוועגונג, ווי די ראָטשילדס, שיף און אַנדערע.

ער ליקווידירט דעם אוגאַנדאַ־קריזיס, וועלכער האָט פּאַנאַנ־דערגעריסן און אונטערמינירט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און ער שפּרייט פאַנאַנדער די פאָן פון ירושלים.

נאָכן טראַגישן טויט פון הרצל, שטייט די אָרגאַניזאַציע אַן אַ פירער ווי הילפלאָז און די שונאים וואַרטן שוין, אַז זי וועט גיך אויסגעמעקט ווערן פון יידישן לעבן.

ער ראַטעוועט די אָרגאַניזאַציע נאָך דעם, ווי קיינער אין דער באַוועגונג איז נישט אין דער לאַגע זיך אַוועקצושטעלן אויפן אָרט פון גרויסן הרצל.

אויך ער טוט עס נאָר מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, מיט אַ ציטער און יראה.

אָבער ער טוט עס און האָט הצלחה, הגם ער האָט קעגן זיך די פּאָפּולערסטע פירער פון רוסישן ציוניזם, מענער ווי טשלענאָוו און וויצמאַן, וועלכע זוכן מיט אַלע מיטלען אים צו דעגראַדירן.

ער באַהערשט די גרויסע מערהייט אויף אַלע קאָנגרעסן, און זיין גרעסטער קעגנער, אוסישקין אַליין, מוז פון דער קאָנגרעס־טריבונע מודה זיין נאָך וואָלפזאָנס רעזיגנאַציע:

„וואָלפסאָן האָט געקענט בלייבן בראש פון דער אָרגאַניזאַציע, ווען ער וויל נאָר בלייבן״.

זיין כוח:

דער טיפער צער איבערן חורבן ירושלים, וועלכן דער אָרימער טאַטע אין דעם קליינעם שטעטל האָט אין אים אריינגעצי־טערט מיט דעם טיפן אומעט פון דער איכה־נגינה אום תשעה־באב, בשעת ער איז געזעסן, אַ פיר־יעריק קינד, אויפן שויס פון דעם טאַטן.

ער איז נישט געווען קיין הרצל און האָט עס נישט געקאָנט זיין.

„הרצל איז איינמאָליק״, ווי נאָרדוי האָט עס פאָרמולירט.

ער האָט אָבער אין זיך געטראָגן און אַרויסגעוויזן אַלע סימ־נים, וואָס האָבן אים אַסאָציאירט מיט דער גדלות פון הרצל.

הרצל האָט אים אין אַ ספּעציעלער צוואה געמאַכט פאַר זיין יורש, ווייל דעם ברען פון דער ירושה האָט ער אין זיך געטראָגן פון טאַטנס היים.

ער איז געווען אַ יורש פון דעם גרויסן הערצאישן לעבן זינט זיין בראשית.

ביים אָפנעם קבר פון הרצל האָט ער געשוואוירן אין נאָמען פון אַלע ציוניסטן נישט צו פאַרגעסן ירושלים און נישט צו פאַר־געסן הרצלען.

זיין אייגענע פּאָליטישע פירונג האָט ער אָנגעהויבן מיט דער זעלביקער שבועה:

מיטן הרצל־ליכט האָט ער באַלויכטן די יידישע מאַסע און מיטן כוח פון דער גאולה־בענקעניש, באַשיינט פון יידישן המשך, האָט ער געליטן, געאַרבעט און געפירט.

אין דער געשיכטע פון ירושלים, איז דער בענקעניש נאָך ירושלים, אין דעם קאַמף אַרום ירושלים און אין דער זיכערקייט צו קומען קיין ירושלים האָט וואָלפסאָן זיין אַרט.

אין אַ ירושלים־ספר טאָר ער ניט פאַרגעסן ווערן.

טז

אַן אַ סימן פון דיפּלאָמאַטישער פאַרשײַטקייט, נאָר טרוקן, ניכטער, אין אַ פּשוטן לשון, און אַלגעמיינע פּסוקים האָט בן־גוריון געענטפערט אויף קשיות און פּרעטענזיעס בנוגע ירושלים:

„מיטן ווידערגעבורט פון מדינת ישראל איז ירושלים פון־דאָסניי געוואָרן איר נאַטירלעכע הויפּטשטאָט״.

אונדזער פּאָזיציע כלפּי דער „אונ״ וואָלט נישט זײַן געענוג שטאַרק אויב נאָר דאָס זאָל זײַן אונדזער גאַנצע אַרגומענטאַציע. זי איז גענוג אויף אַן ענטפער צו דער אָפּאָזיציע אין דער כנסת, אָבער נישט אויף אָפּצופרעגן אַן אוניווערסאַלן פּאָסטולאַט.

אין דעם אַלטן און נײַעם יידישן לעבן איז ירושלים די אינ־ספּיראַציע פון דער גאַנצער מדינה אין אַלע אירע אַספּעקטן. זי איז די השגה פון גאַנצן כלל־לעבן, גייסטיק און מאַטעריעל, אין גלות און אין ארץ ישראל.

ירושלים איז די „הויפּטשטאָט״ פון יידישקייט, אפילו בשעת יידן לעבן אין דער תפוצה.

רבי יהודה הלוי אינטערפּרעטירט די מסורה, אַז ירושלים איז איינע פון די זיבן געשעענישן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן איידער די וועלט איז געוואָרן געשאַפן.

הגם, זאָגט דער געטלעכער משורר, עס שײַנט ווי אַן אילו־

זיע, איז דאָס אָבער אַן אמת, ווען מען טראַכט זיך אין דעם אַביסל אַריין.

„סוף מעשה במחשבה תחילה" — פריער קומט די כוונה, די מחשבה, דער פאַרנעם און צום סוף די מעשה.

ירושלים איז אַ כוונה; כדי עס זאָלן עקזיסטירן צדיקים, מוזן זיי האָבן פאַר זייער עקזיסטענץ אַ צוגעפּאַסטן באָדן, אַ סביבה.

נאָר ירושלים האָט די סגולה פון אַן אַטמאָספער פאַר צדי־קים, פאַר מאַמינים.

ציון און ירושלים זענען קיינמאָל נישט פאַר יידן השגות פון אַ שטאָט, אפילו נישט פון אַ הויפּטשטאָט.

קיבוץ גלויות קיין ציון הייסט ברענגען יידן אין גאַנץ ארץ ישראל:

„והביאנו לציון עירך ברינה ולירושלים בית מקדש בשמחת עולם".

„השב שכינתך לציון עירך וסדר העבודה לירושלים".

דער כוזרי ציטירט אין דעם שייכות:

„ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים".

דער גרויסער קיסר — נאַפּאָלעאָן — האָט עס פאַרשטאַנען:

„אין מיטן זיין מלחמה אין ארץ ישראל האָט ער אַרויסגע־לאָזט אַ קול־קורא, אין וועלכן ער פאַרבעט אַלע יידן אין אַזיע און אין אַפריקע זיך צו שטעלן אונטער זיין פאָן און פונדאַסניי אויפ־שטעלן די אַלטע שטאָט ירושלים".

און ווייטער זאָגט ער:

„נישט נאָר כדי צוריקצוגעבן די ייִדן זייער ירושלים האָב איך פאַרנומען סיריע, א. א. וו."...

אין אַ אָפיציעלן דאָקומענט, אין וועלכן עס ווערט געשיל־דערט דער אויפטו פון נאַפּאָלעאָן אין מצרים, ווערט דערציילט וועגן די יידן אין ארץ ישראל און וועגן דער שבועה וועלכע איז געווען צווישן זיי פאַרשפּרייט, אַז נאָך דעם ווי עכו וועט פאַר־נומען ווערן דורך די פראַנצויזן, וועט נאַפּאָלעאָן עולה זיין קיין ירושלים און וועט פונדאַסניי אויפשטעלן דעם בית המקדש פון שלמה המלך.

נאפאלעאן האט געוואלט ברענגען אלע יידן קיין ארץ יש־ראל. ירושלים איז געווען דער סימבאל דערפאר.

דער הויפט־דענקער פון שיבת־ציון, משה העס, האט אין א באשטימטער תקופה אוועקגעשטעלט די שאפונג פון א יידישער מלוכה אין צענטער פון זיין געדאנק. זיין ספר, וועלכער פאדערט גאנץ ארץ ישראל פאר יידן, רופט זיך אן מיטן נאמען:

„רוים און ירושלים".

אויב מיר האבן אמאל אקצעפטירט די חלוקה פון דער „אונ", און אפילו פון דער פיל־קאמיסיע, איז עס געווען די התלהבות צו־ליבן אנהויב פון דער גלות־ליקווידאציע.

אן דער אראבישער פראוואקאציע וואלט עס מסתמא צו דער לעצטער מלחמה נישט געקומען. אבער נישט די „אונ" און נישט וועלכער ניט־איז כוח אין דער וועלט קען איינהאלטן די יידישע נשמה־סענטימענטן אין איר כוואליע־שטורעם קעגן ציון און ירו־שלים.

תפילות בייטאג און ביינאכט, ביים עסן, טרינקען און שלאפן קען אונדז די „אונ" נישט פארביטן.

אינקוויזיציעס, שייטערהויפנס און טרעבלינקעס פון טיטוס, טארקוועמאדאס און היטלערס האבן דאס נישט געקענט טון.

דאס איז אבער פערמאנענטע גייסטיקע רעבעליאן און פער־מאנענטע גייסטיקע מאביליזאציע, וואס איז נישט אפהענגיק פון אונדזער טעגלעכן ווילן נאר פון א נויטווענדיקייט, וועלכע האט אירע אייזערנע געזעצן אין געשיכטע, אין קבלה און אין טיפסטער משיחישער מיסטיק.

דערפון איז אבער אויך געדרונגען, אז די טענדענצן נאכצו־פאלגן און צו פארשטיין אלע אספעקטן פון ירושלים, אירע אנט־פלעקונגען און אירע אויסוויקלונגען מוז מען אנאליזירן, צעלייגן, צייכענען אלץ וואס איז ארום ירושלים און אלץ, וואס איז אין שייכות מיט איר.

די ליניעס פון דער גאולה־באוועגונג אין אלע תקופות און פון אלע דורות מוזן גענוי און בולט ארויסגעטיילט און געצויגן ווערן.

די צענטראַלע פון דער באַוועגונג, זייערע כוונות און פּלענער, זייערע געדאַנקען און טעותים; זיי־ערע וועגן און זייערע בלאָנדזשענישן, זענען אויסשטראַמט פון אַן אַקטיווער דינאַמישער גאולה־בענקעניש.

די נאָרמאַליזירונג פון ישראל הענגט נישט נאָר אָפּ פון דער מעגלעכקייט צו לעבן אַן אייגן לעבן אין אַן אייגן לאַנד, נאָר אין דעם לאַנד, וואָס איז פון ששת ימי בראשית דאָס מוטער־לייב און די וויג פון יידישן מהות און איז אַליין אַ פּראָדוקט פון יידישן גייסט.

די טעריטאָריאַליסטישע פּערספּעקטיוו: און זייער געשיכטע אין די לעצטע יאָרן האָבן דאָס אַזוי גוט און בולט באַוויזן, ווי דאָס לעבן אין דער אַלטער צייט און דעם נע־ונד, אין גלות.

אין קאַמף קעגן אוגאַנדאַ האָבן אוסישקין און טשלענאָוו, ווייצמאַן, גרינבוים און זייערע חברים דאָס אַרויסגעבראַכט, און די לעבנס־דינאַמיק האָט אויף דעם אַרויפגעדריקט איר חתימה.

אפילו אַ קליינעם אָפּנויג פון דער געשיכטלעכער ליניע האָט די אומה גופא מיט גרויזאַמער שטרענגקייט אָפּגעוואָרפן און פאַרמשפּט.

די געזעצן פון דער נאַציאָנאַלער עוואָלוציע ליגן אין דער עוואָלוציע גופא, און קיין כוח, אויך נישט דער העכערער כוח פון הערצל־צער, קען זיך נישט פאַרמעסטן דעם שטראָם פון טראַדי־ציאָנעלן געשיכטלעכן לויף צו האַמעווען און צו קירעווען, אויב עס גייט קעגן דער טויזנטיעריק איינגעפונדעוועטער פּסיכאָלאָגיע און טויזנט־יעריקער מיט גלות־יסורים געשפּייזטער בענקעניש.

די געשיכטע האָט נישט נאָר אירע געזעצן געגאָסן פון הע־כערע פּסיכישע עלעמענטן. זי האָט אויך איר איינגעשפּאַרטקייט, אירע קאַפּריזן, איר סאַרקאַזם און אפילו איר סאַבאָטאַזש.

גאָרנישט אַזוי זעלטן ברענגט זי אַריין דווקא גרויסע, מעכ־טיקע פּערזענלעכקייטן אין אַן אַנדער סיטואַציע, אַנדערע געדאַנ־קען־פּראָצעסן ווי די מענטשן גופא ווילן. ווי זיי שטעלן זיך אַוועק און ווי זיי גלויבן צו שטיין.

אַזאַ היסטאָריאָזאָפיש־אינטערעסאַנטע דערשיינונג זעען מיר

אין דער ריכטונג און טענדענץ פון דער גאולה־באַוועגונג אינעם דור נאָך הערצל־וואָלפסאָן.

אין דער צייט, ווען דער אוגאַנדאַ־קאַמף האָט זיך פאַנאַנדער־געפלאַקערט, האָט די מעכטיקע הערצל־אָפּאָזיציע בכלל געפּרואווט אַ דריי טון די ראָד אויף צוריק צום אַזוי געררופענעם פּראַקטישן חיבת ציון.

אַפילו טשלענאָוו האָט פאָרמולירט אַ פּראָגראַם פון ציון הגם מיט אַ פּאָליטישן אַספּעקט. אוסישקין שרייבט אַ גרויסע אַר־בעט וועגן דער קומענדיקער פּראָגראַמאַטישער אָריענטאַציע, וועל־כע שטעלט ניט אַוועק די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אויף פּאָליטישע באַציאונגען און פאַרהאַנדלונגען, נאָר אויף דער אַטראַקציע פון קדושת־הארץ אָדער קדושת ירושלים.

אין בערן לערנט אונדז ווייצמאַן, אַז עס איז אַן אוטאָפּיע צו פאָדערן וועלכע ניט איז פּאָליטישע רעכט אָדער רעכטלעכע פּריווילעגיעס פאַר מענטשן, וואָס זענען נישט אין לאַנד — אין וועלכן עס פאָדערט זיך די רעכט און די פּריווילעגיע. אפילו אויף באַקומען אַ „טשאַרטער" מוז מען זיין אין לאַנד.

ווייצמאַנס שריפטןריידן דייטלעכער ווי וועלכער נישט איז אַנדער דאָקומענט פון דער דעמאָלסטיקער תקופה.

„וואָס פאַר אַן אַרבעט מוז מען איצט דורכפירן?" אויף דעם זאָגט ווייצמאַן, וויל איך ענטפערן:

„מיר מוזן זיך אָפּגעבן מיט שאַפן דעם ישוב פון ארץ־ישראל. אין דער אַרבעט פאַר קאָלאָניזאַציע מוזן מיר אַריינלייגן אונדזערע גאַנצע כוחות. מיר מוזן פריער קאָלאָניזירן אַ געוויסע צאָל יידן אין ארץ־ישראל און דאַן שטרעבן צו פּאָליטישע רעכט. מיט איין וואָרט:

מען מוז זיך באַשעפטיקן מיט דעם, וואָס מען רופט „קליין־קאָלאָניזאַציע".

אַ יידישע מדינה קען מען נישט שאַפן אין אַ לאַנד, וואו עס זענען נישטאָ קיין יידן".

און ווייטער: „פינף טויזנט יידן אין ארץ־ישראל זענען בע־סער ווי אַ „טשאַרטער" אָן פינף טויזנט יידן.

אַ „טשאַרטער" וועלן מיר באַקומען, ווען מיר וועלן זיין אין ארץ־ישראל"...

„מיר קענען נישט אויסבייטן ציון אויף אַן אַנדער לאַנד, ווייל מיט ציון איז דורכגעפלאָכטן אונדזער גאַנצע געשיכטע... נאָר דורך באַרירונג מיט אונדזער היסטאָרישן באָדן וועלן מיר ווערן אַ וועלט־פאָלק ווי אַמאָל".

„אויב די רעגירונגען וועלן אונדז געבן היינט אַ טשאַרטער, וועט דאָס זיין נישט מער ווי אַ שטיקל פּאַפּיר אויף דער עפענונג פון אַ פלאַש, נאָר ווען מיר אַרבעטן אין ארץ־ישראל, וועט דער טשאַרטער זיין געשריבן מיט בלוט און שוייס און וועט האָבן איי־ביקייט"...

אין דעם נוסח פאַרהייליקט ווייצמאַן דעם פּראַקטישן ציוניזם, און זיין אָפּאָזיציע־שטעלונג קעגן הערצל־וואָלפסאָן ביז צום ערשטן וועלט־קריג.

דערפון איז צו דרינגען, און עס איז ווייצמאַנס פעסטע אמונה, אַז נאָר י ר ו ש ל י ם איז נישט קיין יסוד צו פּרעטענדירן אויף ארץ ישראל.

אונדזער היסטאָרישע פאַרבונדנקייט אַליין און דער פאַקט, וואָס דער צוויי טויזנט־יעריקער גלות האָט ירושלים נישט אַרויס־געריסן פון אונדזער נשמה און האַרץ איז נישט גענוג.

דאָס, וואָס וועלט־פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן, העכסטע רע־פּרעזענטאַנטן פון רעגירונגען, נאַפּאָלעאָן און פּאַלמערסטאָן, דער אַלטער טשוירטשיל (אַ פעטער פון ווינסטאָן טשוירטשיל) און בי־קאָנספילד, האָבן אָפיציעל אין ארץ־ישראל געזען אַ יידישע מדינה, הגם עס זענען נאָך דאָרט קיין יידן נישט געווען, איז פאַר ווייצמאַן נישט קיין אַרגומענט.

ביי דער טרוקענער טעאָריע איז אָבער ווייצמאַן נישט גע־בליבן און נישט געקענט בלייבן. ווייצמאַן וואָלט קיין מאָל נישט געוואָרן דער גרויסער פירער, ווען די געשיכטע שפּאַנט אים נישט איין אין איר העכערער שליחות און הויבט אים נישט אויף ווייט, ווייט איבער זיין לאָזונג:

„ציגל נאָך ציגל און שטיין נאָך שטיין".

ווי אַ געבוירענער נאַטור־וויסנשאַפטלער פאַרמעסט זיך וויצ־מאַן נישט איבערצושפּאַנען די גרענעצן פון רעאַליטעט און זיך צו אַקטיווירן אין דער לעגענדאַרער ווייטקייט פון וויזיע, הגם אַב־צוהערענישן אויף דעו זענען געגוג פאַראַנען אין זיינע האַנדלונגען און אין זיינע רעדעס.

צייט און רוים, פיזיק און כעמיע, זענען באַדינגונגען אויך פאַר פּאָליטיק.

די קדושה פון ירושלים אין בית־המדרש, אין דעם יידישן לעבן איז איין זאַך. פּאָליטישע פּריווילעגיע'ס אַריינצוקומען אין ירושלים איז אַן אַנדער זאַך.

די געשיכטע האָט אָבער ווייצמאַנען נישט געפרעגט וועגן זיין טעאָריע, נאָר האָט אים אויסגעקליבן און האָט אים געגעבן הארץ און שכל פאַר זיין מיסיע.

שוין אין יאָר 1906, בשעת ווייצמאַן קומט צום ערשטן מאָל קיין ענגלאַנד, פירט אים דער גורל צונויף מיט טרוקענע פּראַקטי־קער, און ער רעדט נישט אין נאָמען פון פּראַקטיק נאָר מיט פּאָ־ליטיקער, אין נאָמען פון גאולה־פאַרנעם און אין גייסט פון גאולה־פאַרנעם.

ער רעדט נישט מיט די ענגלישע מלוכה־מענער אין נאָמען פון די ווינציקע קאָלאָניסטן אין ארץ־ישראל. אַפילו נישט אין דער באַגרענעצטער פאָרם ווי דאָס האָט געטון הרצל נאָך זיין באַזוך אין ארץ־ישראל. ער קומט אין נאָמען פון קדושת הארץ, פון קדושת ירושלים און אין נאָמען פון דער טויזנט־יאָריקער פאָלקס־שטרעבונג.

שוין פריער אַמאָל האָט ער עס איבערגעגעבן, און ער חזרט עס איצט איבער אין זיינע זכרונות:

דער היסטאָרישער עפּיזאָד ווייצמאַן־באַלפור איז כאַראַקטער־יסטיש פאַר דער גאַנצער קומענדיקער ווייצמאַן־תקופה און דער קומענדיקער ווייצמאַן־פערזענלעכקייט.

„אויף אַ פערטל שעה" האָט באַלפור אויפגענומען ווייצמאַנען. דער היסטאָרישער שמועס האָט אָבער געדויערט לענגער ווי אַ שעה.

באַלפור האָט זיך געוואונדערט, וואָס דער קאָנגרעס און די ציוניסטן האָבן זיך באַצויגן אַזוי נעגאַטיוו צו אוגאַנדאַ בשעת די

ענגלישע רעגירונג האָט געהאַט די כוונה מיט אוגאַנדאַ צו פאַר־קלענערן די יידישע מיזעריע.

ווייצמאַן האָט פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר באַלפורן די אייביקע מגילה פון יידישן רעליגיעזן אַני־מאמין, אויף וועלכן עס באַזירט זיך אויך דער מאָדערנער ציוניזם.

זיין הויכפונקט האָט ער דערגרייכט מיט די ווערטער:

„ווען משה רבינו וואָלט געווען אויפן זעקסטן קאָנגרעס בשעת מען אַקצעפּטירט, אַז אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע זאָל דעלעגירט ווערן קיין אוגאַנדאַ, צעברעכט ער פונדאָסניי די לוחות".

„ארץ־ישראל האָט אַ מאַגישע און ראָמאַנטישע אַטראַקציע פאַר יידן. אונדזער געשיכטע באַשטייט אין אונדזער צונויפגעבונדנ־קייט מיט ארץ־ישראל. מיר האָבן צוליב דעם געליטן, אָבער מיר האָבן געהאַט דעם פולן בטחון אין דעם קומענדיקן טריאומף".

באַלפור האָט דערמאָנט, אַז ער האָט געהערט ווי מען רעדט פון „אַ דאָקטאָר הרצל", אַן אויסגעצייכנטן פירער, וועלכער האָט די באַוועגונג געשאַפן און אָרגאַניזירט.

ווייצמאַן דערציילט, ווי ער האָט באַלפורן קאָרעגירט און געזאָגט:

„הרצל האָט באמת געגעבן דער באַוועגונג אַ נייעם ריטם און דער טראַדיציע אַ נייעם פּאָליטישן חותם. אָבער הרצל איז יונג געשטאָרבן, און ער האָט אונדז געלאָזן די שווערע אוגאַנדאַ־ירושה, וואָס מיר גייען ליקווידירן".

און דאַן האָט ווייצמאַן געזאָגט:

„הער באַלפור: צי וואָלט איר אָנגענומען לאָנדאָן, ווען מען גיט עס אייך, אין אַן אויסבייט אויף פּאַריז?"

„באַלפור האָט זיך צוריקגעוואָרפן אויפן שטול, האָט מיך אָנגעקוקט און געזאָגט:

„אָבער ד"ר ווייצמאַן, מיר האָבן דאָך לאָנדאָן?!

„ווייצמאַן: אמת, איר האָט לאָנדאָן, מיר אָבער האָבן גע־האַט ירושלים, ווען לאָנדאָן איז נאָך געווען אַ זומפּ".

„באַלפור איז צוריקגעשפרונגען און קוקנדיק אויף מיר פון

אויבן, האָט ער געזאָגט צוויי זאַכן, וועלכע איך געדענק ווי עס וואָלט געווען היינט:

„באַלפור: צי איז פאַראַן אַ סך יידן, וואָס טראַכטן ווי איר?"

„ווייצמאַן: איך גלויב, אַז איך רעד אין נאָמען פון מיליאָ־נען, וועלכע איר האָט קיינמאָל נישט געזען און זיי קענען עס דע־ריבער אייך נישט זאָגן אַליין".

„באַלפור: אויב אַזוי, וועט איר אַמאָל זיין אַ שטאַרקע מאַכט".

„איידער מיר האָבן פאַרענדיקט דעם שמועס, האָט באַלפור געזאָגט:

„עס איז משונהדיק, אַז די יידן וואָס איך קען, זענען גאָר אַנדערש".

אויף דעם האָט ווייצמאַן געענטפערט:

„הער באַלפור, איר קענט שלעכטע יידן".

פון דעם שמועס האָט ווייצמאַן געדרונגען, ווי ער דערציילט אַליין, אַז ענגלאַנד האָט אונדז דעמאָלט געקענט העלפן באַקומען ארץ ישראל, א. א. וו.

ווייצמאַן פילט נישט און מערקט נישט, ווי ער גייט דאָ שוין אַריבער די גרעניץ פון פּראַקטישן ציוניזם און טרעט אַריין אין געדאַנקען־סביבה פון פּאָליטישער פירונג.

מען מעג, בכן, פאָדערן, אַ נאַציאָנאַלע היים אויפן יסוד פון אונדזער פאַרבינדונג מיטן לאַנד און בפרט מיט ירושלים הגם אין ארץ ישראל גופא זענען פאַראַן אַזוי ווייניק יידן און קאָלאָניסטן.

ווייצמאַן ווערט אַ פּאָליטישער ציוניסט, אַ פולער תלמיד און יורש פון הרצלס געדאַנקען און חלומות, הגם ער קעמפט נאָך אין דער באַוועגונג, פאַר

„אַ ציגל נאָך אַ ציגל און אַ שטיין אויף אַ שטיין".

עס גייט נישט אין דער פראַגע וועגן פּאַמעלעכדיקער אָדער גיכער קאָלאָניזאַציע. עס גייט אין דער גרונט־שאלה אויב אימי־גראַציע, עליה אויפן יסוד פון פּאָלטישיע זכיות און פּריווילעגיעס אָדער סתם אימיגראַציע.

אַ שפּיצל פון דער ציוניסטישער געשיכטע, וועלכע קען ביי

דער פולער ערנסטקייט דאָך נישט מוותר זיין אויף אַ געוויסער איראָניע מיט אַ טראָפּן פון ביטערקייט.

פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע זענען אין ארץ ישראל נישט צוגעקומען נישט קיין יידן, נישט קיין יידיש באָדן און נישט קיין יידישע קאָלאָניעס.

להיפוך, דער טערקישער דעספּאָטיזם האָט אַ סך יידן פאַרטריבן פון לאַנד און האָט חרוב געמאַכט אין דער מלחמה צייט אַ סך ישובים.

און דאָך איז געקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט מער פּאָליטישן וואָג און עפעקט, מיט גרעסערע פּערספּעקטיוון ווי דער טשאַרטער וואָס הרצל האָט אַוועקגעשטעלט ווי אַ הנחה פון פּאָליטישן ציוניזם.

האָט מען, הייסט עס, באַקומען זכיות און פּריווילעגיעס פאַר יידן אין אַ לאַנד אָן יידן.

אַזוי האָבן זיך געשאַפן באַדינגונגען פאַר די שפּעטערע עליות.

אויב קיין מאַסן־אימיגראַציע איז באַלד נישט פאָרגעקומען, זענען דערפאַר געווען אַנדערע סיבות: פינאַנציעלע, טעכנישע, סטרוקטוראַלע און גלות־גייסט.

ווייצמאַן און אחד העם האָבן געפאָדערט נאָך מער:

נישט „אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל", נאָר „ארץ ישראל ווי אַ נאַציאָנאַלע היים", הגם די היים וואָלט דערביי זיין נישט באַוואוינט, אָן יידן, און מיט ווייניק יידיש באָדן.

הייסט עס, אונדזער פּאָליטיק, ווייצמאַנס פּאָליטיק, אחד־העמס פּאָליטיק, די פּאָליטיק פון די פּראַקטישע ציוניסטן ווי פון דער פּאָליטישער הרצל־ריכטונג איז נישט נאָר באַזירט אויף די כוחות און אויף דער שאַפונג פון לאַנד.

דער יסוד פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק — דאָס פאַרשטייען אויך די גויים, און אפשר דער עיקרשט די גויים — איז ירושלים. דאָס איז דער אלף און דער תיו פון דער יידישער האָפענונג אויף גאולה און פון דעם אייניקן צונויפבנד פון פאָלק און לאַנד.

באַלפור האָט עס פאַרשטאַנען, לויד זשאָרזש האָט עס פאַר־

שטאַנען, און דאָס האָבן פאַרשטאַנען אונדזערע שונאים און קעגנער, יידישע און פרעמדע:

די יידישע האָבן מחמת דעם שוין לאַנג אויסגעמעקט ציון און ירושלים פון סידור און תפילות; און די גויישע האָבן אונדז פאַגראָמירט אין ירושלים און מחוץ ירושלים.

בשעת ווייצמאַן פאַרגעסט אויף אַ רגע, אַז ער קומט פון אַ כעמישער לאַבאָראַטאָריע, און אַז ער געהערט אַליין צו אַ כעמיש־פיזישער קאַטעגאָריע, ווערט ער באַהערשט פון אַ נביאישער וויזיע און ער רעדט וועגן זיין מיסיע נישט ווי סתם אַ פּאָליטיקער מיטן פּרינציפּ פון פּאַמעלעכער עוואָלוציע, נאָר ווי אַן יידישער פּאָלי־טיקער, וואָס האָט זיך פאַרווירקלעכט אין משיחישער מיסיע ווי אַ הרצל און די תלמידים פון בעל שם און רב און פון ווילנער גאון".

„דאָ, אויף דעם אָרט, דערקלערט ער די אַראַבער אין יאָר 1918, אין ירושלים, זענען געשטאַנען מיינע אבות פאַר צוויי טויזנט יאָר; דאָ האָבן זיי געטראַכט זייערע געדאַנקען און פונדאַנען האָבן זיי אַרויסגעשיקט צו דער וועלט זייער דערהויבענע בשורה. דאָ, אויף דעם אָרט, האָבן אונדזערע נביאים פּראָקלאַמירט דעם גרויסן אידעאַל וועגן הערשאַפט פון שלום און גערעכטיקייט און דאָ שטייען מיר איצט אונטערן שוץ פון אַ גרויס פאָלק, חסידים פון אונדזערע הייליקע שריפטן".

„און דאָס גרויס־פאָלק מוז אנערקענען, אַז דאָס וואָס מיר האָבן אויפגעטון דאָ אין לאַנד פאַר צוויי טויזנט יאָר, קען נישט פאַרגעסן ווערן, און אַז אונדזער בונד און איבערגעגעבנקייט צום לאַנד פון אונדזערע אבות מוז קאָמפּענסירט ווערן...

מיר קומען נישט פונדאַסניי אין לאַנד נאָר מיר קומען צוריק אין אונדזער אייגענער היים...

די שטאָט ירושלים, וואָס איך רייד אין איר היינט אין אָוונט, איז אונדזער הייליקע שטאָט, און מיר רעכענען זיך אויך מיט די געפילן פון אַנדערע פעלקער, פאַר וועמען ירושלים איז אויך הייליק.

בשום אופן וועלן מיר נישט זינדיקן קעגן די הייליקע ערטער, וואָס מוסולמע־

נ ע ר א ו ן ק ר י ס ט ן ק ו ק ן א ו י ף ז י י מ י ט
אַ י ר א ת ה כ ב ו ד.

די בשורה פון אַ גוטן ווילן, וואָס וועט אַרויסגיין פון ירוש־לים, וועט מבטל מאַכן חשדים און וועט אַרויסברענגען אַ האָפע־נונג אויף אַ נייעם לעבן, אַ בעסערן ווי דעם איצטיקן"...

אַזוי ווי אחד העם, אוסישקין און באַזונדערס הרצל, פאַר־מולירט אויך וויצמאַן די מהות־ליניע פון קדושת־ירושלים מיט דעם פסוק:

„כי ביתי בית תפילה, יקרא לכל העמים".

אין זיין רעדע בשעת דער פתיחה פון אוניווערזיטעט, אויפן הר הצופים, אַנטוויקלט וויצמאַן דעם אינטערנאַציאָנאַלן גייסט פון דער תורה וואָס וועט אַרויסגיין פון דער אוניווערזיטעט אויף דער גרויסער וועלט.

נישט נאָר די אַלטע, דורך טראַדיציע און כוונה פון טויזנ־טער יאָרן געהייליקטע היימען פון תפילה און גייסט, נאָר אויך די נייע, הייליקע גרויסע אינסטיטוציע, די יידישע אוניווערזיטעט, וועט זיין אַ היים פאַר אַלע נאַציעס און רעליגיעס, וואָס זענען פאַראינטערעסירט און באַהויכט פון קדושת ירושלים:

„מיר שטייען אויפן באָדן איינגעהילט אין הייליקע זכרונות, כדי מחנך צו זיין די יידישע אוניווערזיטעט אין ירושלים...

יאָ, מיר זענען מחנך אַ העברעאישע אוניווערזיטעט.

עברית וועט האָבן די שליטה אין אַלע אירע בתי־מדרשים און אינסטיטוציעס.

אָבער וואָס פאַר אַ ווערט קען האָבן די אוניווערזיטעט, אויב זי וועט נישט זיין אוניווערזאַל?

„זי מוז נישט נאָר זיין אַ מרכז פאַר אַלע וויסנשאַפטלעכע אָפטיילונגען, נאָר אויך אַ היים פאַרן אוצר פון חכמה מיט אָפענע טויערן פאַר אַלעמען, מאַן און פרוי, אָן אונטערשיד פון רעליגיע און ראַסע".

„אין די מויערן פון דעם אינסטיטוט וועט נישט זיין קיין אָרט פאַר פאָליטישע קאָנפליקטן און פערזענלעכע מחלוקות".

„אַלע ראַסן און רעליגיעס וועלן מאַכן איין בונד פאַר דער גרויסער, בשותּפותדיקער פאַרשונג פון אמת".

„ארץ ישראל וועט צוריק באַקומען איר אַנטיקע קולטור־קרוין און איר אָרט אין דער וועלט פון געדאַנק און וויסן".

„די אוניווערזיטעט וועט נישט האַרמאַנירן מיט איר אייגענעם גייסט און מיטן גייסט פון דער יידישער מסורה, אויב זי וועט נישט זיין אַ היים פאַר אַלע נאַציעס און בפרט פאַר אַלע איינוואוינער פון ארץ ישראל..."

אַזוי רעדט וויצמאַן און אחד העם איז דערביי.

אַמאָל, עס איז גאָרנישט אַזוי לאַנג אַהער, האָט אחד העם נאָך שאַרף קריטיקירט דעם גרויסן הרצל פאַר דער אַזוי גערופענער „טאָלעראַנץ", וועלכע ער האָט אין „אַלט־ניי־לאַנד" אַרויסגעוויזן צו רעפּרעזענטאַנטן פון אַנדערע פעלקער בשעת ער האָט געשילדערט דעם היכל פון מענטשלעכקייט אין ירושלים.

הרצל האָט שוין, אויף דער סוגעסטיע פון יונגן וויצמאַן, געבעטן ביים סולטאַן די הסכּמה אָוועקצושטעלן אויפן הר הצופים די יידישע אוניווערזיטעט.

די אידייע האָט שוין פּראָקלאַמירט פּראָפ. הערמאַן שאַפּירא אויפן ערשטן קאָנגרעס אין באַזעל.

נישט אַלע גרויסע יידישע מענטשן פון דער תקופה האָבן פאַרשטאַנען די שייכות פון דער יידישער אוניווערזיטעט מיטן הר הצופים אין ירושלים.

וועגן דעם דערציילט וויצמאַן, וועלכער איז געקומען קורץ פאַרן ערשטן וועלט־קריג צו פּראָפעסאָר ערליך מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון באַראָן עדמונד ראָטשילד.

ערליך האָט אויפגענומען וויצמאַנען אין זיין לאַבאָראַטאָריע און האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס וועגן אַטאָמען און וועגן זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, וויסנדיק, אַז וויצמאַן איז אַ גרויסער כעמיקער.

„צום סוף, דערציילט וויצמאַן, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און פאַרקירעוועט דעם שמועס אויף דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים.

„אייניקע מינוטן האָט ער מיך געלאָזט רעדן און דאַן האָט ער אויסגערופן:

„פאַרוואָס ירושלים?"

מיט אַ סך ענערגיע האָב איך אים דערקלערט, פאַרוואָס ירושלים:

„ירושלים איז דער איינציקער אָרט אין דער גאַרער וועלט, וואו אַ העברעאישע אוניווערזיטעט קען אָוועקגעשטעלט ווערן".

„אין אָנהויב האָט ערליך מיך געהערט מיט אינטערעס. דאַן אָבער האָט ער אַרויסגענומען דעם זייגער און האָט געזאָגט:

„איר האַלט מיך כמעט אַ שעה. אין דרויסן וואַרטן גראַפן, פרינצן און מיניסטאָרן, וועלכע גאַרן מיך צו זען און פילן זיך גליקלעך ווען איך גיב זיי צען מינוט פון מיין צייט".

„יאָ, פראָפעסאָר ערליך, עס איז אַ חילוק צווישן יענע באַזוכער און מיר. יענע זענען געקומען, כדי צו באַקומען פון אייך אַן אינזשעקציע. איך אָבער בין געקומען, כדי אייך צו געבן אַן אינזשעקציע"...

ערליכס אינזשעקציעס זענען געבליבן פראָבלעמאַטיש.

מיט ירושלים איז נאָך היינט אינזשעקטירט אַ גאַנצע וועלט.

וואו זענען היינט די פירשטן, גראַפן און מיניסטאָרן, וואָס האָבן געוואַרט אויפן גליק צו זען פראָפעסאָר ערליך אויף צען מינוט?

פראָפעסאָר חיים ווייצמאַן איז היינט דער פרעזידענט פון מדינת ישראל. מיט דער וויזיע פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט אויפן הר הצופים און אָטעמט מיט קדושת ירושלים.

ין

מיט דער פֿאַרכאַפּנדיקער שיינקייט פון איר לויטערער נשמה מעלאָדיע, כישופט אַריבער די גענ־יאַלע הערצל־קונסט, די רוישנ־דיקע כוואַליענדיקע וואָכן־באַוועגונג פון די גאַסן אין ניי־ירושלים, — דורך שקיעה און ליכט בענטשן — אין פולער שבתדיקער רו און שבתדיקער קדושה. דער שבת־עפּאָס ברענגט שלימות פאַר אַלט־און ניי־ירושלים פון הרצלס „אַלט־ניי־לאַנד״ און דער פולער לעבן באַקומט יניקה און שפּייזט אַרבעט און באַוועגונג אין די קומענ־דיקע טעג פון וואָך און אַרבעט.

שבת איז דער זיבעטער טאָג און האָט זיין קאַנווע אין די זעקס אַרבעטס־טעג.

אָן די אַרבעטס־טעג איז נישטאָ קיין שבת.
אָן די זעקס טעג איז נישטאָ קיין זיבעטער טאָג.
זאָגט טאַקע הרצל אין זיינע לעצטע לעבנס־יאָרן:
„דער ציוניזם איז דער שבת פון מיין לעבן״.

זיין לעבן הייסט עס, איז אָרגאַניש צונויפגעבונדן מיט דער ציוניסטישער וויזיע.

און אין ילקוט־שמעוני שטייט געשריבן:

„ווער עס היט די ליכט פון שבת דער וועט זען די ליכט פון ציון און ירושלים. אַזוי ווי די ליכט פון שבת באַלייכט די גאַנצע

וואָך אַזוי באַלייכט די ליכט פון ציון און ירושלים גאַנץ ארץ ישראל ביז צו יענער צייט״.

ווי דער נביא זאָגט:

„און עס וועט זיין אין יענער צייט, וועל איך דורכזוכן ירו־שלים מיט ליכט״.

די זעקס וואָכעדיקע טעג זענען פינצטער אָן די ליכט פון שבת.

ארץ ישראל איז פינצטער אָן די ליכט פון ירושלים.

נעמט אַוועק שבת, דעם זיבעטן טאָג און עס איז נישטאָ קיין וואָך.

נאָר אַ צייט־שאַרבן.

נעמט אַוועק ירושלים פון מדינת־ישראל און איר וועט האָבן אַן אָרט־שאַרבן.

שבת און ירושלים זענען אַזוי גורלדיק פאַרבונדן ווי צייט און רוים.

דרשנט רבי משה אלשיך:

„ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט איז זי געווען אַ חומר; ווי אַ גוף אָן אַ נשמה, און האָט קיין קיום נישט געקענט האָבן. שבת האָט אין איר אַריינגעגעבן די נשמה, די שפע פאַר אַ קיום. דער שבת האָט אַריינגעגעבן אין דער וועלט אַ נפש.

דער וועלט האָט געפעלט מנוחה, איז געקומען דער שבת און משפיע געווען אַ שפע פון קדושה אויף אַלץ וואָס איז באַשאַפן און די דאָזיקע שפע איז געווען די נשמה אין דעם מענטשנס גוף. דער שבת האָט אַריינגעגעבן אַ נפש אין דער וועלט זי אויפצו־האַלטן.

און דאָס איז:

„געקומען שבת איז געקומען רו״.

אָן דעם וואָלט די וועלט נישט געהאַט קיין מנוחה און קיין קיום.

און דער „זוהר״ זאָגט:

„אין פאַרהייליקונג פון שבת מאַכן מיר די ברכה:

„וואָס פאַרשפּרייט די סוכּה פון שלום איבער אונדז און איבער זיין גאַנץ פאָלק ישראל און איבער ירושלים״.

„וואָס עפּעס איבער ירושלים?״

ווייל ירושלים איז דער וואוין־פּלאַץ פון דער דאָזיקער סוכּה, ווי אַ מאַמע לגבי אירע קינדער, און דערפאַר האָבן מיר קיין מורא ניט און מען דאַרף איינלאַדן די דאָזיקע סוכּה אַז זי זאָל זיין אויסגע־שפּרייט איבער אונדז און רוען איבער אונדז, און אונדז באַשיצן פון אַלע בייזע ווינטן, און דעריבער זאָגן מיר:

„דער וואָס פאַרשפּרייט די סוכּה פון שלום איבער זיין פאָלק ישראל און איבער ירושלים״.

„קום און זע: ווען יידן בענטשן און לאַדן איין די דאָזיקע סוכּה פון שלום, די הייליקע אכסניה, און זאָגן „הפּורש סוכּת שלום״ נידערט אַרונטער די אויבערשטע קדושה (אין ירושלים) און שפּרייט פון דאַנען אויס אירע פליגלען אויפן פאָלק ישראל און דעקט זיי צו ווי אַ מאַמע וואָס שוועבט איבער אירע קינדער״...

שבת — ירושלים — ישראל און מדינת ישראל איז איין איינציקע איינהייטלעכע קאָנצעפּציע — האָט געפּסקנט דער ציו־ניסטישער גאון: משה העס.

און דער מאָדערנער ירושלים־פאַרשער, אַ. מ. לונץ, שרייבט וועגן ערב שבת אין דער אַלט־שטאָט ירושלים:

„פון איטלעכן הויז וואָס מיר גייען פאַרביי דערטראָגט זיך אַ רעש און אַ טומל, יעדער איינער טוט זיין אַרבעט האַסטיק, כּדי וואָס גיכער צו זייןביים כּותל מערבי. פון אַלע גאַסן שטראָמט אַ ים מיט מענטשן, אָנגעטאָן אין שבתדיקע בגדים, מיט סידורים אין די הענט.

זקנים און זקנות גייען אָנגעשפּאַרט אויף זייערע שטעקנס; קליינע קינדער ווערן געפירט ביי די הענטלעך. אַלץ ציט פאַר־אויס ביי דער זומערדיקער ברענענדיקער זון, ביי די קאַלטע ווינ־טערדיקע שנייען און רעגנס.

גאָרנישט האַלט אָפּ דעם עולם פון גיין צום כּותל מערבי.

די מקובלים, וואָס דאַוונען אין „ישיבת בית אל״ זענען זיך נוהג מתּיר צו מאַכן די קללות וואָס מענטשן האָבן געשאָלטן דורך

דער וואָך. ערב שבת, צו קבלת שבת וויקלען זיי זיך איין אין טלי־תים און זאָגן דעם „מזמור לדוד הבו״ דריי מאָל און איטלעך מאָל מאַכן זיי הקפות אַרום דער בימה.

ווען עס קומט די צייט פון ליכט בענטשן, גייט דער שמש פון דער ספרדישער קהילה אַרום איבער אַלע גאַסן וואו יידן וואוי־נען און ער רופט אויס: „אסידיר״ (ליכט צינדן) און אין איין מינוט צייט פינקלען די שבת־ליכט פון אַלע פענצטער פון יידישן קוואַרטאַל.

אפילו די גרויסע חכמי הקבלה וואָס האָבן אַנטפּלעקט דעם וואָרצל פון קדושה אין צפת האָבן מצרף געווען די גאולה נישט נאָר מיט סתם שמירת שבת נאָר מיט שמירת שבת אין ירושלים״.

און עס דערציילט רבי חיים וויטאַל פון רבי יצחק לוריע, פון דעם אר״י הקודש:

„איינמאָל פרייטיק פאַרנאַכט, נאָענט פאַרן אַנקומען פון דער כלה איז דער אר״י אַרויס מיט זיינע תלמידים מחוץ פון דער שטאָט צפת, אָנגעטאָן אין פיר ווייסע בגדים: הילראַק, זשופּיצע און העמד און הויזן, כדי מקבל שבת צו זיין.

ער האָט אָנגעהויבן מיטן מזמור „הבו לה בני אלים״ מיט „לכה דודי״ און „מזמור שיר ליום השבת״ און „אדוני מלך״ מיט אַ שיינעם ניגון.

און אַזוי זינגענדיק האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיינע תלמידים:

„חברים מיינע, איר ווילט גיין קיין ירושלים נאָך איידער עס ווערט שבת און מיר וועלן מאַכן שבת אין ירושלים?״

און ירושלים איז איבער 25 מייל ווייט פון צפת.

אַ טייל פון די תלמידים האָבן געענטפערט: מיר זענען גרייט צו גיין, און אַ טייל פון די תלמידים האָבן געענטפערט און געזאָגט:

לאָמיר קודם גיין און אָנזאָגן די ווייבער.

נאָר ווי באַלד זיי האָבן געזאָגט „לאָמיר קודם גיין אַהיים״ איז דער אר״י אויפגעציטערט געוואָרן מיט אַ גרויס ציטערניש, געפּאַטשט מיט די הענט און האָט אַזוי געזאָגט:

„ווי צו אונדז וואָס מיר האָבן נישט געהאַט דעם זכות אויס־געלייזט צו ווערן, מחמת ווען איר וואָלט אַלע געענטפערט מיט

איין קול, אַז איר ווילט תיכף גיין מיט שמחה, וואָלטן אַלע יידן אויסגעלייזט געוואָרן, ווייל איצט איז געווען די גינסטיקע שעה דערלייזט צו ווערן, און מחמת איר האָט דאָס נישט געוואָלט, האָט דער גלות צוליב אונדזערע גרויסע זינד געפּראָוועט זיין גרויסן נצחון".

לויטן גרויסן דרשן רבינו בחיי בן אשר, איז נישט נאָר פאַראַן
אַ ירושלים של מעלה און אַ ירושלים של מטה,
נאָר אויך
אַ שבת של מעלה און א שבת של מטה.

רבינו בחיי זאָגט:

„דער וואָס היט אָפּ שבת אונטן איז ווי ער וואָלט אים „מאַכן אויבן". דער מיין איז:

דער וואָס איז מקיים די מצווה פון שבת אויף דער ערד איז אַן עדות אַז ער איז מודה און גלויבט אין דעם עיקר און יסוד וואָס איז איינגעקריצט אין הימל, און יענער וואָס איז מבטל שבת איז ווי ער וואָלט מבטל געווען דעם אויבערשטן שבת; און דערפון איז די דערמאָנונג „צו מאַכן שבת". אייגנטלעך וואָלט דער פּסוק באַדאַרפט זאָגן „צו היטן שבת" נאָר זיין כוונה איז געווען אים צו פאַרגלייכן צום

„שבת של מעלה".

כמעט קען מען גלויבן אַז די גרויסע צידקות און אמונה פון גאון רבינו בחיי איז מגילגל געוואָרן אין דעם גרויסן גאון פון מאָדערנעם ציוניסט, רבי משה העס, פאַר וועלכן דער געשיכטס־שבת איז די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכן מוסר און פון דער מענטשלעכער באַשטימונג.

אַמאָל, פאַר טויזנטער יאָרן, האָט מען זיך פאַרמאָסטן אַרייב־צוגיסן אין קדושת שבת אַן אינהאַלט וואָס איז אַ סתירה מיט זיין עטיש געשיכטלעכן מהות און וואָס רייסט אים אָפּ פון זיין בראַ־שית־מקור.

אנשטאט אַ קאָנצעפּציע פון אַ יידישן לעבנס שטייגער מיט מצוות און עבירות פון טאָג און וואָך האָט מען זיך פאַרמאָסטן פון

אים צו מאַכן אַ קירכלעכן קאַטעכיזם וואָס איז נישט באַהעפט נישט מיט דער וואָך, נישט מיט דער אַרבעט פון דער וואָך' נאָר מיט אַ הימל וואָס איז אָפּגעריסן פון דער ערד און איז זיך סומך אויף וואונדער־מעשיות.

הונדערטער יאָרן האָט מען נויטיק געהאַט כדי צו דערקענען אַז „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע" פון שבת, אָפּגעריסן פון אוניווער־זאַל־עטישער יידישקייט, איז אַן אַבסורדע אילוזיע אָדער אַ לעכער־לעכע אוטאָפּיע, און מען האָט געמוזט אַפּלאָזן פונעם פּאַרמעסט.

ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלן קירכלעכן קאַטעכיזם האָט מען געמוזט דורך אַ דעקרעט פון קיסר קאָנסטאַנטין, אין יאָר 323 אויסקלייבן אַן אַנדער טאָג, נישט דעם לעצטן טאָג פון דער וואָך, ווי אַ סך הכל פונעם לעבנס־סכום, נאָר דעם ערשטן טאָג אין דער וואָך, (לויטן חומש) און

שבת איז געבליבן אַ רו־טאָג צונויפגעגאָסן מיט יידישקייט ביז מען וועט דערקענען אַז

„ביתי בית תפילה יקרא לכל העמים".

און מיט יידן וועט בלייבן ירושלים, ווייל ירושלים טראָגט אַזוי ווי שבת, אַ מיסיע פון יידישקייט און ווייל אונדזער שטייגער, די טענדענץ פון אונדזער לעבנס געדאַנק און די פאָרם פון אונדזער שפּראַך איז אַ המשך פון תקופות און דורות; ווייל אונדזער צו־קונפט האָט איר באַזע און גאַראַנטיע אין דעם אוצר פון אונדזער גרויסן עבר.

* * *

דער גרויסער מאָדערנער רעאַל־פּאָליטיקער פון אונדזער צייט, וואָס האָט זוכה געווען צו דער העכסטער מדרגה פון פירונג אין מדינת ישראל, חיים ווייצמאַן, האָט אין אַ שווערן מאָמענט, ווען יידיש בלוט איז געפלאָסן דורך די גאַסן פון ירושלים, נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע, זיך אויסגעטענהט מיט דעם דעמאָלט קליינ־טשיקן ישוב אין ארץ ישראל (אין יאָר 1920) אין אַ נוסח וואָס דערטראָגט זיך צו אונדז פון יידישער אייביקייט וואָס האָט אָבער אין דער פאָרם אַ לגמרי רעאַלן אונטערשלאַק.

ווייצמאַן זאָגט:

„און עס טרעפט אַז מען באַקומט אַ שווערן קלאַפּ פון טאָג און אַז דער גייסט פילט זיך דערדריקט און דער אָטעם איז פאַר־שטיקט און פאַרכאַפּט — אָט אָט פאַלט מען אונטער דער לאַסט פון די אויפגאַבן און זייער ביטערקייט... איז אַזאַ שעה בעט איך אייך וואַנדערט דורך די גאַסן פון ירושלים, באַשטייגט די בערג וואָס רינגלען אַרום די שטאָט, קירעוועט אויס אייער פּנים צו דער סביבה פון דער אַלטער שטאָט, צו די אַלטע פעלדזן און שטיינער, טראַכט זיך אין זיי אַריין און איר וועט זען ווי זיי באַוועגן זיך און ריידן.

„אייערע אויגן וועלן זען שאָטנס, אַלטע שאָטנס, שוועבן אין שטייגן אַרויף פון זייערע קברים, און איר וועט הערן דעם פליס־טער פון די אבות, און דעם שעפּטשען פון די נביאים.

„זיי רעדן צו אייך אין זשעסטן, און זאָגן:

„קליינע קינדער, איר האָט אָנגעהויבן אַ גרויסע אַרבעט; איר ווייסט אפשר נאָך נישט וועלכע שטרויכלונגען עס ליגן אויף אייע־רע וועגן.

„אפשר וועט איר זיך דערשרעקן און וועט איינהאַלטן אייער גאַנג.

„קינדער, איר זאָלט וויסן, אַז מיר האָבן שוין געזען אַ סך צרות און שטאַרקע שונאים, מיר האָבן אַלץ דערטראָגן.

„זייט ממשיך אייער גרויסע אַרבעט און איר וועט האָבן הצלחה".

ווייצמאַנס פּראַקטישער, אָדער ווי ער זאָגט, אין דער תקופה נאָך באַלפור, סינטעטישער ציוניזם, האָט געהאַט זיין שורש, אין אָנהויב געדאַנקלעך און, שפּעטער פּאַקטיש, אין דעם „וויסנס־בוים", אין דעם „עץ הדעת" וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט אָדער וואָס ער איז געגאַנגען פאַרפלאַנצן, מיט דער אוניווערזיטעט אויפן הר הצופים.

זיין ירושלים־סימבאָליק האָט פונדאַנעט געשעפּט איר יניקה און מיט דעם באַגאַזש האָט ווייצמאַן זיך פאַרמאָסטן אַרונטערצו־נעמען אונטער זיין השפּעה די גרעסטע יידישע און גוייִשע פּער־

זענלעכקייטן פון דער צייט׳ ווי ראָטשילד, הערבערט סאַמועל, לויד זשאָרזש, לאָרד באַלפור א. א. וו.

שוין מערערע יאָרן פאַר דעם געבורט פון דער היסטאָרישער באַלפור־דעקלאַראַציע, אין אָנהויב פון די קריגס־יאָרן, האָט באַל־פור גופא סימבאָליזירט מיט ירושלים גאַנץ ארץ ישראל און אים האָט זיך אַוודאי נישט געחלומט אַז עס וועט קומען אַ צייט וואָס מען וועט דעם סימבאָל אָפּהאַקן אָדער וועלן אָפּהאַקן פון זיין ממשות.

ווייצמאַן דערציילט וועגן זיין צווייטן צוזאַמענטרעף מיט באַלפור:

„ווען איך בין אַריינגעקומען אין ביוראָ פון באַלפור (באַלפור איז דעמאָלט געווען פלאָט מיניסטער) האָט ער מיר באַגריסט מיט אָט וועלכע ווערטער:

„גוט, איר האָט זיך גאָרנישט פיל געענדערט זינט מיר האָבן זיך געזען אין יאָר 1906 און האָט אין איין אָטעם מוסיף געווען:

„איר ווייסט, איך האָב געטראַכט וועגן אונדזער שמועס, און איך גלויב אַז ווען די קאַנאָנען וועלן אויפהערן צו דונערן וועט איר קענען האָבן

„אייער ירושלים״.

דער פילאָזאָפירנדיקער באַלפור האָט דעמאָלט זיך אַוודאי נישט דערטראַכט צו זיין ראָל בעת דער פתיחה פון דער אוניווער־זיטעט מיט וואָס ווייצמאַן האָט געחלומט פון זיינע ערשטע ציוניס־טישע יאָרן.

אָבער אַזוי ווי הרצל, בן־יהודה און אַנדערע בעלי חלומות פון יידיש גאולה האָט אויך ווייצמאַן מיט אַ געפיל פון טיפן אומרו אויפגענומען דעם ערשטן בילד פון ירושלימער רעאַליטעט, בשעת ער האָט צום ערשטן מאָל באַטראַכטן דעם הייליקן באָדן מיט דעם נשמה ציטער פון אַ גרויסער דערוואַרטונג:

„די אומגליקלעכסטע דערפאַרונג פון יענער פיר־וואָכעדיקער רייזע דורכן לאַנד האָט זיך מיר אַנטפּלעקט אין דער שטאָט ירושלים.

„יפו האָט שוין באַוויזן דעם אָנהויב פון אַ ניי לעבן און

געטראָגן די בשורה פאַר אַ נייער געמיינשאַפט. ירושלים איז נאָך געווען די שטאָט פון דער חלוקה. אַ שטאָט פון נדבות און קאָלעקטעס און פון בעטלער־בריווי'

„דיווירקלעכקייט איז געווען אַזוי שלעכט ווי די פאָרשטעלונג וואָס איך האָב מיר פון איר געמאַכט.

„דער יידישער לעבן איז געווען אין ירושלים אַ מיזעריעגעטאָ, אַ פאַראַכטעטע אָן וועלכער נישט איז ווירדע.

„אַלע וויכטיקע ערטער זענען געווען אייגנטימער פון אַנדערן.

„אומצאָליקע קירכן זענען דאָרט געווען פון אַלע סעקטן און נאַציאָנאַליטעטן. מיר האָבן דאָרטן נישט געהאַט קיין איין אָנשטענדיקן בנין.

„אַלע האָבן עפּעס געהאַט אין ירושלים, אַ חוץ די יידן.

„דער האָטעל אין וועלכן מיר האָבן געוואוינט איז געווען אַ חורבה וואָס האָט געהאַלטן ביים איינפאַלן. משונהדיקע פאַרשוינען זענען דאָרט דעם גאַנצן טאָג אַריינגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען מיט דעם איינציקן תכלית — ווי עס שיינט — צו פאַרטאַכלעווען זייער אייגענע צייט און די צייט פון אַנדערע.

„דאָס האָט מיר מוראדיק דעפּרימירט, און איך האָב פאַרלאָזן די שטאָט איידער עס איז אָנגעקומען די נאַכט.

„אַ סך יאָרן האָב איך געפילט אַ פאַראורטייל בנוגע ירושלים, און נאָך היינט פיל איך מיר אַ ביסל אומרואיק אין איר.

„מיר איז ליבער רחובות איידער די הויפּטשטאָט.

„נישטיק און קליין אָבער האָב איך זיך געפילט — און איך גלויב אַז יעדער איינער מוז זיך פילן — ביים אָנבליק פון דעם גראַנדיעזן אַרום פון דער שטאָט.

„איך האָב געטראַכט אַז נאָר איין אָרט איז פאַראַן וואו מען וועט קענען אין משך פון דער צייט אָוועקשטעלן אַ בנין, וואָס זאָל זיין אין הסכם מיט דעם כבוד פון דעם יידישן קאָלעקטיוו.

„עס האָט עקזיסטירט אַ קליינער בערגל וואָס איז נאָך ניט געווען געקרוינט נישט מיט מאָנאַסטירן און נישט מיט קירכן:

„דער הר הצופים, אויף וועלכן עס איז דעמאָלט געשטאַנען

די קליינע הייזקע פון פרוי קריי־היל' און וואו עס הויבט זיך אויף היינט
„די העברעאישע אוניווערזיטעט".

* * *

אַזוי האָט ווייצמאַן געזען ירושלים, מיט מער ווי פערציק יאָר צוריק און האָט אַריבערגעטראָגן זיין ווייטיק איבערן חורבן מיטן געדאַנק וועגן אַ יידישער תורה פון עתיד. ער האָט עס געזען, אָבער נישט דערזען. אין אַן אַנדער קאַפּיטל מוז ווייצמאַן קאָרעגירט ווערן לויט אַנדערע אַספּעקטן.

אויך הרצל האָט געהאַט דעם ווייטיק, אָבער די לעגענדאַרע וויזיע פון הרצל האָט אַריבערגעכישופט די כלומרשט צעבראָכענע, פאַרווילדעוועטע און פאַרבעטלערטע אַלטע שטאָט אין אַ העכערער לויטערקייט, און האָט געשאַפן אַ ניי ירושלים, מיט לעבן און תורה, אַ פּראַכט פון צייטן און פעלקער.

„אַלט־ניי־לאַנד" שטראָמט אַרויס פון הרצלס צער און פון הרצלס שיינקייט.

ירושלים של מעלה היט אָפּ און שאַפט אַלץ פונדאַסניי דעם ירושלים של מטה.

עס איז דער כוח פון אַ פּאַראומערטער און פאַרלאָזענער הייליגקייט, סימבאַליזירט דורך אַ ירושלים, וועלכער האָט אַרויפגעפירט אויף דער קאַנווע פון דעם גאולה־פּראָצעס נייע פּערזענלעכקייטן, גויישע און יידישע.

דער שווערער ווייצמאַן־גוראַנגל ברענגט אַרויס גאַנצע קאָנצעפּציעס און פאַרכאַפּנדיקע לעבעדיקע פּאָרטרעטן אויף דעם געביט.

איינער פון די שענסטע און אייגנאַרטיקסטע פּערזענלעכקייטן וועלכע זענען אַזוי אַרויפגעטראָטן אויף אונדזער לעבנס בימה, איז הערבערט סאַמועל.

דער ערשטער נציב אין מדינת ישראל און דער גרויסער ייד וואָס די השגחה האָט אויף אים אַרויפגעלייגט די מיסיע פּראַקטיש

צו פאַרקירעווען דעם וועג פון גלותדיקן נע־ונד אין דער ריכטונג פון משיחישער גאולה.

אַ פערזענלעכקייט פון גרויסע מצוות און נישט קיין קליינע עבירות, וואַרט ער נאָך אויפן היסטאָריקער וואָס וועט אים אַרויסשיילן פון קרומען צייט־שפּיגל אין וועלכן עס האָבן אים אַריינגעקוועטשט קורצע השגות.

ער איז פון זיך אַליין געקומען צו אונדז פון די העכסטע מאַכט־פּאָזיציעס און פון די עקשנותדיק בלינדע גבירישע אַסימילאַציע־משפחות אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, וואָס האָבן אַרויסגערופן נשמה־וואונדן ביים משיחישן הרצל און געפלאָסטערט מיט ביטערקייט און שטרויכל־שטיינער דער גאולה־וועג פון וויצמאַן.

דערווייל איז נאָך די סאַמועל־געשיכטע נישט געשריבן און דער מאַטעריאַל וועגן אים נאָך נישט קאָנצענטרירט.

איין זאַך איז זיכער: עס איז געווען די לעגענדע פון דער ירושלים־געשיכטע, וועלכע האָט אים ענטוזיאַזמירט און אַריבערגעפירט פון אַ רייכן לעבן אין ענגליש־פּאַליטישן מזרח־וואַנט צו אַ לעבן פון קאָנפליקטן און ערגערניש אויפן הר הצופים מיט וועלכן ער האָט זיך אויף יאָרן גורלדיק פאַרבונדן.

דער ערשטער ייד זינט טויזנטער יאָרן איז געוואָרן אַ מושל פון הר הצופים איבער אַ ישוב וועלכער האָט זיך געשפּייזט מער מיטן עבר און מיט עתיד ווי מיטן קאַרגן אָרימען הוה.

בשעת ווייצמאַן האָט צום ערשטן מאָל געהערט זיין נאָמען פון דעם השפּעהדיקן רעדאַקטאָר פון „מאַנטשעסטער גואַרדיען" האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט, און געזאָגט:

„למען השם, ברענגט מיר נישט צונויף מיט דעם מענטשן".

ווייצמאַן האָט שוין געהאַט אויסצושטיין גענוג צרות פון ענגלישע הויכע „יאַהודים" וואָס האָבן געזען אין ציון און ירושלים דעם תהום פון יידישן לעבן.

דאָסמאָל אָבער האָט ווייצמאַן געהאַט אַ גליקלעכן טעות.

ביי אַ פרישטיק צו וועלכן דער רעדאַקטאָר סקאָט האָט פאַרבעטן זענען געווען:

לאַיד דזשאָרזש, סקאָט, ווייצמאַן און הערבערט סאַמועל, וואָס איז דעמאָלט געווען אינערן מיניסטער.

לאַיד דזשאָרזש האָט געשטעלט פראַגן און ווייצמאַן האָט געענטפערט:

„מיטאַמאָל, דערציילט ווייצמאַן, איז געקומען דער סורפּריז פון מיין לעבן, ווען הערבערט סאַמועל האָט אַריינגעוואָרפן אייניקע גינסטיקע באַמערקונגען.

ווייצמאַן דערציילט ווייטער:

„לכתחילה האָט מיר דער בייזיין פון סאַמועל אַריינגעיאָגט אַ מורא.

באַלד האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז די גאַנצע מסיבה האָט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו אונדזער אידעאַל און עס האָט זיך געשאַפן אַן אַטמאָספער וואָס האָט מיר דערמוטיקט און אינספּירירט.

„לאַיד דזשאָרזש האָט אָנגעמערקט אַז ער מוז רעדן מיט באַלפור און מיטן פרעמיער מיניסטער אַסקוויט.

„אין דער רגע האָט סאַמועל דערקלערט — איך האָב קוים געקענט גלויבן מיינע אויערן — אַז ער גרייט צו אַ מעמאָראַנדום וועגן דער פראַגע פון

אַ יידישער מלוכה אין ארץ ישראל —

כדי עס פאָרצולייגן דעם פרעמיער מיניסטער.

„אין וועלכע פאַרשידענע אופנים, זאָגט ווייצמאַן, האָבן מש־פּיע געווען אונדזערע חלומות און אונדזערע פּראָיעקטן אויף די פאַרשידענע פּערזאָנען.

אין די אַסקוויט־זכרונות לייענען מיר:

„איך האָב באַקומען פון הערבערט סאַמועל אַ מעמאָראַנדום באַטיטלט „די צוקונפט פון פּאַלעסטינע".

„ער אַרגומענטירט רחבותדיק און מיט אַ געוויסן טעמפּע־ראַמענט לטובת אַן אַנעקסיע פון פּאַלעסטינע דורך ענגלאַנד... ער גלויבט אַז מען קען דאָרט קאָלאָניזירן דריי ביז פיר מיליאָן אייראָ־פּעאישע יידן און דאָס וועט האָבן אַ גוטע פּעולה אויף דעם שארית.

„עס קלינגט ווי אַ מאָדערניזירטער טאַנקרעד. עס איז אַ קור־ריאָזע אילוסטראַציע צו געפינען אַזאַ כמעט לירישע דעקלאַמאַציע

ביי אַזאַ מעטאָדישן און סיסטעמאַטישן מוח ווי הערבערט סאַמועל.

„קיינער אין קאַבינעט, מחוץ לאָיד זשאָרזש, האָלט נישט אונטער סאַמועלס פּלאַן, און אויך לאָיד דזשאָרזש, נישט צוליב יידן, צו וועלכע ער איז אינדיפערענט׳ נאָר ווייל ער איז קעגן דעם פּראָטעקטאָראַט פון פראַנקרייך".

די באַלפור דעקלאַראַציע, סאַן רעמאָ און דער מאַנדאַט זענען עטאַפּן פון פאָרמעלער היסטאָריש־רעכטלעכער פאַרפיקסירונג פון יידישן זכות אויף ארץ ישראל.

סאַמועלס נאָמינאַציע, מאַניפעסטירט דעם גאַנצן היסטאָרישן ערנסט און טיפן אחריות פאַר דער פראַקטישער פאַרווירקלעכונג פון פראָקלאַמירטן רעכטס־סטאַטוט אין וועלכן ער האָט זיך באַטייליקט צוזאַמען מיט אחד־העם און ווייצמאַן.

סאַמועל איז נישט קיין הויך־קאָמיסאַר ווי ער ווערט אָנגערופן, נאָר פלייש און בלוט פון גאולה־פּראָצעס און ווי אַ מושל אויפן הר הצופים אַ יידישער עמיסאַר פון יידיש־טראַדיציאָנעלן המשך.

יח

וואָס מען זאָל אויף סאַמועל נישט זאָגן איז אָבער זיכער פּאַר די וועלכע האָבן זיך דערנענטערט צו זיין אַרבעט, אַז ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אויפגאַבע אַלס ייד וואָס האָט אין זיך געטראָגן דעם ברען פון „תורה מציון".

צום ערשטן מאָל זינט דעם חורבן האָט אויפן הר הצופים געהאַט די ממשלה אַ פולער גאַנצער ייד, וועלכער האָט אָפּגעהיט שבתים און יום טובים, און אין זיין הויז האָט מען גערעדט העברע־איש' ווי זעלטן אין אַן אַנדער שטוב אין ארץ ישראל.

זיין זון איז געוואָרן אַן איידעם פון העברעאישן בלשן, און שפּראַך־פאָרשער, יהודה גראַזאָווסקי, וועלכער איז געווען ירוש־לימדיק און טראַדיציאָנעל פון קאָפּ ביז צו די פיס.

דאָס איז די גרעסטע גאולה־געשעעניש נאָך דעם באַלפור־אַקט, געמאָסטן מיטן דעמאָלטדיקן צייטגייסט.

ביי פופציק טויזנט יידן מיט זעקס הונדערט טויזנט אַראַ־בער, האָט ער איינגעפירט עברית אַלס איינע פון די אָפיציעלע מלוכה־שפּראַכן. האָט דערמעגלעכט די קאָלאָניזאַציע פון עמק, דעם אויפבוי פון תל־אביב, פון ניי־ירושלים, הדר הכרמל, האָט אונדז געגעבן די רוטענבערג־קאָנצעסיע אויף עלעקטרישער באַלייכטונג, די נאָוואָמייסקע־קאָנצעסיע אויף די מינעראַלן פון ים המלח, און

אַ מלוכהשן סטאַטוס פאַרן ישוב אין דער פאָרם פון כנסת ישראל און וועד לאומי.

זיינע אינפאָרמעס און רעדעס וועגן ישוב פאַר אַ קאָמיסיע פון פעלקער־בונד זענען דאָקומענטן פון אַ יידישער נשמה און זיינע תפילות אין שול פון יהודה החסידס חורבה וועט נישט דערלאָזן אַז די געשיכטע זאָל אים אַזוי קריוודען ווי עס האָבן דאָס געטאָן די ציוניסטן פון זיין דור.

דווקא אוסישקין, האָט נישט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט אים צו קריטיקירן און צו לויבן.

אפשר וואָלטן ווייצמאַן און אוסישקין געווען בעסערע „קאָמיסאַרן" אָבער סאַמועלס צונויפבונד מיט יידישקייט מוז ריכטיק אָפּגעשאַצט ווערן, נעמענדיק אין אַכט זיין סביבה, זיין פּאָזיציע און זיין אחריות.

דער „סיסטעמאַטישער און מעטאָדישער" ענגלענדער איז געוואָרן ליריש־סענטימענטאַל אין זיין מעמאָראַנדום צום טרוקענעם אַסקוויט וועגן אַ יידישער מלוכה אין ארץ ישראל.

זיינע שווערע טעותים זענען אַזעלכע וואָס יום כיפּור פון יידישן קיום איז בכל אופן אויף זיי גיכער מכפּר איידער אויף די עבירות פון יאָהודימשער ביוראָקראַטיע, וועלכע האָבן אויסגעמעקט ציון און ירושלים פון זייער האַרצן און האָבן געמאַכט ביטער און זויער אונדזער לעבן, אונדזער שטרעבונג אַרויסצוקומען פון פינצטערן גלות.

ווייצמאַן האָט עס פאַרשטאַנען און ער דערמאָנט עס אַלץ פונדסניי.

ביי דער אָפּשידס־מסיבה אין לאָנדאָן, ערב סאַמועלס איבערנעמען די מיסיע, זאָגט ווייצמאַן:

„זיין מיסיע איז שווער. די רעגירונג האָט געזוכט און האָט נישט געפונען פאַר דער פונקציע קיין פּאַסיקערע פּערזאָן ווי הערבערט סאַמועל. אַ חוץ זיינע גלענצנדיקע סגולות און זיין גרויסע דערפאַרונג איז אים באַשערט אַן אינספּיראַציע מסביר צו זיין און צו פאַרטייטשן דעם יידישן גייסט פאַר נישט יידן און פאַר יידן דעם נישט יידישן גייסט.

„ער פאַרנעמט איצט אַן ערשטע פּאָזיציע צווישן די ערשטע פירער פון ענגלאַנד, און וואַרפט אַלץ אַוועק לטובת זיין פאָלק און לאַנד.

„ער האָט אונדזערע ברכות' אָבער ער מוז אויך האָבן אונ־דזער הילף".

נישט אַלעמאָל האָט ער געהאַט אונדזערע ברכות, און נאָך זעלטענער אונדזער הילף.

„איך בין איבערצייגט — זאָגט ווייצמאַן אין אַן אַנדער אָרט — אַז דער גרויסער ייד און וואונדערבאַרער אַדמיניסטראַטאָר וועט אָנפירן מיט אונדזערע ענינים אַזוי ווי עס איז נויטיק"...

ווייצמאַן האַלט עס פאַר איינע פון זיינע גרעסטע זכיות וואָס ער האָט משפיע געווען לטובת דער נאָמינאַציע פון סאַמועל.

סאַמועל קומט קיין ירושלים נישט נאָר נאָך סאַן רעמאָ, נאָר אויך נאָכן ערשטן אַראַבישן פּאָגראָם פאַר וועלכן מאַנכע מיליטע־רישע ענגלישע באַאַמטע זענען געווען מיט־פאַראַנטוואָרטלעך.

ער קומט און ווערט דער יידישער הערשער וואָס האָט צו קעמפן מיט אַראַבער, ענגלענדער און אויך געוויסע יידן.

אַלע הויך־קאָמיסאַרן אין ארץ ישראל נאָך סאַמועל זענען געווען ריינע אַנגלאָ־זאַקסן, אויפגעהאָדעוועט אין דער באַזאַכטקייט און דער זיכערקייט פון אימפּעריאַל־בריטישער מרחקים.

אפילו וואקאפ איז נישט קיין יוצא מין הכלל.

נישט אַלע האָבן פאַרשטאַנען דעם תכלית און דעם אינהאַלט פון דעם באַלפור־אַקט, און נאָר איינער אָדער צוויי האָבן געזען אַן ענגלישן אינטערעס אין דעם פּראָצעס פון זיין פאַרווירקלעכונג ביי שטענדיקע מאָדיפיקאַציעס.

נאָך ווייניקער פון די הויך־קאָמיסאַרן האָט עס פאַרשטאַנען די מיליטערישע אָקופּאַציע־קליקע.

צו דערגיין צו דער וויזיע פון אַ ירושלים איז נישט קיין לייכטע זאַך.

אַוודאי נישט פאַר ענגלישע קאָלאָניאַל־פּראַקטיקער.

אָריענטאַציע איז פאַר אַלעמען געווען דער ענגלישער אינ־

טערעס, און צום אויסדרוק איז געקומען דער בריטיש קאָלאָניאַ־לער נוסח.

סאַמועל איז געווען דער ענגלישער ייד און דער יידישער ענגלענדער אויף דער הויך פון הר הצופים. פון די נידערונגען פון יהודה החסידס חורבה האָט ער זיך אינספּירירט לכל הפּחות אַזוי ווי מיטן ענגלישן פּאַטריאָטיזם.

דער מפטיד אין שול האָט אים אַרויפגעלייגט אַזעלכע התחייבותן וויביידע טיילן פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

אַזוי האָט ער דורכגעלעבט סתירות און קאָנפליקטן, וועלכע האָבן אַרויסגעבראַכט יידיש־נאַציאָנאַלע געשעענישן און שווערע עבירות.

ער רעגירט מיט אַן אייגענעם נוסח וועלכער איז אַ סך ווייטער פון קאָלאָניאַל בריטישן איידער פון משיחיש־יידישן.

אין דער ערשטער צייט פון סאַמועל־רעגירונג האָט אויך וויצמאַן, אַוודאי מיט סעמועלס הסכמה, פּראָקלאַמירט אַ פרייע עליה:

„מיר קענען ברענגען מענטשן וויפל מען וויל. מיר קענען באַקומען ערד וויפל מיר ווילן נאָר באַאַרבעטן; מיר מוזן נאָר שאַפן די פינאַנציעלע מעגלעכקייטן״.

אַ קלאָרע ציוניסטיש־פּראָגראַמאַטישע מאַניפעסטאַציע.

מיר האָבן אָבער די מענטשן נישט געבראַכט; באָדן נישט גענוג געקויפט, און די פינאַנץ־מיטלען נישט געשאַפן.

די יידישע מיסיע פון סאַמועל האָט נישט באַקומען איר שפּייז פון כלל־ישראל, און די בריטיש־קאָלאָניאַלע פשטות האָט פּראָגרעסירט.

די יידישע אָפּאָזיציע קעגן סאַמועל מאַכט אים פאַר אַ שעיר לעזאזל פאַר די אייגענע עבירות.

און קורץ פאַר זיין פאַרלאָזן ירושלים שטייט ער אויפן הר הצופים, צוזאַמען מיט וויצמאַן און מיט באַלפור און ער, דער בריטישער הויך־קאָמיסאַר, מאַכט מיט אַ באַדעקטן קאָפּ, ביי דער פּתיחה פון דער אוניווערזיטעט די טראַדיציאָנעלע ברכה מיטן פולן שם און מלכות:

שהחיינו וקימנו והיגענו לזמן הזה.

ער מאַכט די ברכה און נישט ווייצמאַן.

קעגן הערבערט סאַמועל וועט די געשיכטע נישט קאַרגן מיט קלאגעס, אָבער אַ הערבערט סאַמועל האָט דאָס רעכט צו פאָדערן אַז מען זאָל אים פאַרשטיין לויט דער סביבה אין וועלכער ער איז געבוירן און אויפגעוואַקסן, לויט דער דערציאונג, וועלכע ער האָט באַקומען און לויט די פּאָזיציעס וועלכע ער האָט פאַרנומען. עס גייט אין אַ פּערזענלעכקייט. עס גייט אין יידישער געשיכטע. ביי־דעם פּאָסטולירט גערעכטיקייט, אמת און גענויקייט.

נישט גאַרנישט איז אַזוי וואָלוול און פאַרברעכעריש ווי אַבסטראַקטע קאָנסעקווענץ אינעם משפּט איבער געשעענישן און מענטשן.

נישט אַלע מאָל שטרענגט זיך אָן דער שכל אָפּצואוועגן פּאָ־זיטיווע און נעגאַטיווע מעלות און האַנדלונגען. מען לאָזט די לאָגיק גיין אַ פרייען אַבסטראַקטן גאַנג, הגם זי קען זפירן צו שווערע קריוו־דעס בשעת זי נעגירט רעאַליטעטן, וועלכע ליגן אויף איר וועג און וועלכע פאָדערן אָן אַנאַליז, אַ חקירה און דרישה.

כדי צו פאַרשטיין די פערזענלעכקייט סאַמועל, וועלכער האָט פינף יאָר נאָכאַנאַנד באַהערשט דעם גורל פון ירושלים און דעם גורל פון ישוב, מוז מען זיך באַקענען מיט זיין מהות און מיט זיין לעבנס־פּראָצעס.

אין עלטער פון פינף און דרייסיק יאָר קומט ער אין קאַבינעט פון ליבעראַלן גאמפּעל־באַנערמאַן: דער ערשטער ייד וועלכער דער־לאַנגט צוש שטאַפּל פון אַן ענגלישן מיניסטער. ער ווערט מיניסטער פון פּאָסט און טעלעגראַף, ער ווערט קאַנצלער פון לאַנקאַסטער און אין אסקוויטס רעגירונג אינערן מיניסטער.

אין דער צייט פון וועלט־קריג אַרבעט ער אין קאַבינעט פון לאָיד דזשאָרזש און ער פירט דורך רעפאָרמען אין דעו ביודזשעט און אין די פינאַנצן.

דער פּאָסטן פון אַ הויך־קאָמיסאַר אין ארץ ישראל איז בנוגע דעם גראַד פון פּאָזיציעס, נישט געווען קיין פּראָגרעס נאָר אַ רע־גרעס. און אויב ער האָט עס מיטן גאַנצן האַרצן אָנגענומען האָט

אים דערצו באַשטימט אַ סאָציאַל־עטישע און נאַציאָנאַלע מצווה.

די משפחה סאַמועל האָט יחוס. זי איז אַלעמאָל געווען טריי צו דער יידישער מסורה. אַזוי ווי זיין ברודער, וועלכער איז געווען אַן אָרטאָדאָקסער ייד, איז אויך סאַמועל קיינמאָל נישט אָפּגע־טראָטן פון דער יידישער טראַדיציע און האָט אַלעמאָל שטאָלצירט מיט דער גייסטיקער ירושה פון זיין פאָלק.

אין איינער פון זיינע רעדעס, אין יאָר 1917 זאָגט הערבערט סאַמועל:

„דער רייכטום פון דער מענטשהייט באַשטייט אין די פאַר־שידנקייט פון זיינע קאָלאָריטן. מיר ווילן נישט אַז די וועלט זאָל זיין איין גרויסע ביבליאָטעק מיט איבערזעצונגען פון איין איינציקן ספר. דער יידישער גייסט איז אַ זאַך פאַר זיך. אין אַ וואונדערבאַ־רער פאָרם איז ער אַ זיווג פון פאַנטאַזיע אוןווירקלעכקייט, פון אידעאַל און רעאַליטעט. דאָס האָט אים דערמעגלעכט אין משך פון 1500 יאָר אויסצובילדן אין ארץ ישראל אַ פמליה פון פאָליטיקער און מיליטערלייט, ריכטער און דיכטער, נביאים און זעער, חכמים און פירער, וועלכע האָבן אַרויפגעדריקט זייער חותם אויף דער גאַנצער וועלט. דער יידישער גייסט איז אַן עקשן און רעזיסטירט יעדן קעגן־כוח.

און איצט, ווען אַלע שטאַרקע לענדער, וועלכע האָבן געהערשט איבער דער וועלט האָבן געהאַט אַ מפלה און זענען כמעט ווי פאַרגעסן' לעבט דאָס יידישע פאָלק און איז גרעסער קוואַנטיטאַטיוו ווי אין וועלכער נישט אַנדערער תקופה פון זיין געשיכטע".

קורץ איידער ער האָט פאַרלאָזן לאָנדאָן אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, האָט ער אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק אַז ביי אַ קליינער יידי־שער מינדערהייט איז מעגלעך צו שאַפן אַ יידישע מלוכה. ער איז פאַר אַ יידישער מלוכה. דערצו איז אָבער נויטיק אַ מערהייט. ער איז געווען אָפּטימיסטיש בנוגע די באַציאונגען צווישן יידן און אַראַבער, און האָט געזען אין ציוניזם אַ באַוועגונג וועלכע באַזירט זיך אויף טרייהייט פון די יידן צו זייער רעליגיע און צו זייערע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס.

ער האָט געפאָדערט פאַר ארץ ישראל דעם חרמון און דעם עבר הירדן.

אָבער נישט די מאַטעריעלע זייט איז פאַר אים געווען דעצי־דירנד. ער זאָגט:

„איך זע אַ מיגלעכקייט צו שאַפן אין ארץ ישראל אַ חברה, וועלכע וועט זיין אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער וועלט; איך זע אַ סביבה פון וועלכער עס זענען אַרויסגעקומען די העכסטע אידע־אַלן און זיי וועלן ווידער אַרויסשפּראָצן; מיינע בליקן גייען פאַראויס און דער עבר איז פאַר מיר נאָר אַן אָריענטאַציע פאַרן עתיד. דאָרט וואו היינט איז דער מדבר וועלן אַמאָל זיין לאַנד־ווירטשאַפטלעכע דערפער, אָראַנזשן־גאָרטנס, וויינגאָרטנס, תבואה־פעלדער, כאַפּטעס שעפּסן אין די טאָלן און אויף די היגלען; די וואַסער־קראַפט וועט ברענגען עלעקטריק פאַר הונדערטער פאַמי־ליעס׳ אַרבעט, שאַפן אַ בליענדיקן עקספּאָרט און פּראָדוקטן פאַר די באַדערפנישן פון דער באַפעלקערונג; פון די דעכער און פון די הייזער זע איך שפּאַנען אינדוסטריען און אין דעם קלאָרן קלימאַט פון דעם מיטלענדישן ים זע איך האַפנס פון חיפה און יפו און איך זע ירושלים, שענער און רחבותדיקער ווי ווען נישט איז. איך זע אַ געזונטן מענטשן־טיפּ, מיט דער נאַטירלעכער אינטעליגענץ פון יידישן פאָלק, וועלכער איז אַנטוויקלט דורך אַ פּראָגרעסיווע דערציאונגס־שיטה און איז קאָנצענטרירט אַרום אַן אוניווערזיטעט אויפן הר הצופים, וועלכע וועט אַרויסגעבן חכמים און געלערנטע, משוררים און פילאָזאָפן, מוזיק־ווירטואָזן און וויסנשאַפט־מענער. דאָס איז אַן אידעאַל פאַר וועלכן עס איז כדאי צו אַרבעטן. אין ירושלים זע איך משיחישע חלומות פון טויזנטער יאָרן, מיליאָנען פאַרפאָלגטע יידן מיט די אויגן צו ציון״ —

דאָס איז געשיכטע.

און סאַמועל ציטירט ווערטער פון דער כורש דעקלאַראַציע:

„ווער פון דעם פאָלק עס טראָגט גאָט אין האַרצן וועט עולה זיין קיין ירושלים וואָס איז אין יהודה און ער וועט בויען דאָס הויז פון גאָט, ישראלס גאָט׳ דאָס איז דער גאָט וואָס איז אין ירושלים״.

סאַמועל אויפן הר הצופים איז געווען די בלוי־ווייסע פאָן וועלכע האָט זיך אויפגעצויגן איבער ארץ ישראל.

דער ניכטערער נאַרדוי איז געווען פון דער נאָמינאַציע באַגייסטערט און אפילו זשאַבאָטינסקי האָט אויסגערופן:

„סיר הערבערט סאַמועל איז באמת דער פאַסיקסטער מענטש פאַר דער גרויסער מיסיע. ער צייכנט זיך אויס מיט געדולד, מיט קאָנסעקווענץ, מיט נאָבעלקייט און מיר זענען באַרעכטיקט צו פאַרבינדן מיט אים גרויסע האָפענונגען״.

סאַמועל איז געווען אַ ציוניסט — און אפילו דער כמעט שונא־ציון ווי עס איז געווען דעמאָלט דער אויסערן מיניסטער קערסן, האָט געמוזט מודה זיין אַז „אויב מען וויל ערלעך מקיים זיין די פאָליטיק פון באַלפור האָט מען קיין בעסערן מענטשן ניט געקענט געפינען ווי הערבערט סאַמועל״.

יט

די באַלפור־דעקלאַראַציע איז אין דעם גלות לעבן די שטאַרק־סטע אַנטפּלעקונג פון יידישער און ירושלימער געשיכטע.

יאָרן פון אָקופּאַציע, פון שווערע קאָנפליקטן, פון מושלים מיט דער ציון־וויזיע אָדער אָן דער יידישער ציון־וויזיע, אין אַ תקופה מיט פאַרשטאַרקטע משיחישע האָפענונגען און אַ העלדישן חלוציזם, ווי די וועלט האָט עס אפשר קיינמאָל נישט געזען.

דער ענגלישער חיל האָט פאַרנומען די שטאָט און אַ ענגלי־שער פּאַטריאָט, דער גענעראַל אַלענבי, בראש פון דעם מזרח־חיל, איז געוואָרן אויך דער הערשער איבער ירושלים, גענעראַל קליי־טאָן ווערט דער פאַרבינדונגס־אָפיציר פאַר ארץ ישראל און ראָנאַלד סטאָרס, זיין געהילף.

די גורלדיקסטע צייט פאַר ירושלים זינט דעם צווייטן חורבן.

קיינער גיט נישט אַזאַ רייכן, פּילפּאַרביקן און זאַפטיקן מאַ־טעריאַל וועגן דער שטאָט אין אָקופּאַציע־צייט ווי סטאָרס אין זיינע זכרונות, הגם ער איז אַוודאי נישט גאָר אָביעקטיוו און נישט אַלע מאָל אָן טענדענץ.

סטאָרס שטאַמט פון אַ רעליגיעז־קריסטלעכן פאַמיליען־טיפּ און געהערט צו די ענגלישע ביבל־מענטשן, וואָס האָבן זייער בולטסטן פּראָטאָטיפּ אין פריערדיקע מ י נ י ס ט אָ ר ן, ווי

שעפּס־בורי, פּאַלמערטאָן, סעסיל, באַלפור, סייקס, א. אַ. וו.

ער איז מער קינסטלער, ליטעראַט און עסטעט׳ איידער אַ קריגס־העלד, אָדער אַ מיליטערישער אַדמיניסטראַטאָר.

ער אַליין שרייבט וועגן זיך און זיין חבר קלעיטאָן, צוויי ענגלענדער, וואָס דער גורל האָט יאָרנלאַנג באַהעפט מיטן יידישן גאולה־חלום :

„קלעיטאָן האָט דערוואָרבן אַ גרויסע בקיאות אין אַלע פּרטים פון קריגס־פירונג. איך אָבער געפין ניט אין דעם מיינע הענט און מיינע פיס. ס׳פאַרשאַפט מיר אויך נישט קיין שום הנאה. איך פאַר־שטיי דערפון גאָרנישט, אפילו נישט ביי דער ליכט פון דער מאַפּע״.

אין ירושלים איז דעמאָלט נישט געווען נישט קיין ליכט, נישט קיין פאַרקערס־מיטלען, נישט קיין טעלעפאָן, נישט קיין שפייז און נישט קיין וואַסער נאָר אָפּגעלאָזנקייט און וויסטעניש.

דער דעמאָלטדיקער מושל פון שטאָט האָט געזאָגט, אַז נאָר די באָד און די בעט איז אין ירושלים צו דערטראָגן.

דריי יאָר הונגערט די שטאָט; נאָר מיסיאָנערן און מאָנאַש־קעס האָבן כוח זיך צו באַווייזן אין די גאַסן און די פרומע יידן.

נישט קלעיטאָן און נישט סטאָרס האָבן עפּעס געוואוסט וועגן די יידן ביז דער קריג האָט זיי פאַרטראָגן אין מזרח. דער חומש איז פאַר זיי געווען הייליקע ליטעראַטור, ירושלים — סימ־באָל פון משיחיזם און אידעאַליזם, און יידן, אמתע יידן, זענען מענ־טשן פון עבר, וועלכע האָבן זייער היים אין די הייליקע שריפטן.

דאָס זענען נשמה׳דיקע איבערלעבענישן, אָן אַ קאָנטאַקט מיט דער פּראַקטיק, מיט דער רעאַליטעט.

וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָבן זיי אין די ערשטע נאָוועמבער־טעג פון 1917 עפּעס געהערט, אָבער נישט קיין סך. מאַרקס סייקס, וועלגער איז אין דער דעקלאַראַציע געווען באַטיי־ליקט און האָט געאַרבעט אין מצרים, צוזאַמען מיט ראָנאַלד סטאָרס און קלעיטאָן, דער דאָזיקער מערקווירדיקער גויאישער ציוניסט׳ האָט זיי עפּעס וועגן דעם דערציילט.

בשעת די ציוניסטישע דעלעגאַציע מיט ווייצמאַן, אוסישקין, אָרמסבי גאָר, דניאל זיף און דזשיימס ראָטשילד קומען קיין ירוש־

לים, מיט רעקאָמענדאַציעס פון לאָיד דזשאָרזש און באַלפור, האָט אפילו אַלענבי נאָך נישט געהאַט קיין אָפיציעלע אינפאָרמאַציע וועגן אינהאַלט און תכלית פון דער דעקלאַראַציע.

פון דער אַנדערער זייט האָט זיך דער יידישער טויזנט יאָרי־קער גאולה חלום געהאַט אַריינגעגאָסן אין אַ ווייט־פאַרנעמיקן פאַר־צווייגטן אינטריגן־שפּיל פון פראַנצויזיש־ענגלישער דיפּלאָמאַטיע און האָט אַריינגעבראַכט אַ מבולבלדיקייט, אַ צעמישעניש אין די מוחות פון די מיליטערישע אָריענט־הערשער, וואָס די פאַרשייטע אַראַבישע „קאַודיזשאָס״ האָבן גלענצענד עקספּלאָטירט.

אונדזער בעסטער דעמאָלטיקער פריינט, גענעראַל דידס, האָט פאַר ווייצמאַנען פאַנאַנדערגעוויקלט די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון״, וואָס כמעט יעדער ענגלישער אָפיציר האָט באַקומען אַריינ־געשיקט אין זיין הויז.

מסתמא האָבן סטאָרס און קלעיטאָן די מציאה געזען, אָבערביידע זענען געווען צו אינטעליגענט און צו ערלעך כדי אין דעם צו גלויבן.

אין ירושלים האָט סטאָרס געפונען די מיסיאָן מיט זייערע כתבי־קודש און די חלוקה־יידן.

ער האָט שוין דעמאָלט געוואוסט, און האָט אויף אַ יידישן יום טוב דערציילט, אַז אַלענבי איז אַריין קיין ירושלים דעם ער־שטן טאָג חנוכה און אַז דער וועלט־קריג איז אויסגעבראָכן אום תשעה באב.

ער האָט אויך דערציילט די יידן, אַז דוד המלך איז געווען אַ גרויסער צדיק און דאָך האָט ער געהאַט אַ פידל און איז געווען מוזיקאַליש און האָט געזונגען מזמורים. בכן: איז רעליגיע מער ווי די מצווה אָפּצוהיטן דאָגמעס.

און אויף אַ באַגריסונג האָט סטאָרס אויפגעהויבן זיין כוס פאַרן געזונט פון דער יידישער געמיינדע און האָט געזאָגט:

— זאָל אין דער יידישער געמיינדע אויך הערשן עשירות אַזוי ווי עס הערשט דאָ דער דת...

זיין גאַנץ לעבן האָט סטאָרס באַהעפט מיט דער אַטראַקטי־ווער קדושה־סימבאָליק פון ירושלים, וואָס איז פאַר אים געווען:

„איינע פון די גראַנדיעזסטע און שענסטע שטעט מיט נאַ־טור־בילדער, וועלכע די וועלט האָט ווען עס איז געזען".

ער איז געווען באַגייסטערט פאַר די רוסישע און אַנגליקאַ־נישע הייליגטימער, און ער האָט זיך פאַרשיכורט מיט דער קדושה פון „הייליקן קבר". גיך איז ער געוואָרן דער גובערנאַטאָר פון ירושלים און דווקא דער מיליטערישער, הגם ער האָט, לויט זיין אייגענער עדות, אין כאַראַקטער און טענדענץ, גאָרנישט נישט געהאַט בשותפות מיט מיליטאַריזם, מיט מיליטערישע אָפּעראַציעס און מיט מיליטערישער קונסט.

כמעט צען יאָר איז דער גורל פון ירושלים געווען אין רשות פון דעם נייעם מושל.

אין אָנהויב האָט ער געמוזט דאגהענען פאַר יעדער קלייניג־קייט:

פאַר זאַלץ און ברויט, פאַר אַ בעזים, פאַר אַ ליכט און פאַר די עלעמענטאַרסטע רפואות.

ירושלים האָט געמוזט סעפּאַרירט ווערן פון פּאָליטישן מזרח־פּלאָנטער.

סטאָרס שרייבט:

„בשעת אַלענבי האָט פּראָקלאַמירט דעם שטרענגסטן מלחמה־סטאַטוס פאַר ירושלים, האָט קיינער גאָרנישט געוואוסט וועגן דעפיניטיוון גורל פון ארץ ישראל. איין זאַך האָט מען אָבער איצט יאָ געוואוסט:

„אפילו ווען ירושלים זאָל מוזן בלייבן „אינטערנאַציאָנאַל", קען זי נישט אויפגעזויגט ווערן פון סיריע. די יידישע פּאָליטיק וועט נישט דערלאָזן, אַז יידן זאָלן בלייבן אַ מיעוט אין אַ גרויסער מערהייט"...

„אַזוי ווי רוסלאַנד עקזיסטירט נישט מער פאַרן אָריענט, עקזיסטירט אויך נישט דער אָפּמאַך פון סייקס־פּיקו פון די דריי מלוכות, און מיר האָבן פרייע הענט".

בשעת סטאָרס איז געקומען צו דער ממשלה, האָט ער געהאַט אַ רעכט, מיטן מלחמה־סטאַטוס, צו דערקלערן ענגליש אַלס די איינציקע אָפיציעלע שפּראַך און צו באַהאַנדלען די איינוואוינער

פון ירושלים ווי זיי וואָלטן געלעבט אין ציפערן אָדער אין מצרים.

ער האָט אָבער דערשמעקט, אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע ברענגט אַריין אַ שינוי אין דעם מלחמה־שאַבלאָן און אין דעם מיליטער־רעגלאַמענט.

אַ חוץ אויף ענגליש, האָבן אַלענבי און סטאָרס באַלד אַרויס־געגעבן זייערע דעקרעטן און זייערע אינסטרוקציעס אויך אויף אַראַביש און עברית.

אַראַביש האָט, ווי עס שיינט, דעמאָלט זוכה געווען צוליב עברית.

סטאָרס האָט באַקומען אַבסאָלוטע קאָמפּעטענץ פאַר דינים, פּסק־דינים, דעקרעטן און אפילו ריכטער־פונקציעס. ער האָט אָבער אַריבערגעטראָגן זיין רעכט פון יוריסדיקציע אויף ענגלישע אוי־טאָריטעטן.

סטאָרס איז געווען פאַרבונדן מיט אַלע הייליקע ערטער פון די מאָכמעדאַנער און פון די קריסטן. וועגן יידן האָט ער ווייניק געוואוסט, אַ חוץ דעם תנ״ך און יידישע מאַגנאַטן, וועלכע זענען געווען פולע ענגלענדער.

אין שפּעטערע יאָרן, ווען סטאָרס איז שוין גוט באַקאַנט געווען מיט יידן אין ירושלים, ווען ער האָט זיי געקענט און דער־קענט אין זייערע כיתות און לויט זייערע שיטות, לויט זייערע מנהגים און נאַציאָנאַלן שטייגער, און ווען ער האָט שוין גוט געקענט יידישע פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, ווען ער האָט שוין געוואוסט, אַז ציוניזם איז אַ פאָלקס־באַוועגונג, קעגן וועלכער עס קעמפן נישט נאָר גויים, נאָר אויך יידישע אַריסטאָקראַטן און אַסימילאַנטן —

אין יענער צייט שרייבט סטאָרס:

„וואָס ווייסט אַ מיטעלער, ענגלישער אינגל וועגן יידן? —

„גאָרנישט! —

„אין דער שול, וואו איך האָב געלערנט, זענען געווען צוויי יידישע יינגלעך: לאַנדבורג און ראָטשילד. ביידע זענען געווען גוט דערצויגן און מיט אַ שכל וואָס האָט אַלץ פאַרשטאַנען, שבת האָבן זיי די שול נישט באַזוכט, און איך האָב זיי אין דעם מקנא געווען.

דער לערער האָט זיי דערפאַר נישט באַשטראָפט, און דאָס האָט מיך גערגערט.

„אויך אַנדערע יידישע קינדער זענען געווען אין שול, פּע־איקע און גוטע חברים. איינער איז אפילו געווען מיינער אַ גאַר נאָענטער פריינט. ווער האָט אָבער וועגן זיי געטראַכט און גערעדט ווי וועגן יידן?

„אַז מיין טאַטע האָט דערמאָנט דעם תנ״ך, האָט ער דער־מאָנט יידן. די מאַמע האָט אַמאָל דערציילט, אַז זי האָט פאַר־דונגען דאָס הויז ביים ים צו יידן, צו אויסגעצייכנטע מענטשן: זיי זענען אָבער געווען אַזוי פרום אַז זיי האָבן אונדזערע הייליקע בילדער אַראָפּגענומען פון דער וואַנט און זיי פאַרלייגט אין קעלער. דערווּנטער איז אויך געווען אַ רעפּראָדוקציע פון קאַרל דעם ער־שטנס זון, פון וואַן דייק.

„אין מצרים האָב איך געקענט ספרדישע יידן, און איך בין שטאָלץ אויף זייער פריינטשאַפט. זיי האָבן מיך באַטייליקט אין זייערע שמחות און האָבן מיך אַרויסבאַגלייט קיין ירושלים מיט אַ יום טוב אין בית־המדרש. זיי זענען געווען באַנקירן, אָדער זיי האָבן געהאַט הויכע רעגירונגס־פּאָסטנס, וואָס זיי האָבן כשר פאַרדינט.

„דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב געוואוסט וועגן יידן ביז 1917, אַ חוץ דעם תנ״ך.

„תהילים האָב איך געקענט אויף אויסווייניק.

„מיין פרוי האָט געזען דעם ערשטן מאָל אַ יידן אין יאָר 1923.

„די אַראַבער האָב איך געקענט אין זייער מהות און זייער ליטעראַטור, און איך האָב זיי געאַכפּערט און פאַרשטאַנען. די מצרים האָבן בעסער ווי אַנדערע אַראַבער גערעדט אַראַביש, און די ארץ ישראלדיקע אַראַבער זענען געווען אידענטיפיצירט מיט דעם לאַנד״.

שפּעטער רעדט סטאָרס מיט התלהבות וועגן יידן און יידיש־קייט נאָך דעם ווי ער האָט עס דערקענט, אויסגעלערנט און אָפּ־געשאַצט און נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַהעפט מיטן אמתן ירושלים.

סטאָרס רעדט וועגן ירושלים ווי וועגן דער הייליקסטער גע־ליבטע.

צווישן אָרטאָדאָקסן און אַרמעניער זענען אין ירושלים אָפט פאָרגעקומען קלענערע אָדער גרעסערע קאָנפליקטן, אָפט בלוטיקע געשלעגן און דער גובערנאַטאָר האָט אַלץ געמוזט פאַרגלעטן און אויסגלייכן.

קיינער האָט נישט אַזוי אָפּגעהיט דעם אַנטיקן סטיל און דעם איינהייטלעכן כאַראַקטער פון ירושלים, ווי סטאָרס אין זיינע ניין רעגירונגס־יאָרן.

באַלד אין זיינע ערשטע רעגירונגס־טעג האָט ער געשאַפן די חברה „למען ירושלים".

אַ ראַט צו רעמאָנטירן, צו פאַרשענערן און אויסצובויען ירו־שלים ווי אַ הייליקע וועלט־שטאָט.

אין דעם ראַט זענען געווען באַטייליקט ביז 20 געמיינדעס און רעליגיעס. אַלע האָבן זיך באַטייליקט מיט געלט, אַלע האָבן באַוויזן זייער ליבשאַפט צו ירושלים, הגם מחוץ פון דער חברה האָבן זיי זיך געקריגט און געשלאָגן.

מאַכמעדאַנער, קריסטן און יידן, סוחרים, קינסטלער און ליטעראַטן, ליבעראַלע פּראָפעסיעס און קליינע האַנטווערקער האָבן פאַרשטאַנען, אַז ירושלים האָט אַן אייגענעם סטיל, און אַז זי קען נישט זיין קיין קאָפּיע פון קיעוו, מאַנטשעסטער אָדער באַלטימאָר.

„דעמאָלט" — שרייבט סטאָרס — „האָב איך דערקענט דעם כוח פון ירושלים, און איך גלויב, אַז איך בין געווען נישט קיין שלעכטער „שנאָרער".

סטאָרס האָט פאַרבעטן טעכניקער, אַרכעאָלאָגן, אַרכיטעקטן און קינסטלער, וועלכע האָבן אָנגעוואָרפן פּלענער צו היטן און צו אַנטוויקלען די טראַדיציאָנעלע אינטערעסן פון ירושלים און פון אירע איינוואוינער, צו שיצן אירע אינסטיטוציעס און צו שאַפן נייע אינסטיטוציעס, אויפצובויען שטאָטישע פּאַרקן, גאַסן, וואַר־שטאַטן אין הסכם מיט דעם תכלית פון דער אגודה און מיט דער קולטור פון שטאָט. דעם מעטשעט האָט מען באַפּעסטיקט. ריטש־

מאַנד האָט געמאַכט אויסגראָבונגען און האָט אַנטדעקט די „איי־וועגס״ פון שלמה המלכס צייטן.

אַ קאָמיטעט פון דריי געמיינדעס האָט באַשטימט די נעמען פון די גאַסן אויף אַלע דריי שפּראַכן.

די אגודה „למען ירושלים״ האָט געשאַפן אַ סאַלאָן אָדער אַן אַקאַדעמיע פאַר מאָלעריי און פאַר אויסשטעלונגען, פאַר ארץ־ישראלדיקער און מאָכמעדאַנער קונסט, אַ לייען־זאַל וואו עס האָבן זיך געפונען צייטונגען און זשורנאַלן אויף אַלע שפּראַכן, און אַ חוץ דעם איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ביולעטין מיט די לעצטע נייעס.

וועגן דעם גייסט פון פאַרבאַנד „למען ירושלים״ שרייבט סטאָרס:

„עס איז מיר געווען אַזוי (ווי אַלע מזמורים פון תהילים) ווי אַ מתיקותדיקער מזמור פון ישראל. ווי אַ גרויסער חיל פון עדות, וואָס מען האָט נישט געזען, וואָלט אַריינגעגאָסן זיין גייסט אין אונדזער אַרבעט.

„אונדזער תפילה:

„תבנה חומות ירושלים״.

„מיר האָבן צוריקגעלייגט אויף זייער אַלטן אָרט די אַראָפּ־געפאַלענע אַלטע שטיינער. די אַרכיטעקטאָנישע באַצירונגען און קרוינען; די טורעם־שפּיצן און די שטיינדלעך צווישן די גרויסע שטיינער. מיר האָבן פאַנאַנדערגעגראָבן און אויסגעשטיינט אַרום די מויערן אַלע פרעמדע עלעמענטן און מאַטעריעס, וואָס האָבן זיך אויף זיי אָנגעזעצט אַזוי, אַז מיר האָבן מקיים געווען דעם פּסוק:

„סובו ציון והקיפוה, ספרו מגדליה, שיתו לבבכם לחילה פסגו ארמונותיה״.

(גייט אַרום ציון און רינגלט איר אַרום, ציילט אירע טור־רעמס, היט אירע מויערן, באַשטייגט אירע פּאַלאַצן).

איך בין קיינמאָל נישט מיד געוואָרן לייענענדיק די דריי ווערטער צו באַוואונדערן זייער פיל־געשטאַלטיקייט.

מיר האָבן רעמאָנטירט און אויסגעשטייגט דעם דוד־טורם, און מיר האָבן אַרויסגעפירט הונדערטער טאָנען זאַמד און שמוץ,

וועלכע זענען געבליבן פון די טערקישע צייטן און מיר האָבן אַזוי פאַרהיט אַ חלול הקודש.

„אויך אַ שאַך־קלוב האָט די חברה געשאַפן מיט אַ קריסט (סטאַרס אַליין) בראש, אַ ייד אַ קאַסיר, אַ קאַטאָליק אַ סעקרעטאַר און מאַכמעדאַנישע חברים.

„ביים ערשטן מאַטש האָבן פיר יידן גענומען די ערשטע פרייזן און דער מיליטערישער גובערנאַטאָר דעם פינפטן פרייז”.

אַ כאַראַקטערישער פאַל איז דאָס, וואָס האָט פּאַסירט מיט דער מוזיק־שול:

פאַר אַ ספּעציעל־פאַרבעטענעם עולם האָט דער גובערנאַטאָר רעפערירט איבער דער געשיכטע און באַדייטונג פון מוזיק. אַ געקליבענע קאָמיסיע האָט געמוזט געפינען און אַנשטעלן די לערערס, דינגען אַ הויז, אַנשאַפן מוזיק־אינסטרומענטן, א. א. וו. וויניקסטנס דריי פערטל פון די לערערס און 90 פּראָצענט פון די תלמידים זענען פון ערשטן טאָג אָן געווען יידן.

מחמת דעם האָט סטאַרס צו זיך פאַרבעטן די קריסטלעכע און מאַכמעדאַנישע חברים און האָט זיי מתרה געווען, אַז הגם ער וויל איינהיטן אויך ביי דער שול דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער לייטונג און באַלעבאַטישקייט אַזוי ווי ער טוט עס אומעטום, וועט ער דאָך זיין געצוואונגען איבערצוגעבן די אינסטיטוציע ווי אַ מתנה צו די יידן, אויב די קינדער פון אַנדערע רעליגיעס וועלן זיך נישט באַטייליקן.

„נאָך זעקס חדשים האָב איך די שול געמוזט איבערגעבן אַלס מתנה צו יידן” — שרייבט סטאַרס.

הגם סטאַרס איז אין דער ערשטער צייט ביז צו דעם אָנקומען פון הערבערט סאַמועל געווען כמעט אָן אַליין־הערשער אין ירושלים, האָט ער דאָך פאַרשטאַנען, אַז ירושלים איז צונויפגעוואַקסן מיט גאַנץ ארץ־ישראל, און אַז קיין אַנדער שטאָט קען נישט פאַרנעמען דעם אָרט פון ירושלים, אַלס נערוו פון לאַנד.

נאָך קלעיטאָנס דימיסיע אַלס ערשטער מיליטערישער קאָמאַנדאַנט פון ארץ ישראל, איז אויף זיין אָרט געקומען דער גענע־

ראַל אַרטור מאַניי, וועלכער האָט באַשלאָסן אַריבערצופירן זיין שטאַב פון מצרים קיין ארץ ישראל.

כדי נישט צו שאַפן קיין קאָנקורירנדיקע מאַכט־אינסטאַנצן, האָט מען דעם צענטער פון לאַנד פאַר מאַנייס שטאַב געוואָלט פאַרלייגן אין אַן אַנדער פונקט מחוץ ירושלים.

וועגן דעם שרייבט סטאָרס:

„די מאָטיוון און די טעמים זענען געווען ריכטיק. אָבער אַלע מעלות פון אַזאַ פּראָיעקט ווערן בטל כלפּי דעם איין־איינציקן טעם —„אַז ארץ־ישראל קען נישט האָבן קיין אַנדער צענטער מחוץ ירושלים"...

סטאָרס איז מרמז אַז זינט דעמאָלט האָט ער אָנגעוואָרן אימפּעט אין זיין אָנשטרענגונג און דעם נחת־רוח פון זיין אַרבעט. ווי עס שיינט, וויל ער דערמיט אויך מרמז זיין, אַז ער איז יורי־דיש און פּאַקטיש נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די צוויי פּאָגראָמען אין ירושלים, וועלכע האָבן איינגעבראַכט דעם גובערנאַטאָר שאַרפע קריטיק און אַ טיפע שנאה מצד די יידן:

ער שרייבט:

„מיין אַרבעט האָט זיך געצויגן גאַנצע טעג און אַ סך שעהן אין דער נאַכט. די פיזישע באַקוועמלעכקייטן זענען געווען אונטער יעדער קריטיק. אָבער די קורצע תקופה פון מיין ממשלה אין ירו־שלים, איידער עס איז געקומען דער גענעראַל־שטאַב פון גענעראַל מאַניי, איז באַשיינט מיט אַ באַזונדער שטראַלנדיקער שיינקייט, און זי אונטערשיידט זיך פון אַלע אַנדערע אַרבעטס־יאָרן.

„איך וועל די צייט אַלע מאָל געדענקען ווי די תקופה פון אַ גייסטיקער באַפרידיקונג, וועלכע האָט נישט צו זיך קיין גלייכן"...

וועגן ערשטן „פּאָגראָם" אין ירושלים, פּסח 1920, שרייבט סטאָרס מיט ביטערקייט און כעס:

„גראָד דעמאָלט בין איך געווען מיט מיינע עלטערן אין קירך. איך האָב אָבער אָנגעזאָגט מיר מודיע צו זיין וועגן דער פּראָצעסיע פון נעבי־בוסא ווען זי וועט זיין אַ האַלבע שעה פאַר ירושלים. מען האָט פאַרגעסן דאָס צו טון, און עס איז געקומען ביים יפו'ער טויער צום אויסברוך פון די אומרוען, וואָס „האָט געקאָסט נישט

נאָר מענטשלעכע לעבנס, נאָר אויך די מיט אַזוי פיל שווייס און בלוט געשאַפענע גוטע באַציאונגען צווישן די דריי עדות.

„צי האָבן אונדזערע קריטיקער אין אייראָפּע און אין אַמע־ריקע די קלענסטע פאָרשטעלונג פון די שמאָלע און קרומע סטעזש־קעס אין דער אַלטער שטאָט, וואו מען קען נישט פאָרן אָדער רייטן, פון די הושכדיקע גאַסן־ווינקלען, וועלכע וואַרפן אַן אַן אימה אַזוי אַז פון הינטן קען אַ גאַנצע משפחה אויסגעהרגעט ווערן און דער פאָליציסט, וועלכער שטייט נישט מער ווי אַ הונדערט טריט ווייט, זעט אפילו נישט און הערט נישט, וואָס עס האָט פּאַסירט. צי האָבן זיי אַ באַגריף פון דער היסטערישער פּאַניק אין שטאָט וואו עס רופט אַרויס אַ שרעק, ווען אַ ליידיקער זאַק פאַלט אויף שטיי־נער?"

סטאָרס קריטיקירט מיט סאַרקאַזם דעם מעטאָד פון אויס־פאָרשונג, וועלכע גענעראַל בולס האָט אָנגעפירט. ער גיט אפילו אָנצוהערן, אַז די רעגירונג איז געווען טענדענציעז.

און ער דערציילט אַט וואָס:

„דעם רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג האָט מען קיינמאָל נישט פאַרעפנטלעכט, ווייל מען האָט געוואָלט די פאַראַנטוואָר־טונג אַרויפלייגן אויף דער אַרטיקער באַפעלקערונג.

„אָבער נאָך מער:

„דער פּראָוואָקאַטאָר אַמין אל הוסייני, דער יונגערער ברודער און שפּעטערדיקער יורש פון מופטי, איז אַנטלאָפן, אַזוי ווי אַלע דעמאַגאָגישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעטון זיין שטיקל אַרבעט. די פּאָליציי האָט פאַרגענומען אַ הויז־זוכונג ביים מופטי, וואָס איך וואָלט נישט געהייסן, ווען מען פרעגט מיך; אָבער דאָס איז געווען געזעצלעך, דער מופטי איז געלאָפן צו דער צענטראַלער רעגירונג מיט אַ פּראָטעסט און האָט צוריקגעגעבן דעם טיטל „עקסעלענץ".

„די רעגירונג האָט מיט איר שווייגן, טאָלערירט די לעכער־לעכע חוצפה און האָט זיך ביי אים געבעטן צוריק אָנצונעמען דעם טיטל ווי ווען ער וואָלט אונדז דערמ־ט געטאָן דעם גרעסטן חסד".

דער פסח־פּאַגראָם האָט אַרויסגעבראַכט דעם דעקרעט, אַז קיין שום אַרבעט טאָר ביים כותל מערבי נישט געטאָן ווערן פריי־טיק און שבת, און אַז דער הוסיינישער אינטענדענט פון ירושלים, מוסא קאזים פּאַשאַ, זאָל פאַרביטן ווערן אויף אַ נאַשאַשיבי, וועל־כער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר די יידן אפשר נאָך ערגער ווי קאָזים פּאַשאַ.

דער קאַמף פון דער העברעאישער פּרעסע קעגן סטאָרס, האָט אָנגענומען טאָג־טעגלעך אַ שאַרפן און פּערזענלעכן כאַראַקטער. איתמר בן אבי, אין „דואר", און דר. מ. י. גליקסאָן, אין „הארץ", האָבן געפאָדערט קאַטעגאָריש די דימיסיע פון סטאָרס.

„רד" — אַראָפּ, איז געווען די איבערשריפט פון גליקסאָנס לייט־אַרטיקלען.

די פאַרביטערונג קעגן סטאָרס אין די יידישע קרייזן איז אַלץ מער געוואַקסן, אין דער צייט, ווען ער האָט זיך געהאַלטן ווייניקער פון אַלעמען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די געשעענישן.

אין אַ שמועס מיט איתמר בן אבי האָט אים דער לעצטער דערקלערט, אַז דורך זיינע אַטאַקעס פאַרהיט ער, אַז די יידן זאָלן נישט שטורעמען דאָס הויז פון גובערנאַטאָר.

דער „הארץ", זאָגט סטאָרס, איז געווען מער קאָנסעקווענט.

כדי צו פאַרהיטן אַ שווערן געשיכטלעכן אומרעכט האָט סטאָרס זיך נישט געפוילט און איז אַוועקגעגאַנגען אויף אַ באַזוך אין דער רעדאַקציע פון „הארץ".

סטאָרס דערציילט, אַז ער איז געווען איבערצייגט, אַז ער וועט געפינען אַ קריגערישן, כעסדיקן רעדאַקטאָר, מיט וועלכן ער וועט האָבן אַ ביטערן שמועס.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט פאַר זיך גע־האַט אַ מענטשן מיט אַ הויכער קולטור, מיט אַ פיינער מאָראַל און אַ באַציאונג פון ערלעכקייט און אויפריכטיקייט.

דר. גליקסאָן האָט מיט אים פאַרפירט אַן אנגענעמען שמועס און עס האָט זיך פאַרענדיקט דערמיט, וואָס גליקסאָן האָט פאַר־שפּראָכן, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער פאַר יעדער אַטאַקע

בעטן אין סעקרעטאַריאַט פון גובערנאַטאָר אינפאָרמאַציעס וועגן די אמתע פאַקטן.

ווייצמאַן דערמאָנט סטאָרסן נאָך דרך אגב און רעגיסטרירט, אַז יידן האָבן צו אים נישט געהאַט קיין צוטרוי.

סטאָרס אָבער רעדט וועגן ווייצמאַנען מיט דעם גרעסטן יראת הכבוד, און אפילו פאַמיליער. ער דערציילט, אַז אין שפּעטערע יאָרן האָט ווייצמאַן פאַר אים און זיין פרוי געהאַלטן אַ לעקציע וועגן דער טעאָריע פון איינשטיין. קיינמאָל, זאָגט סטאָרס, האָב איך נישט געזען אַ מענטשן מיט אַזאַ קלאָרן קאָפּ און מיט אַזאַ גרויסן כוח פון הסברה ווי ווייצמאַן. די טעאָריע פון איינשטיין האָט ער דערקלערט אַזוי, אַז איך האָב כמעט געגלויבט אַז אפילו איך אַליין, סטאָרס, פאַרשטיי עס.

„דער ציוניזם, זאָגט סטאָרס, איז פאַר אונדז געווען אַ נייע באַוועגונג. בשעת איך האָב געאַרבעט אין סעקרעטאַריאַט פון קריגס־מיניסטעריום אין מצרים, האָב איך עפּעס וועגן דעם גע־הערט. אָבער 95 פּראָצענט פון מיינע פריינט אין מצרים, ארץ־ישראל און ענגלאַנד, האָבן נישט געהאַט דעם קלענסטן באַגריף וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

בנוגע ארץ־ישראל און סיריע האָבן מיר נאָך געגלויבט אינעם אָפּמאַך פון סייק־פּיקו, וואָס האָט פאַנאַנדערגעטיילט די לענדער צווישן רוסלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד.

„אַז די דעקלאַראַציע איז אַ גורל־אַקט פאַר ארץ־ישראל און יידן — האָט קיינער דעמאָלט נישט געגלויבט".

סטאָרס דערקלערט, אַז זיך באַקענענדיק מיט דער באַוועגונג, האָט ער געלערנט ציוניזם ווי אַ מסיכתא און אַז ער לערנט איר נאָך ווייטער ביז היינטיקן טאָג.

„נישט איך און נישט קלעיטאָן זענען געווען אַנטי־ציוניסטן. קיינמאָל האָט נישט עקזיסטירט אַ אידעאַליסטישערע און איידע־לישערע שטרעבונג ווי די שטרעבונג פון די יידן צוריקצוקומען אין לאַנד, וואָס זייער גייסט האָט פאַראייביקט.

„וועלכעס פאָלק האָט נישט שווער געקריוודעט די יידן, און וועלכער פאָלק האָט זיך נישט באַרייכערט דורך יידישער גאונות?

„וועלכער פאָלק האָט זיך טיפער אַריינגעטראַכט אין די נביאים ווי דאָס ענגליש פאָלק?

„ציוניזם איז געוואָרן אַ יידישע פאָלקס־האָפענונג, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעטון אפילו אין די ערגסטע טעג פון שטראָף און יסורים, אַפילו ווען די ליכט פון דער שכינה האָט איר באַהנט מיט אומעט און צער.

„אויב דורכן שלום וועלן אַלע אומגערעכטיקייטן באַקומען אַ תיקון פאַרוואָס זאָל נישט באַקומען אַ תיקון די גרעסטע אומגערעכטיקייט קעגן די יידן?"

אפילו די געשיכטע פון ציוניזם סקיצירט סטאָרס; ער דערמאָנט ביקאָנספילד, די מאָדערנע באַוועגונג פון חיבת־ציון פון פאַריקן יאָרהונדערט, און איז ממשיך:

„פאַרן סוף פון לעצטן יאָרהונדערט איז אויפגעשטאַנען אַ ריז אין ישראל. פּרעכטיק און גראַנדיעז אין געשטאַלט מיט פליגלען ווי די געטער פון אשור אַרומגעראַמט מיט אַ פעך־שוואַרצער באָרד.

דער דרייפוס־סקאַנדאַל האָט דערפירט טעאָדאָר הרצל צו דער איבערצייגונג, אַז די יידישע נשמה האָט נישט קיין רעטונג, קיין מעגלעכקייט צו אַנטלויפן פון אונטערגאַנג אין שוואַרצן תהום, ווי נאָר אין אַ מדינה און אַ לאַנד מיט אַ יידישן נאָמען.

„דאָס איז די לעצטע אָנשטרענגונג" — רופט אויס הרצל.

„אין וועלכן לאַנד האָט עס געקענט זיין, אויב נישט דאָס לאַנד פון ישראל — ארץ־ישראל".

סטאָרס סקיצירט דעם וועג פון ציוניזם, כאַראַקטעריזירט די נסיעות פון הרצל און זיינע באַציאונגען צום סולטאַן, דערמאָנט אוגאַנדאַ און די ראָל פון וויצמאַנען (וואָס איז אין אויסזען און פעסטקייט פון אַטאַקע גלייך צו לענין), וועלכער איז אַ ציוניסט לויטן בלוט.

די באַלפור־דעקלאַראַציע, טייטשט אויס סטאָרס:

„אַ מיעוט פון זעכצן מיליאָן יידן וועט נישט מער זיין געצוואונגען צו קומען קריכנדיק קיין ירושלים כדי מען זאָל מיט אים טון אַ חסד און אים דערלויבן דאָרט צו שטאַרבן ווי מען

שטאַרבט אין אַ פרעמד לאַנד. די יידן וועלן נישט מער זיין אַן אַ באַדן, אָן אַ היים, אין גלות און פרעמד אומעטום".

דער גובערנאַטאָר דערקלערט אפילו דעם אומצוטרוי און דעם פראָטעסט־שטורעם פון יידן קעגן דער ענגלישער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק אין ארץ ישראל, וואו מען האָט „פּאָגראָמשטשיקעס" נישט געלאָזן באַשטראָפן און מען האָט גענומען אין אַרעסט יידישע פּאַטריאָטן.

ער דערמאָנט ווייצמאַנס אָנשטרענגונג אָפּצוקויפן דעם כותל מערבי און דעם אַרומיקן פּלאַץ, וואָס איז טיילוויז אַ ירושה פון שלמה המלך און טיילוויז פון הורדוס, און איז יורידיש דאָס אייגנטום פון מאַכמעדאַנער, אָבער גייסטיק דאָס האַרץ פון יידן.

ער פאַרזיכערט, אַז ער האָט ביי קלעיטאָן און מאַניי אונטערגעשטיצט דעם פּלאַן און ער אַליין האָט גענומען אויף זיך די דורכפירונג.

צום אומגליק האָבן אומפאַראַנטוואָרטלעכע יידן מבטל געמאַכט די היסטאָרישע איניציאַטיוו דורך דעם וואָס זיי האָבן אָנגעגעהויבן אַ „מקח וממכר" אַרום כותל אָן דעם וויסן פון סטאָרס און אָן דעם וויסן פון ווייצמאַן, אָבער מיט דעם פולן וויסן פון דער מאַכמעדאַנער געמיינדע, וועלכע האָט שאַרף פּראָטעסטירט און געדראָט די פאַרקויפער, ביז דער ענין איז אַראָפּ פון סדר היום.

אין גלענצנדיקע קלאָרע פאָרמולירונגען, דעקט־אויף סטאָרס דעם מקור פון דער שאַרפער יידישער קריטיק און פון דער ציוניסטישער טיפער אומצופרידנקייט מיט דער ענגלישער פּאָליטיק.

נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות האָט מען די יידן פאַרשפּראָכן אַ היים אין ארץ ישראל.

עס איז אַ ביטערע איראָניע, אַז פּאַקטיש האָט מען זיי נישט נאָר ניט געגעבן די פאַרשוואַרצטע, צעשרויפטע און צעשויבערטע סטעזשקעס אַרום כותל מערבי, נאָר לחלוטין גאָרנישט וואָס האָט געהאַט געגוג אַטראַקציע, כדי אַרויסצורופן די באַגייסטערונג פונעם וועלט־יידנטום.

ווייצמאַן האָט געבעטן הונדערט מעכאַנישע טראַקטאָרן, כדי צו באַשאַפן ווייץ און גערשטן פאַר דעם בריטישן חיל.

דאָס האָט מען אָפּגעוואָרפֿן.

די בלוי־ווייסע פֿאָן האָט מען פֿאַרבאָטן אויפֿצוהענגען, און דעם נאַציאָנאַלן הימן צו זינגען. אומעטום האָבן זיך יידן געפֿילט דערדריקט, באַליידיקט און אַנטמוטיקט צוליב נישט דערפֿילטע האָפֿענונגען און מיט פֿאַרזיכערונגען, וועלכע זענען צעשמעטערט געוואָרן מיט פֿאַרעטערישע כוונות.

פֿיל יאָרן האָט זייער ערד איינגעזאַפּט יידיש בלוט, און קיין אַראַבישער רוצח איז נישט באַשטראָפֿט געוואָרן.

צי איז דען אַ וואונדער, וואָס יידן האָבן זיך אין געהיים באַוואָפֿנט ?

מען האָט מיט אָרימע פּרוטות פֿון די אָרימע פֿאָלקס־מאַסן אויסגעקויפֿט באָדן און געשאַפֿן קאָלאָניזאַציע און אויסגעבויט שטעט.

אין דער אַרמיי אָבער, האָט מען אויף דעם געקוקט ווי אויף אַ יידישן עסק מיט אַ סך גרויסע רווחים.

מיט הערבערט סאַמועל האָט סטאָרס אַראָפּגענידערט פֿון ירו־שלים קיין ראשון לציון און ער שילדערט די פּאַכמעגישקייט און דעם שטאָלץ פֿון די קאָלאָניסטן, ווען זיי, די עלטסטע פֿון דור, האָבן מיט טרערן אין די אויגן געהערט ווי דער הויך־קאָמיסאַר לייענט די פּרשה פֿון דער וואָך אין עברית.

ווער קען צווייפֿלען — רופֿט אויס סטאָרס — אין דעם קער־פּערלעכן כוח און אין דער הייליקער ליבשאַפֿט צום באָדן פֿון די יידן ?

ווען סטאָרס פֿאַרכאַפּט דעם לייענער מיט לעבעדיקע ביל־דער פֿון יידישן לעבן, שילדערט ער גלייכצייטיק פֿאַראַלעל, הגם נישט מיט אַזאַ קראַפֿט און מיט אַזוי פֿיל עסטעטישן טעם, די פֿאַרצווייפֿלונג און די ביטערקייט פֿון די אַראַבער.

הונדערטער יאָרן האָבן די אַראַבער געהאַלטן ארץ ישראל פֿאַר זייער לאַנד און איצט זענען זיי אַ קרבן פֿון אַ באַלפֿור־דע־קלאַראַציע.

יידן קומען אין לאַנד, קויפֿן באָדן, קאָלאָניזירן, ברענגען אַ ציוניסטישע קאָמיסיע, וואָס באַקומט אַ קעניגלעכן קבלת־פּנים,

אַ הויך־קאָמיסאַר פאַרשטייט עברית, גייט אין שול, באַקומט מפטיר, רוט שבת און לייגט־אָפּ דעם יום־טוב פאַרן געבוירן־טאָג פון קעניג אויף אַן אַנדער טאָג, אויב דער יום־טוב פאַלט אויס אום שבת.

דאָס האָט דאָך פאַר די אַראַבער געהייסן אַן אמתע יידישע מדינה.

דער קאָנפליקט איז בכן פאַרשטענדלעך און נאַטירלעך:

אין דעם פשרה־כאַראַקטער פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע ליגט דער זאָמען פונעם קאָנפליקט.

עס איז בכן געווען, זאָגט סטאָרס, אַ געניאַלער איינפאַל פון לאָיד דזשאָרזש, צו שיקן קיין ארץ ישראל אַלס הויך־קאָמיסאַר אַזאַ וואונדערבאַרע און שטאַרקע פערזענלעכקייט ווי הערבערט סאַמועל, מיט זיין גרויסער אַדמיניסטראַטיווער דערפאַרונג, מיט זיין אמתן הומאַניזם, מיט זיין מיניסטעריאַלן ווייט־בליק, און מיט זיין ליבע צו ירושלים און זיין אויפריכטיקער חברשאַפט מיט די מענטשן, וואָס פלעגן מיט אים אַרבעטן צוזאַמען.

סטאָרס שילדערט סאַמועלן ווי אַן ערשט־ראַנגיקע פערזענלעכקייט און אויטאָריטעט. פון אַלע צרות האָט ער שטענדיק געפונען דעם בעסטן אויסוועג.

אַסקוויט האָט דערציילט סטאָרסן אַז ווען זיין קאַבינעט איז געשטאַנען פאַר שווערע פּראָבלעמען, האָבן אַלע מיניסטאָרן זיך געווענדעט צו סאַמועלן, וועלכער האָט מיט זיין ביבל און בליישטיפט באַלד פאָרמולירט אַ האַנדלונג אָדער געדאַנק, וואָס האָט באַפרייט דעם קאַבינעט ווי פון אַ קאָשמאַר.

קיין אַנדער הויך־קאָמיסאַר וואָלט — לויט סטאָרסן — אין דער צייט פון טיפסטער וועלט־פּראָבלעמאַטיק און אין אַן אָרט פון צעהיצטע סתירותדיקע טעמפּעראַמענטן, נישט פאַרטיק געוואָרן מיט אַזעלכע אויסטערלישע מענטשן און מיט אַזאַ היסטאָרישער מיסיע.

אויב עס איז אין ארץ־ישראל אין יענער צייט נישט געקומען צו אַ לחלוטנדיקער קאַטאַסטראָפע, איז דאָס אַדאַנק דער צאַרטער סובטעלקייט און פיינעם טאַקט פון סאַמועל, וועלכער האָט געהאַט

דעם מוט צו האַנדלען זעלבסטשטענדיק אין שאלות, וואָס מיר אַלע האָבן געהאַלטן פאַר אונדזער חוב זיך צו באַראַטן וועגן זיי מיט לאָנדאָן.

מיר מוזן אָנערקענען — שרייבט סטארס — אַז אויף אונדז איז געפאַלן אַ גרויס כבוד און אַ גרויסע אויפגאַבע.

„אין ירושלים טרעפן זיך איצט און טרעפט זיך זינט הונ־דערטער יאָרן די הייליקסטע און פּרעכטיקסטע אינטערעסן פון די דריי גרויסע וועלט־רעליגיעס.

„פון ירושלים איז אין די פאַרשידענע צייטן און אין די פאַרשידענסטע נוסחאות אַרויסגעקלונגען אין דער וועלט גאָטס וואָרט, וועלכער האָט אין דער מענטשלעכער משפּחה געוועקט די טיפסטע סענטימענטן, וועלכע האָבן באַהערשט דער מענטשהייט.

„איך האָב נישט די העזה נביאות צו זאָגן, אַז דער מזרח וועט זיין אַן אוניווערזיטעט, וועלכן אַ סטודענט פאַרענדיקט קיינ־מאָל נישט.אָבער איך האָב די העזה צו גלויבן, אַז דאָס וואָס האָט איינמאָל פּאַסירט, קען ווידער פּאַסירן, און אַז אויב מיר וועלן מצליח זיין צו דערפילן גערעכט די מיסיע, וואָס דער ווילן פון די פעלקער האָט אויף אונדז אַרויפגעוואָרפן און מיר וועלן האָבן שכל כדי צו שאַפן שלום און אחדות צווישן די מנהיגים און פעל־קער פון דריי רעליגיעס, דעמאָלט וועט ווידער צו אונדז דערגיין די שטים פון ציון, צו היילן דעם פעלקער קריזיס.

„אויב דאָס וועט מקויים ווערן, וועט ענגלאַנד פאַרשרייבן אויף איר חשבון איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען לטובת דער מענטשהייט".

עס איז מקויים געוואָרן אָבער ענגלאַנד האָט נישט אויסגע־האַלטן דעם עקזאַמען, און מדינת ישראל קען ענגלאַנד נישט פאַר־שרייבן אויף איר חשבון. ווער איז אין דעם שולדיק? אַ העכערער גורל וועלכער האָט באַשערט דעם יידנטום דאָס גליק צו שאַפן די מדינה מיטן אייגענעם פּאַטריאָטיזם און מיטן אייגענעם כוח.

כ

„כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים״.

ציון און ירושלים זענען אָרגאַנען מיט וועלכע דאָס יידישע פאָלק אָטעמט אַריין און אָטעמט אַרויס זיין אייביקע תורה, זיינע פּאָסטולאַטן פון רעכט און גערעכטיקייט, זיין מוסר און זיין שטייגער און

גאָטס וואָרט.

זיי זענען נישט נאָר טיילן פון אַ גייסטיקן מהות, נאָר פּאָרמען, כלים, אין וועלכע עס אָנטפּלעקט זיך שאַפונג פון נאַציאָנאַלן לעבן.

שכינתא בגלותא.

די שכינה איז אין גלות אַזוי ווי דאָס יידישע פאָלק, דאָס איז די לעבנס־דינאַמיק, וואָס איז צוקירעוועט און פּאַלסיפיצירט צוליב דער אָפּגעריסנקייט פון מקורדיקן חיות.

עס גייט נישט נאָר אין אַ זכות, נאָר אויך אין אַ שווערער התחיבות.

כל זמן מען איז אין אַ האַרטער קאַמפּס־שטעלונג פאַר לעבן און עקזיסטענץ, כל זמן עס פעלט דיסטאַנץ, זעט מען און דערקענט מען אָפּט נאָר נעגאַציע־טענדענצן.

די תורה פון ירושלים איז גוזר אַז מען זאָל אויך צום פרעמ־

דן און קעגנער זיין אַבסאָלוט גערעכט און אָביעקטיוו, אַ פּשיטא שוין צו אַן אייגענעם זאָל אפילו זיין אין זיינע בלאַנדזשענישן.

הערבערט סאַמועלס נאָענטקייט מיט סטאָרס האָט געהאַט תכלית. דער הויך־קאָמיסאַר האָט אַקטואירט יידישקייט און ציוניזם און סטאָרס האָט געזען ווי אַ נאַציאָנאַל־ שטאָלצער ייד, מיט, ווען אויך פאַרבאָרגענע, משיחישע האָפענונגען איז אַ גוטער ענגלענ־ דער, אַן אמתער פּאַטריאָט און אין פּאָליטיק אַ גרויסער טאַלאַנט, ביי אַלע טעותים און גרייזן.

סטאָרס חברה „למען ירושלים" האָט געהאַט אַן אַטראַקטיווע פּעולה אויף סאַמועלן, וועלכער האָט באַשטימט פון דער רעגירונגס־ קאַסע אַ פונט שטערלינג פאַר יעדן פונט, וואָס סטאָרס האָט גע־ שאַפן פון אַנדערע פּריוואַטע מקורות.

סאַמועלס אָפּשייד פון ירושלים און אין ירושלים באַשרייבט סטאָרס מיט דראַמאַטישער האַרציקייט.

„איצט איז געקומען דער סוף צו דער פּרשה פון סאַמועלס הערשאַפט.

איך האָב געפילט, און פיל נאָך היינט (1937) אַז צוליב אַ סך טעמים האָט זיין תקופה געהאַט אַ גרעסערע חשיבות ווי יעדע אַנדערע תקופה פון אַ הויך־קאָמיסאַר און אַ סך, אַ סך יאָרן וועלן פאַרגיין ביז עס וועט ווידער קומען אַ תקופה, געבענטשט מיט אַזעלכע קאָנקרעטע געשעענישן ווי די פון דעם ניכטערנעם, טיף־אינטעלעקטועלן הויך־קאָמיסאַר, וואָס איז אַזוי באַחנט מיט אַזאַ שטאַרקן יצירה־חוש.

„עס איז אַ ווייטיק צו זען ווי אומגערעכט יידן זענען גע־ ווען צו זיין פּערזענלעכקייט און צו זיין אויפטו אין ארץ ישראל.

„אויב אַ ניט־ייד מעג זאָגן אַ דעה אין יידישע ענינים (און יידן זאָגן דאָך דעות אין אונדזערע ענינים) דערלויב איך מיר צו זאָגן, אַז איך גלויב באַמונה שלמה אַז די פיר לייבן פון דער ציון־תקופה וואָס זייערע נעמען וועלן אייביק בלייבן אין דער געשיכטע פון ציוניזם, וועלן זיין:

„טעאָדאָר הרצל, וואָס האָט געזען די זעאונג, חיים וויצ־ מאַן, וואָל האָט דערקענט די שעה, אַרטור באַלפור, וואָס האָט באַ־

שטימט די וועלט צו באַנייען די אַלטע מיסיע און האָט איר איינ־קאָרפּאָרירט אין אַ מאָדערנעם ספר און הערבערט סאַמועל, וועלכער האָט פאַרוואַנדלט פּרינציפּן אין פאַקטן און וויזיע אין טאַטן.

„די ציוניסטן טוען זיך נישט קיין טובה ווען זיי לייקענען אַז אַ גרויסע פּערזענלעכקייט קען זיין אַ גוטער ייד און אַ גוטער ענגלענדער".

סטאָרס איז נישט געווען איזאָלירט אין זיין משפּט איבער דער סאַמועל־געשעעניש.

להיפּוך, יידן האָבן מיט אַ זעלטענעם צער און טיפער בענק־שאַפט געזען ווי סאַמועל פאַרלאָזט זיין שטול אין ירושלים.

דער מחבר האָט געהאַט דעם זכות צו זיין דעמאָלט (1925) אין ירושלים און זיך צו באַטייליקן אין דער זיצונג פון די מיטגלי־דער פון אַקציאָנס־קאָמיטעט וואָס זענען געקומען אין ירושלים אין שייכות מיט דער פתיחה פון דער אוניווערזיטעט.

דער האַרטער אוסישקין האָט כמעט מיט טרערן געפאָדערט אַז מען זאָל נישט דערלאָזן סאַמועלס דימיסיע. איינשטימיק האָט מען געפאָדערט זיין בלייבן אין ירושלים, אויפן הר הצופים. מען האָט באַלאַגערט די רעגירונגס־הויז און מאַניפעסטירט טרייע און ליבשאַפט מצד דעם ישוב צום יידישן הויך־קאָמיסאַר.

ירושלים האָט געפיבערט אין פאַרלאַנג, אַז דער הויך־קאָמי־סאַר זאָל איר נישט פאַרלאָזן.

און אין דער אַלטער שול, אין דער חורבה פון רבי יהודה החסיד, בראש מיטן גאון און צדיק הרב קוק ז"ל, בשעת סאַמועל האָט געלייענט מיט זיין אייגענער חברה, דעם היסטאָרישן מפטיר און איז געקומען צום פסוק „ועל כסאו לא ישב זר", האָט עס ווי אַ כישוף פאַרכאַפּט דעם עולם. אַלץ האָט זיך אויפגעהויבן ווי אַ מין כוח פון אַ נאַטור־כוואַליע, און האָט געזונגען און האָט גע־שריען און האָט געפאָדערט און האָט געבעטן:

„וועל כסאו לא ישב זר" (אויף זיין שטול זאָל קיין פרעמ־דער נישט זיצן).

ס אַ מ ו ע ל ס ווערטער ביים אַפּשיד אין האָטעל „עדען" (אויב איך האָב נישט קיין טעות) קלינגען היינט ווי אַ רעאַליטעט:

„עס מוז קומען אַ צייט, ווען די יידן אַליין זאָלן קענען אַוועק־שטעלן זייער נציב, זייער מושל, זייער פּרעזידענט, און ער וועט בלייבן אַזוי לאַנג ווי דאָס פאָלק וועט פאָדערן"...

סאַמועל האָט דימיסיאָנירט. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט פאַרלאָזן די וויזיע פון ירושלים און די גאולה־האָפענונג פון יידישן פאָלק, הגם ער האָט שפּעטער, אַזוי פיל, אַוודאי צו פיל, געגרייזט.

וועגן זיין אייגענעם אָפּשיד פון ירושלים שרייבט סטאָרס מיט ווערטער דורכגעוויקט מיט טרערן, און עס איז נישטאָ קיין סיבה אים נישט צו גלויבן:

„איך האָב שטענדיק געציטערט פאַרן טאָג ווען איך וועל זיין געצוואונגען צו פאַרלאָזן ירושלים.

„דיווירקלעכקייט איז געווען נאָך ביטערער ווי אַ שרעקנס־חלום".

מיר האָבן פאַרענדיקט דעם רעמאָנט און די אויסרייניקונג פון ירושלימס שטאָט־מויערן און טורעמס. מיר האָבן צורעכטגע־מאַכט די שפּאַרונעס פון שכמס טויער, פון הורדוס טויער, פון דעם שער ציון. מיר האָבן זיך באַפרייט פון דעם מיאוסן זייגער־טורעם וואָס די טערקן האָבן אַוועקגעשטעלט צום אָנדענק פון עפּעס אַ יובל. דעם אַנטיקן אַרכיטעקטאָנישן כאַראַקטער פון דער אַלט־שטאָט האָבן מיר אָפּגעהיט... זעקס קונסט־אויסשטעלונגען האָבן מיר אָר־גאַניזירט און האָבן געשאַפן אויף די דריי אָפיציעלע שפּראַכן אַן אַלבום מיט קולטורעלע קונסט־פאָטאָגראַפיעס: מיר האָבן אַרויסגעגעבן די ערשטע פּראַקטיש־מאָדערנע מאַפּע פון ירושלים. מיר האָבן פאַרגענומען אויסמעסטונגען פון שטאָט און פאָר־שטעט און האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּלאַן אויסצובויען די אַלט־שטאָט, די ניי־פאָר־שטעט א. אַ. וו. מיר האָבן געשאַפן אַ שוץ פאַר היסטאָרישע מצבות, אויסגעבויט נייע שאָסייען, נייע קוואַרטאַלן פאַר אַרבעט, אינדוסטריע, קראָמען און דירות. מיט גרינע אַלייען האָבן מיר אַרומגענומען די שטאָט, און מיר האָבן אָפּגעהיט דעם היסטאָרישן „גיא־בן־הינום", דעם יהושפט טאָל און דעם הר הזתים, אין פאָרם און געשטאַלט און די קברים פון די קרייץ־טרעגער, באַזונדערס

פון דעם ענגלענדער פּליבי דוביניי — דעם דערציִער פון קעניג היינריך דעם דריטן —.

„איידער מיר האָבן פאַרלאָזן ירושלים האָבן מיר זיך אויפ־געהויבן אויפן רוסישן טורעם, אויפן הר הזיתים, און מיר האָבן אַריינגעאָטעמט צום לעצטן מאָל דעם וואונדערלעכן נאַטור־בילד:

„אין מזרח די נאַקעטע מדבר־היגלען: אַנטקעגן ליגט אויס־געשטרעקט דער טויטער ים, וועלכער האָט די צורה פון אַ שוויי־גנדיקן לבנה־פּנים אין אַ שטראַלנדיקן ליכט — דאָס געהערט צו די באַרימטסטע וועלט־דערשיינונגען.

„די פעלדזן־בערג פון מואב און אדום שימערירן ווי ברי־ליאַנטענע שטיינער.

„אין מערב די מויערן, טורעמס און בערגלעך וואָס בילדן נאָך היינט דעם ירושלים של מעלה פּו ישו...

„די שטאָט, אַרומגערינגלט מיט בערג, מאָגערע בערג, נאַ־קעטע, אין אַ פאַרבן־שלל וועלכע שטייען פאַרעקשנט און דאָך אָנ־געזאָפּט מיט פּראַכט און חן און אַ פעסטן נוסח. דאָ איז אַ שאַרפע לופט וואָס פאַרכאַפּט דאָס האַרץ, וואָס האָט מיר אַנגענומען אין דער ערשטער רגע און האָט מיר געטראָגן אַרום די מויערן אין זייער זאַמד.

„איך האָב אַרומגעוואַנדערט אויפן אָרט פון בית המקדש.

„צום לעצטן מאָל האָט מען זיך אָפּגעשיידט פון אַרמענישן תפילה קלויז און פון הייליקן קבר...״

און סטארס פאַרענדיקט זיין ממשלה מיט ווערטער וואָס מוזן בלייבן אין אונדזער געשיכטע:

„איך קען זיך נישט איינרעדן, אַז עס וועט זיך מיר איינגעבן צו שילדערן אָדער צו אַנאַליזירן מיין ליבע צו ירושלים. דאָס איז נישט נאָר סענטימענט, עסטעטיק אָדער רעליגיע. אויך איז דאָס נישט נאָר אַ ליבע צו אַרכעאָלאָגיע אָדער טעאָלאָגיע, הגם עס האָט אין זיך אויך די עלעמענטן.

„דאָרט האָב איך געאַרבעט און דאָרט האָב איך געהאָט נחת און צרות. איך האָב גוט געקענט די מענטשן און איך האָב זיי געליבט.

„מענטשן מיט מער נסיון, גרעסערע עסטעטן, וואָס ווערן גיכער נתפעל, זענען געקומען מיט דער כוונה מתפלל צו זיין, און זענען אַנטלאָפן מיט זלזולים און קללות.

„ביי מיר איז געשטאַנען ירושלים און שטייט ירושלים ווי אַן איין איינציקע אין דער גאַרער וועלט.

„פאַראַן אַ סך פּאָסטנס אין דער בריטישער אימפּעריע און מחוץ פון איר, וועלכע גיבן מער הערשאַפט און מער באַרימטקייט.

„אָבער צוליב עפּעס וואָס איך קען נישט דערקלערן, קען נישט זיין קיין העכערונג אין ראַנג נאָך ירושלים".

שעהן לאַנג האָט סטאָרס גערעדט מיט אחד העם וועגן מאָראַל און וועגן געדאַנק פון מרכז רוחני. מיט ליבע און כבוד דערציילט ער וועגן זיינע שמועסן מיט בן יהודה, וועלכן ער כאַראַקטעריזירט אין זיינע זכרונות.

מיט אַ טיפן פאַרדרוס שרייבט ער וועגן דעם, אַז אים האָט זיך נישט איינגעגעבן זיך נעענטער באַקענען מיט ביאַליקן, און

„אַ דאָפּלטן צער רופט ביי מיר אַרויס דער פאַקט וואָס דער יונגער, גרויסער אַרלאָזאָראָוו איז געקומען אין לאַנד ערשט נאָך דעם ווי איך פאָר פון דאָרט אַוועק, אַזוי, אַז איך האָב אָנגעוואוירן די הנאה זיך צו חברן מיט אַ פּרעכטיקן דזשענטעלמאַן, וואָס אַלע בריטישע חברים, אָן אַן אויסנאַם, האָבן אים געשאַצט און פאַרערט"...

דאָס שרייבט סטאָרס אין יאָר 1937, און חזרט איבער דערביי וואָס ער האָט שוין פריער אַמאָל געשריבן, אַז לויט די חשדים און דער באַציאונג און באַשולדיקונגען מצד די יידן צו אים, האָט ער געדאַרפט ווערן „דער גרעסטער אַנטיסעמיט פון דער וועלט".

סטאָרס פאַרשטייט ניט ווי ער איז דאָס ניט געוואָרן.

אפשר צוליב ירושלים.

וואָס זענען געווען פאַר גויים ווי סטאָרס און אַנדערע ביבל־גויים, יידן, און וואָס איז פאַר זיי געווען ירושלים ?

אין די קעפּ און אין דער נשמה פון די ביבל־גויים איז דער תנ"ך און זיין געבוירן־אָרט ירושלים אייביק הייליק און סימבאָליזירט דעם העכסטן מענטשהייט־אידעאַל.

די גרויסע נביאישע פּאָסטולאַטן פון אַבסאָלוטן צדק און אַבסאָלוטן וויסן, אַז רשעות און אַז רשעים ליגן נאָך אַזי אַ ווייטער איינגעהילטער צוקונפט.

אפילו פאַר די, און אפשר דווקא פאַר די וואָס משיח איז שוין פאַר זיי געקומען.

די מענטשן וואָס האָבן דורות לאַנג אויסגעווייטיקט און אויסגעטראָגן דעם אידעאַל אין אַ וועלט פון פאַלשקייט, גזילה און רציחה. זענען שעפערישע אוניווערזאַלע כוחות וועלכע ווערן גע־רודפט און דערדריקט, טרעטן אָבער נישט אָפּ פון זייער גרויסער ירושה.

זיי האָבן אַ רעכט אויף רעטונג, אויף הילף מצד די מלוכות, וואָס עקספּלאָטירן זיי זינט דעם חורבן.

דאָס פאַרשטייט די וועלט.

נישט לייכט אָבער איז געווען, אפילו פאַר די בעסטע גויים זיך אויסצומאָלן, אַז הייַנטיקע גלות־יידן, זענען די טאַטעס און די טרעגער פון די אייביקע אידעאַלן. דער גלות האָט זיי איבערגע־פורעמט און איבערגעמאָדעלירט. זיי זענען די נאָענטסטע צו דעם גרויסן ביבלישן עלעמענט. זיי זענען אָבער נישט אינגאַנצן דער עלעמענט.

עפּעס איז שווער פאַר זיי, פאַר די גויים צו גלויבן אַז אַ לעבעדיקער ביבל־פאָלק האָט ביז׳ אַהער זיך נישט אַנגעקליבן מיט כוח און מיטלען אויף צו דערגרייכן אַז אייגן לעבן פון ווירדע און אַרבעט אויף אַ באָדן, וואָס זאָל געבן מעגלעכקייטן פאַר אַ נאַ־טירלעכער גייסטיקער און פיזישער עוואָלוציע און המשך.

די גרייטקייט זיך צו אַסימילירן, זיך אָפּצוזאָגן פון זיך און צו פאַרלייקענען דעם אייגענעם גאָט און דעם טראַדיציאָנעלן שטייַ־גער צוליב אַ ברעקל רעכט אויף אַ פּאָסטן, צוליב אַ פּאַר גאַנצע הויזן, אָדער אַ שטיקל ברויט, איז נישט קיין סימן פון תנ״ך־מענטשן.

די רייכע געשיכטע פון יידישן קידוש־השם קען זעלטן אַ גוי און אוודאי נישט אַ דורכשניט גוי.

פון דער אַנדער זייט זעט מען גרויסע מענטשן, יידן, אָדער

וואָס קומען אַרויס פון יידן, באַקעמפן יידישקייט, טראַדיציאָנעלע און מאָדערנע יידישקייט און אַלע נאַציאָנאַלע אידעאַלן און יעדע מעגלעכקייט פון נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט אַזוי ווי יידישע שונאים.

העם און הרצל זענען געוואָרן באַקעמפט פון יידישע בערזע־מענטשן, פון יידישע באַנקירן, פון רבנים און יידישע פּראָפעסאָרן און אַקאַדעמיקער. די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט געקענט האָבן אַן אַנדער צורה מיט אַנדערע קאָנסעקווענצן, ווען נישט ענגלישע מאָנ־טעפיאָרס און אַלעקסאַנדערס און אַמעריקאַנישע ראָזענוואַלדס.

שרייבט דאָך ווייצמאַן וועגן די פראַנצויזישע יידן:

„רבותי: זייט וויסן, אַז אויב די פראַנצויזישע רעגירונג פאַרשטייט אונדז נישט, ליגט די שולד נישט אויף איר, נאָר אויפן גאַנצן פראַנצויזישן יידנטום! עס איז שווער צו באַשולדיקן פאַר אַ קהל פון טויזנט מענטשן, און נאָך צו באַשולדיקן אין אַ מורא־דיקן חטא אַ גאַנצע קהילה אין ישראל. אָבער ווי דער פירער פון דער באַוועגונג בין איך אויך מחויב עס צו טון. דער פראַנצויזישער יידנטום וויל אונדז חרוב מאַכן. אַחוץ דער איידעלער ראָטשילד־משפּחה, האָבן מיר אין פראַנקרייך קיינעם נישט, וואָס וויל אונדז העלפן מיט זיין השפּעה. להיפּוך, די פראַנצויזישע יידן אַטאַקירן אונדז גראָב און אָן בושה, אין דער צייט ווען די העלפט פון אונ־דזער פאָלק גייט אָפּ אין בלוט, ווען דאָס יידנטום ווערט חרוב און געטראָטן ווי נאָך קיינמאָל נישט, קומט דער הויפּט־רב פון אַלע פראַנצויזישע קהילות, און האַלט אַ דרשה אום יום־כיפּור, אין שול, קעגן ציוניזם און זיין אַרבעט. מען ווייסט, אַז מיר זענען אָפּהענגיק פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, ווי זאָלן מיר קומען פאַר אַ פראַנצויזישער רעגירונג בשעת מען קען אונדז זאָגן: אייע־רע רבנים, קינדער פון אייער פאָלק זאָגן, אַז איר זענט אַ סכנה"...

דאָס וואָס ווייצמאַן זאָגט מיט פולער ביטערקייט וועגן פראַנ־צויזישע יידן, איז דאָך מער אָדער ווייניקער דעמאָלט געווען באַ־רעכטיקט בנוגע די ענגלישע יידן, די דייטשע יידן, און אַ גרויסן טייל אַמעריקאַנישע יידן.

און היינט די „נטורי קרתא".

אפילו די בעסטע גויים פרעגן זיך: צו זענען דאָס קינדער פון ביבל־פאָלק וועלכע פאַרמעסטן זיך ממשיך צו זיין די תורה און די נביאים ?

באַלפור האָט אַמאָל געפרעגט ווייצמאַנען פאַרוואָס קען ער, באַלפור, אַ גוטער ענגלענדער, זיין אַ ציוניסט און גרויסע יידן ווילן אַסימילאַציע און אונטערגאַנג.

עס איז נישט ריכטיק. אויך באַלפור האָט נישט געקענט זיין קיין ציוניסט. זיינע טאַטעס און זיידעס, זיינע קינדער און אייניקלעך זענען פאַר יידישקייט אויף קידוש השם נישט געגאַנגען, און אין משך פון צוויי טויזנט יאָר, צו הונדערט און טויזנטער, ביי די גרעסטע לעבנס־סכנות, נישט געוואַנדלט און געוואַנדערט קיין ירושלים און אין ארץ ישראל.

אין דער משפחה אפילו פון אונדזערע גרעסטע גוישע פריינט איז ניט געווען קיין יהודה הלוי, קיין רבנים־מעפילים פון ענגלאַנד, און פראַנקרייך, וועלכע האָבן פאַרלאָזן זייער פרנסה און וואוינאָרט און זענען געגאַנגען צופוס קיין ירושלים. זיי האָבן ניט געהאַט קיין רמב״ן, קיין בארטנורא, קיין רבי יהודה החסיד, קיין פרושים און חסידים, קיין חלוצים, וועלכע האָבן געבראַדזשעט און זיך געשלעפט איבער שטיינער פון קאַווקאַז און דורך מדבריות פון ווילדע שבטים; קיין מעפילים קעגן די מעכטיקסטע אימפעריאַליסטישע מלוכה און קיין העלדישע „עקסאָדוס־יידן״, וועלכע אפילו די עקלהאַפטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָבן נישט אָפּגענומען זייער העראָאיזם און זייער נאַציאָנאַלע פעסטקייט.

אַ גאון און צדיק ווי דער רמב״ן האָט נאָך געקענט שרייבן אין צוועלפטן יאָרהונדערט, נאָכן יידישן חורבן דורך די פרומע קרייץ־טרעגער, אַז מיר זענען גרייט אפילו אויף אַ מלחמה כדי צו באַקומען אַ מעגלעכקייט זיך צו באַזעצן אין ירושלים און אין ארץ ישראל: „קיינער פון אונדז וויל נישט האָבן קיין מלחמה מיט די אומות. אויב מען וויל נאָר מיט אונדז מאַכן שלום, וועלן מיר מאַכן שלום. אָבער אונדזער לאַנד וועלן מיר נישט לאָזן ביי די, וועלכע האָבן איר פאַרכאַפּט אָדער ביי וועלכע נישט איז אַנדערער אומה, אין וועלכן דור עס זאָל נישט זיין. אפילו אין דער צייט

פון גלות איז די גרעסטע מצוה צו קומען קיין ארץ ישראל און זיך דאָרטן באַזעצן. די שיינקייט פון דער וועלט איז ארץ ישראל און די שיינקייט פון ארץ ישראל איז ירושלים״...

און דער פשוטער ייד פון רבי יהודה החסידס עידה, רבי גדליהו פון סעמיאַטיטש, פון דער קליינטשיקער שטעטל פון גראָדנער גובערניע, קאָנסטאַטירט, „אַז מיר די שליחים פון ישראל אין ארץ ישראל, רעפּרעזענטירן דעם גאַנצן גלות־יידנטום און עס איז אַזוי ווי אַלע וואָלטן געווען אין ארץ ישראל און וואָלטן אָפּגעהיט יידישע קדושה״.

דאָס אַלץ אָריענטירט נישט דעם לעבן און די האַנדלונגען אפילו פון די בעסטע; די באַלפור־ מענטשן קענען דאָס באַוואונדערן און קענען דערפון לערנען. זיי קענען אונדז געבן דעקלאַראַציעס און קענען שאַפן פאַר אונדז באַדינגונגען.

אָבער מיט אַלע קאָנסעקווענצן און אין גייסט פון דער טראַדיציע און פון די אייביקע פּאָסטולאַטן מיט חלוצישן העראָאיזם, קענען נאָר די יידן גופא באַשטימען זייער קאַמף, זייער זעלבסטשטענדיקייט און זייער אַלייניקע ממשלה, און דאָס איז דער פּשט פון „פּאָליטישן ציוניזם״ — להיפּוך צום פּראַקטישן ציוניזם, און דאָס איז וואָס הרצל האָט פאַרשטאַנען און מיט וואָס פּראַקטישע ציוניסטן זענען נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט אינגאַנצן דורכגעדרונגען.

ווען נישט די עמאַנציפּאַציע־בעטלערס און אַסימילאַציע־שנאָרערס, וועלכע האָבן השפעה ביז אויף היינטיקן טאָג, וואָלט די פּעולה פונעם ריינעם גאולה־געדאַנק פון פאָלק, די איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען פון די דורות געקענט אָנווייזן אַנדערע דערגרייכונגען כדי צוריקצוקומען צום באָדן, צו אונדזער באָדן.

קיין אמתער ייד איז קיינמאָל נישט אַרויסגעקומען פון ארץ ישראל און פון ירושלים. בייטאָג און ביינאַכט איז ער דאָרט געווען, מיט זיינע תפילות און געדאַנקען, אין אבילות און שמחות.

אפילו די גרעסטע אַראַבער־פריינט זענען מודה, אַז די אַראַבער זענען געזעסן אין ארץ ישראל טויזנטער יאָרן ווי אין אַ חורבה און אין מדבר. זינט די יידן זענען אַוועק האָט מען דאָס

לאַנד נישט געבויט; מאַנאַסטירן און קירכן זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן ווי רעליקוויעס פון רעליגיעזע קאַטעכיזמען, אָבער נישט ווי שאַפנדיקע קוואַלן מיט אַ לעבעדיקן שטראָם.

יידן האָבן געבויט ירושלים אין אַלע צייטן, ווען מען האָט נישט געקענט בויען ירושלים אין לעבן, האָט מען זי געבויט אין געדאַנק, אין חלום, אין שלאָף, דורך דעם כוח פון קבלה, דורך דעם כוח פון משיחיזם. ווען מען איז נישט אַריינגעקומען אין ירוש־לים של מטה האָט מען זיך אַרויפגעהויבן אין אַ ירושלים של מעלה. און מיר האָבן נישט געשטרעבט צו סתם ירושלים, נאָר צו אַ ירושלים הבנויה.

„ובנה ירושלים״.

אַראַבער קענען גיכער פּרעטענדירן אויף שפּאַניע, וואו זיי האָבן אַנטוויקלט אַ קולטורעלן לעבן און האָבן געשאַפן אַ פּאַרמעגן איידער אויף ירושלים. ביי אונדז יידן איז ירושלים אַ לעבעדיקער פּאָלקס מקור און דער גלות אַ צייטווייליקע שטראָף: נישט געקוקט אויף אַלע עמאַנציפּאַציע דעקלאַמאַציעס און אַסימילאַציע־דעקלאַ־ראַציעס.

צוויי טויזנט יאָר טראָגן מיר ירושלים אין האַרץ און אין דער נשמה. דער חליקה־פּראָיעקט פון פּיל האָט אונדז דערנענטערט צו ירושלים. און דווקא סטארס קריטיקירט שאַרף דעם פּלאַן און טענהט, אַז דאָס איז ציוניזם אָן ציון, און אַז „לשנה הבא בירוש־לים״ בלייבט אויך נאָך פּיל דער נישט־דערפילטער נאַציאָנאַלער פּאָסטולאַט.

די היטלער־קאַטאַסטראָפע איז מוראדיק: טאַטעס, מאַמעס און קינדער האָט מען אין מיליאָנען פאַרברענט לעבעדיקערהייט פאַר אונדזערע אויגן און פאַר די אויגן פון דער גאַנצער קולטור־מענטשהייט. ערגער אָבער נאָך ווי די היטלער־קאַטאַסטראָפע איז די טויזנט־יאָריקע טיפע פאַראַנונג, דער אינערער, הגם פאַרבאַ־נשמה, דער „חלוקה־פּראָיעקט״ פון פּיל האָט אונדז דערנענטערט האַלטענער פאַרגעפּיל, אַז אַ היטלעריזם לאָקערט שטענדיק און אומעטום אויף דעם לעבן פון אונדזער אומה, און אַז ער איז ניט נאָר געקומען פון אַ תהום, פון אַ גיהנום נאָר האָט זיין שורש אין

אונדזער פרעמדקייט, אין אונדזער אַנדערשקייט, אין אונדזער פאַר־בונדנקייט מיט ארץ ישראל און ירושלים.

מיט דער ירושלים־וויזיע פון אַלע יידישע נשמות וואָס זענען געווען און וועלן זיין און האָבן זיך אָנגעזאַפּט מיט קדושה ביים באַרג סיני, פירן מיר אונדזער קאַמף.

מיט דער דראַמאַטיש־היסטאָרישער טראַגיק פון אַ היטלער־פּאַטענץ שטורעמען מיר און וועלן מיר שטורעמען די וועלט און מיט דעם צוויי־טויזנט־יאָריקן שאַפונגס־אימפּעט. ביי די שרעקלעכסטע לעבנס־באַדינגונגען וועלן מיר קעמפן פאַר אונדזער לעבנס־מקור, פאַר אונדזערע אָטעם־אָרגאַנען, פון ציון און ירושלים.

כדי צו האָבן די מעגלעכקייט צו קאָאָפּערירן מיט אַ קולטור־מענטשהייט, מוזן מיר זוכן אַן אייגענעם באָדן, דעם אייגענעם באָדן, פון וואַנען מיר קענען אַרויסאָטעמען אונדזער תורה און גאָטס וואָרט אין די מרחקים פון דער אוניווערזאַלער מענטשהייט.

* * *

דער גרויסער, אַזוי יונג פאַרברעכעריש־פאַרשניטענער ארלאָזאָראָוו, האָט זיך פאַרמאָסטן אַזעלכע געדאַנקען אַריינצוגיסן אין דעם בעסטן ענגלישן הויך־קאָמיסאַר נאָך סאַמועל, אין גענעראַל וואַקאָפּ.

וויצמאַן האָט עס געוואָלט אינפילטרירן דער פּיל־קאָמיסיע. קיינער פון זיי האָט עס דערגרייכט.

אין אַ בריוו צו וויצמאַן שרייבט ארלאזאָראָוו, אַז ער וויל אין וואַקאָפּ אינזשעקטירן די קאָנדענסירטע גאולה־אַנטפּלעקונג פון פינסקערס אויטאָ־עמאַנציפּאַציע. דער בריוו־אויסבייט ארלאזאָראָוו־וואַקאָפּ רעדט נישט וועגן ירושלים, אָבער דער גאַנצער פּינסקער־קאָמפּלעקס וואָס איז באַזירט אויף דער מהות׳דיקער יידישער אַנדערשקייט איז פילטרירט מיט ירושלים־שאַפונג און עס איז מחמת דעם אינטערעסאַנט די בריוו דאָ צו ציטירן.

ארלאזאראָוו שרייבט צו וואקאפ: „די אוטאָ־עמאַנציפּאַציע" פון פּינסקער איז אַ ברילִיאַנטענע קאָמפּאָזיציע פון דעם יידן־פּראָבלעם און אַ באַזע פאַר אונדזערע פּעולות און האָפענונגען אין ארץ ישראל".

די „אוטאָ־עמאַנציפּאַציע" איז דער שורש וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם בוים פון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. נאָך מער: ווען מיר זעען די היטלעריסטישע כוואַליע אין צענטראַל־אייראָפּע, דעם חורבן פון יידישן מיטל־קלאַס אין אַמעריקע, די רויטע אַסימילאַציע אין סאָוועט־רוסלאַנד און אַנדערע קאַשמאַרע געשעענישן, שטייט מען מיט התפּעלות פאַר דער אַקטואַליטעט פון דער „אוטאָ־עמאַנציפּאַציע"...

וואָקאָפּ, דער גרויסער יידן־פריינט און ביבל־גויי ענטפערט באַנאַל ווי אַ ליבעראַלער, הומאַנער אידעאַליסט, אַז פּינסקער איז טאַקע שטאַרק, אָבער די לאַגע איז אין ענגלאַנד אַנדערש. די יידן איז דאָרט גוט און אומעטום איז זיי בעסער ווי מיט פופציק יאָר צוריק. „די שנאה צו יידן איז נישט קיין נאַטור־נויטווענדיקייט וועלכע לאָזט זיך נישט אויסוואָרצלען, א. א. וו."

ארלאזאראָוו ענטפערט:

„דיין גרעסטער טעות: דו האָסט אַ קאָנווענציאָנעלע אמונה אין אַ מענטשן־פּראָגרעס וואָס איז באַרעכטיקט בנוגע אויסערלעכער ציוויליזאַציע, געזעלשאַפטלעכער אָריענטאַציע, לעבנס־מדרגה און טעכנישער אַנטוויקלונג, אָבער איז בכלל נישט באַרעכטיקט בנוגע די טיפערע כוחות און סענטימענטן וועלכע באַשטימען און אָריענטירן דאָס לעבן.

ווען פּינסקער זאָגט אַז די יידן־שנאה איז באַגרינדעט אין דער טבע און קען נישט אויסגעוואָרצלט ווערן, איז דאָס נישט צוליב דעם יצר־הרע נאָר צוליב דעם, ווייל דער ייד איז אַ פרעמדער עלעמענט, אַבסאָלוט פרעמד דעם פאָלק מיט וועלכן ער לעבט צוזאַמען. באמת איז דער אַנטיסעמיטיזם היינט שטאַרקער. אַמאָל האָט מען זיך נאָך אַרומגעטראָגן מיט דער קאַטאַסטראָפאַלער אילוזיע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט געזאָלט אויסמעקן דעם יידישן מהות דורך ליבעראַליזם און אַסימילאַציע. היינט

איז אַנטיסעמיטיזם אַ תורה. פּראָפעסאָרן פון אוניווערזיטעטן, פון קולטור־מלוכות לייענען דעריבער לעקציעס, און דער ראַסיזם נעמט אַרום מיליאָנען א. א. וו.״

אוודאי איז געוואקסן דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ ביי יידן אין ארץ ישראל און ביי געוויסע שיכטן אויך אין גלות, אפילו ביי יידן אנטי־ציונסיטן.

דאָס איז אָבער אַ רעזולטאַט פון „אויטאָעמאַנציפּאַציע״, פון ציוניסטישער פּראַקטיק און פון יידישן לעבן אין ארץ ישראל.

אין דעם בריוו פאָרמולירט ארלאזאראָוו אונדזער עקאָנאָמי־שע און גייסטיקע אַנדערשקייט אין פאַרבינדונג מיט אונדזער היים אין ארץ ישראל און ירושלים.

ארלאזאראָוו לערנט מיט דעם הויך־קאָמיסאַר, אַ זעלטענעם פּרק אין יידישער הלכה פון היסטאָריע און געאָגראַפיע און וואָרנט, אַז די וועלט באַוועגט זיך און אַז מיר קענען דערלעבן שווערע קאַטאַסטראָפעס, אויב מיר וועלן נישט אַזוי גיך ווי מעגלעך צוריק־קומען צו אונדזער מקור און אויסמעקן פון דער וועלט די פרעמד־קייט פון יידן אין גלות...

אויפן לעצטן בריוו פון וואקאָפ האָט ארלאזאראָוו ניט מער געענטפערט. ער האָט נישט מער געקענט ענטפערן. ער איז געלאָפן ראַטעווען די יידן אין דייטשלאַנד און קוים איז דער געניאַלער יונגער פירער צוריקגעקומען אין לאַנד האָט אַ האַרטער, פאַטאַלער גורל אים פאַרשניטן פון דער וועלט.

פאַר דער פיל־קאָמיסיע האָט ווייצמאַן גערעדט אין זעלבן גייסט, מיט די זעלביקע אילוסטראַציעס, פאַקטן, פאַרבן און פּערספּעקטיוון.

וואקאָפ און פיל האָבן אונדז נעענטער געבראַכט צו ירוש־לים, אָבער דער כוח פון אונדזער העלדישן גאולה־דראַנג, דער רעזולטאַט פון אַ פיר טויזנט יעריקן ירושלים, וואָס מיר ווילן ניט און קענען ניט וועלן, אַז זי זאָל בלייבן אַן אילוזיע און מיר זאָלן אונטערגיין, אונדזער דראַנג זיך צו באַפרייען און צו באַפרייען די וועלט פון אונדזער פרעמדקייט — דאָס קענען און וועלן גאָר

פאַרשטיין די יורשים פון דער אומה, וועלכע האָט געשאַפן אונ־
דזער תורה און אין וועלכער עס לעבט דער יידישער המשך.

תורה־יידישקייט און חלוץ־יידישקייט איז אַ זיווג מן השמים און איז סימבאָליזירט מיט ירושלים.

מיט ירושלים פון בויען און שאַפן.

ירושלים איז „מושפלת עד שאול תחתיה״, איז אַ מיאוסע חורבה. צוויי טויזנט יאָר איז פאַרלייגט אונדזער אָטעם, אונדזער אָרגאַנישע פאָטענץ פאַר אונדזער נאַטור־שאַפונג, און אונדזער חלוציזם קען זיך נישט פול אַנטפּלעקן, אונדזער תורה קען נישט אַרויסגיין פון ציון און גאָטס וואָרט שטייגט נישט אַרויס פון ירושלים, אונדזער שבועה קענען מיר נישט מקיים זיין און היס־טאָרישע כוחות פון טויזנטער יאָרן טרייבן אונדז און יאָגן אונדז דורך דער נאָר־וואָס פאַרגאַנגענער היטלער־טראַגעדיע, און מיט דער שרעקלעכער אַנונג פון דער קומענדיקער אויף אַ וועג פון פערמאַ־נענטן שאפן.

און בשעת עס איז נישט געווען קיין אויסוועג און בשעת מיר האָבן נישט געהאַט קיין שלום, בשעת מען האָט אונדז ווײ־טער באַרויבט פון אונדזערע נאַטור־אָרגאַנען, האָט מען אונדז גע־טריבן אויפן ווייטערן קידוש־השם, אויף פאַרצווייפלונגס־קאַמף און אויף אַ האָפענונגס־נצחון.

מיר שטייען נאָך דער לעצטער העלדישער מלחמה פאַר דער באַפרייאונג פון ירושלים, פאַר דער באַפרייאונג פון וועג צום נבי־אישן משיחיזם, צו אַ דערנענטערונג צו אַ גאולה־שלמה.

די לעצטע באַלאַגערונג פון ירושלים איז דורכגעבראָכן.

כא

של נעליך מעל רגליך . . .

אויך דאָס איז נישט קיין סגולה.

דעם סודותדיק ןשלייער וועט מען נישט אַראָפּווישן פון דער יידישער געשיכטס־אַרביטע.

אין דעם אינטואיטיוון כוח פון ירושלימס גורל וועט מען זיך נישט אַריינבישופן.

די פולע געשיכטע פון יידישע מלחמות האָט מען נאָך נישט געשריבן, און נאָך ווייניקער האָט מען געשריבן וועגן די מלחמות אַרום ירושלים און אין ירושלים.

יוסף בן מתתיהו (יאָזעפוס פלאַוויוס) האָט פאַרענדיקט זיין גלענצנדיקע געשיכטע פון יידישן קריג מיט דער מסקנה, אַז ירו־שלים האָט מען פינף מאָל אָקופּירט און צוויי מאָל חרוב געמאַכט.

מיטן צווייטן חורבן איז פאַר יאָזעפוס ירושלים פאַרזונקען אין אַ תהום און זיינע שילדערונגען האָבן באַדאַרפט זיין אַ מצבה אויף דער הייליקסטער שטאָט פון דער וועלט:

„נישט דער הויכער עלטער פון דער שטאָט (לויט יאָזעפוס 2177 יאָר), נישט די געוואַלטיקע עשירות פון דער שטאָט, נישט די תפוצות־לענדער פון דער גאָרער וועלט וואו עס ליגט ירושלימס פאָלק, נישט דער געטלעכער קולט, וועלכן זי האָט געהאָדעוועט, האָט געקענט פאַרהיטן די שטאָט פון אונטערגאַנג".

„דאָס איז דער סוף פון דער באַלאַגערונג פון ירושלים".

און 1877 יאָר שפּעטער, אין אונדזערע טעג, שרייבט אַ יונ־גער כראָניקער:

„ווייניק זענען די שטעט, וואָס האָבן אַזאַ לאַנגע היסטאָריע און אַזאַ פּערמאַנענטע היסטאָריע ווי ירושלים. זינט איר התגלות אויף דער בימה פון דער וועלט־געשיכטע איז איר פּראָצעס געשריבן מיט בלוט אויף די פעלדזן פון די בערג, וואָס רינגלען זי אַרום. זיבן און זיבעציק מאָל האָט זי זיך אויפגעהויבן, און איז אַרויסגעקומען פון אונטער אירע חורבות. אַזוי האָט זיך אין אַלע תקופות צעגויפגעגאָסן דער מיטוס און דער ציטער פון געטלעכער קדושה מיט דעם פּאָליטיש־עקאָנאָמישן אינטערעס".

וואו ענדיקט זיך דער מיטוס, דער קדושה־ציטער? און וואו הויבט זיך אָן דער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער אינטערעס? — זאָלן עס זאָגן די מלכים און די פעלקער פון מלכי־צדק ביז אַבדולאַ, אויב זיי קענען ריידן, אויב זיי ווייסן וואָס זיי האָבן געטון און וואָס זיי טוען.

ירושלים איז נישט קיין מצבה, איז נישט קיין סטאַטוע און נישט קיין סטאַטוס.

ירושלים אין קיינמאָל קיין סטאַטוס נישט געווען.

זי איז אַ פּערמאַנענטער המשך פון תורה און עבודה, פון חכמה און אַרבעט. מען מוז אויפכאַפּן די דינאַמישע ענערגיע פון אַ ווייטן, ווייטן נעכטן, און איר גאַנג צו אַ קומענדיקן טיף־פאַר־שלייערטן ווייטן מאָרגן, וועלכער ציט זיך איבער געשעענישן פון היינט און לייגט דעם חותם אויפן לעבן פון אונדזער דור און אויפן לעבן פון די קומענדיקע דורות.

עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט אויך קענען שרייבן די געשיכטע פון אייביקן פאָלק אין זיין אייגענעם המשך, סימ־באָליזירט דורך דער אייביקער שטאָט אין איר אייגענעם פּראָצעס.

אפשר וועט קומען אַ צייט אויך פון רו און אָפּרו פאַר ירו־שלים, פאַר „די הייליקע שטאָט מיט אירע קרייז־שטעט" (העיר הקודש והמחוזות).

דעמאָלט וועט מען אפשר פאַרשטיין געשעענישן און מענטשן, וואָס זענען היינט סטימולירנדיקע רעטענישן פון אַ כוואַליענדיקער

באַוועגונג קעגן ערד און קעגן הימל, קעגן גאָט און קעגן טייוול.

דערווייל איז אַלץ נאָר כראָניק, אָנגעוואָרפענע אויפצייכ־נונגען, רשימות, ציפערן און פאַקטן, פון אַ טאָג־בוך און פאַר אַ טאָג־בוך.

אָנמערקונגען אויפן ראַנד פון לעבן.

* *
*

דובנאָוו האָט אונדז געגעבן אַ גראַנדיעזן געשיכטע־בוך.

וואָס איז אָבער געוואָרן פון זיין טעאָריע וועגן יידישע אױ־טאָנאָמיע־צענטערס אין די גלות־לענדער?

און דאָס איז דאָך פאַר דובנאָוו די באַזע פון זיין לעבנס־אַרבעט.

גרעץ באַשרייבט אונדזערע יסורים און אונדזער ליטעראַטור.

וואו איז זיין הנחה און וואו איז זיין קאָנסעקווענץ פאַרן קיום פון עם עולם?

ערנסט רענאַן גיט אַ געשיכטע פון יידן מיטן הויכ־פּונקט אין דער געבורט פון ישו...

דאָ הערט פאַר אים אויף יידישע געשיכטע, דאָ רייסט זיך איבער דער פאָדים און ציט זיך אַריבער אין קריסטלעכער געשיכטע.

יאסט הויבט אָן זיין „איזראַעליטישע" געשיכטע נאָך די חש־מונאים איבערן געבורט פון קריסטנטום. דאָ מוזן יידן פאַר־קירעווען פון זייער מלוכהשער שאַפונג, כדי זיך אַריינצושלענגלען אין דער פּראָגרעסיווער קולטור־וועלט, אין דער עמאַנציפּאַציע און אַסימילאַציע דורך טויערן, וועלכע פראַנצויזן און אַנדערע נאַציעס האָבן פאַר אונדז געעפנט אָדער געוואָלט עפענען.

דאָס איז נישט קיין קריטיק און זאָל קיין קריטיק נישט זיין.

דאָס זענען וועלט־רעטענישן, און אַז מען וויל, איז דאָס טאַקע פאַרבונדן מיט נסים ונפלאות פון יעדן דור און פון יעדער תקופה.

אַ נייע רעטעניש.

ווער קען זיך דערוועגן איר אויפצולייזן אָן אַן אויפגעפויש־

טער טענדענץ און אָן אַ געוויסער אידייאישער אויבנאויפיקייט?
ענגלאַנד און יידן —

דאָס געהערט צו די שענסטע און מיאוסטע קאַפּיטלען פון אונדזער לעבן. אַפילו אַ סטאָרס האָט נאָך געקענט פרעגן צי עס איז דאָ נאָך אַ פאָלק, וואָס איז פּייאיק ווי די ענגלענדער צו פאַר־שטיין יידן און זייער תורה.

אָבער פון קאָנסערוואַטיוון באַלפור ביז צום סאָציאַליסטישן בעווין איז דאָך טאַקע נישט אַזוי ווייט, און הערבערט סאַמועל איז דאָך געווען דער עמיסאַר פון דער זעלביקער רעגירונג ווי קונינגהאַם.

און דאָ שטייט באַלפור אויף דעם הר הצופים, מיט זיין ליכ־טיקן און לייכטנדיקן פּנים, און אַקטואירט די הייליקע פּתיחה פון אַן אינסטיטוציע, וואָס אינספּירירט מיט יידיש־חכמה און יידיש־תורה.

דאָ שטייט ער מיט הערבערט סאַמועל, מיט ווייצמאַן, מיט הרב הערץ און סטאָרס, אַלע אין פּורפּור־רויטע בריטישע אוניווער־זיטעט־טאַלאַרן.

און דאָ שטייט ער אין פולער שותפות מיט אחד העם, מיט ביאַליק, מיט אוסישקין און הרב קוק מיט לעבעדיקע סימבאָלן פון יידישער שאַפונג און יידישער אמונה.

אין דעם נשמה־אוצר פון אַ יידיש־וועלט איז איינגעקריצט די ריינע, גרויסע באַלפור־געשטאַלט, וועלכע איז דאָך אין איר מהות נישט מער ווי אַ ירושה פון פריערדיקע גרויסע ענגלענדער, וואָס האָבן פּראַקטיש און טעאָרעטיש געהאַלטן, אַז ארץ ישראל מוז געהערן צום פאָלק ישראל.

די פּתיחה פון דער אוניווערזיטעט איז דאָך געווען אין 1925, און די דיסטאַנץ ביז 1948 איז דאָך אינגאַנצן 23 יאָר.

און עס זענען די זעלביקע ענגלענדער, לויט געבורט און פּאַטריאָטיזם, לויט אידעאַלן און פּערספּעקטיוון אין 1925, אין 1939, אין 1948.

לאָמיר אַריבערגיין צום סדר־היום איבערן ווייס־בוך פון טשעמבערליין־מאַקדאָנאַלד. ער איז געקומען אין די מטרופּדיקע

טעג, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, און די קאַטאַסטראָפע־שטימונג קען האָבן אַריינגעטראָגן אַ צעמישעניש אין די בעסטע מוחות.

אָבער די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און מען שטייט פאַר דער ליקווידאַציע פון מאַנדאַט, פאַר דער מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן די אינספּיראַציע פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, און צו באַשיינען די וועלט מיט דער באַלפור־וויזיע פון הר־הצופים.

און אָט וואָס דער כראָניקער דערציילט, אַזוי פשוט און אַזוי אכזריותדיק, ווי מיט אַ מעסער אין דער נשמה:

„איינע פון די האַרבסטע פּראָבלעמען וועגן שוץ פון ירושלים נאָך דער אַראַבישער באַלאַגערונג האָט געפונען איר לייזונג. דער וועג צום הר הצופים האָט זיך געזאָלט עפענען פאַר יידן. מען האָט געזאָלט דורכברעכן די באַלאַגערונג און דערגיין צו דעם שפּיטאָל פון הדסה און צו די בנינים פון דער אוניווערזיטעט...

„צווישן די הייזער פון מאה־שערים, דעם קוואַרטאַל פון פרומע יידן, האָט זיך צוגעגרייט אַ באַפרייאונגס־שטורעם.

„דער אָפיציר פון שטאַב האָט געזאָגט פשוט:

„מיר האָבן באַשלאָסן צו באַפרייען דעם וועג צום הר הצופים".

און ווייטער ווערט פאַרשריבן:

„צוויי וואָכן פריער איז אויף דעם אָרט אַטאַקירט געוואָרן די מעדיצינישע עקספּעדיציע צום הר הצופים.

„76 פון די, וואָס האָבן געאַרבעט אין הדסה־שפּיטאָל און אין דער אוניווערזיטעט זענען דערמאָרדעט און 26 זענען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן.

„אייניקע פון די געראַטעוועטע האָבן זיך אויפן בויך דערשלעפּט ביז צו דער נאָענטסטער ענגלישער פּאָזיציע, און הגם עס זענען פאַראַן דאָקומענטאַלע ראיות, אַז זיי זענען אַנגעקומען לעבעדיק, זענען זיי פאַרשוואונדן און וועלכער עס איז שפּור ביז אויפן היינטיקן טאָג".

צווישן זעק מיט זאַמד, הונדערט מעטער פון דעם אָרט פון

דער אַטאַקע, אויף דער סאַניטאַרער פּאָזיציע, זענען געשטאַנען בריטישע סאָלדאַטן און האָבן נישט אינטערווענירט.

אין דעם בריוו־אויסבייט מיט דעם פּרעזידענט פון אוניווער־זיטעט, דר. מאַגנוס, האָט דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון בריטישן חיל, גענעראַל מעק־מעלן אָפּגעלייקנט די באַשולדיקונג, אַז די ענ־גלישע מיליטערלייט האָבן נישט פאַרהיט דעם מאָרד פון 76 וויסנ־שאַפטלעכע עסקנים, צווישן זיי געלערנטע מיט אַ וועלט־נאָמען, הגם זיי זענען געווען ביכולת עס צו טאָן.

דער גענעראַל האָט אַרויסגעזאָגט זיין צער, אָבער האָט גע־טענהט, אַז די עקספּעדיציע האָט אַנגעהויבן.

און געווען אַ גענעראַל ווינגייט, אַן ענגלישער פּאַטריאָט, וואָס איז געקומען צו אונדז און האָט אַזוי געזאָגט:

„מיט מיין גאַנצן הארצן בין איך אַ ציוניסט. איך פיל זיך ווי אַ בעל־חוב צו אייך. אַ סך האָב איך געלערנט תנ״ך, דעם איי־ביקן בוך פון אַלע ביכער. די שטאַרקסטע יצידה פון פאָלק ישראל. דער אייביקר דאָקומענט פאַר אייער לעבן אין דעם לאַנד. אין דעם זכות לעבט איר ביז צום היינטיקן טאָג.

„מיין זכות איז אייך בייצושטיין, מיטצופירן אייער מלחמה און צו דעם וויל איך מקריב זיין דאָס בעסטע פון מיין לעבן...

„די מענטשהייט וועט האָבן אַ באַרעכטיקונג פאַר איר קיום, אויב זי וועט לעבן לויט די מאָראַלישע יסודות פון דעם ספר.

„ווער עס דערהויבט אויף אייך אַ האַנט, און אויף דער מאָס פון באַלעבן אייער לאַנד, מוז באַקעמפט ווערן.

„זאָל זיין אַז צוליב קורצזיכטיקייט, איגנאָראַנץ אָדער פאַר־דרייטע תורות, וויל דער שכן אַנפאַלן אויף אייך און אויף אייער ווערק, און זאָל זיין אַז צוליב „אַ פּאָליטישן חשבון״ געפינט ער אַן אָנשפּאַר אין מיין פאָלק, וועל איך מיט אייך צוזאַמען קעמפן קעגן שכן און קעגן מיין אייגן פאָלק.

„די מלחמה איז אייער מלחמה. איך וויל נאָר האָבן דעם זכות אייך צו העלפן. איך וויל געפינען פאַר מיר אָפענע יידישע הערצער אין דעם לאַנד״.

גענעראַל ווינגייט האָט אָרגאַניזירט די הגנה און האָט אין

איר אַריינגעגאַסן ענגלישע רו און מעק־מולן האָט דערלאָזן, אַז 76 דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן זאָלן פאַרשניטן ווערן פון דער וועלט...

ביז צו זיין טויט איז גענעראַל ווינגייט געשטאַנען מיט אונדז קעגן די אַראַבער און קעגן די ענגלענדער, וואו ער איז געווען אָנערקענט ווי איינער פון די גרעסערע מלחמה־גאונים.

ווינגייט און מעק־מעלן.

באַלפור און בעווין.

אַ ראַסן ־ פּראָבלעם.

ווער וועט אויפלייזן די רעטעניש ?

און עס קומט די נחמה, נישט די נקמה.

די יידישע שטורמער־בריגאַדע שטורעמט צוויי וואָכן שפּע־טער דעם פאַרברעכערישן נעסט פון די אַראַבישע רוצחים, וועלכע זענען שטאַרק אין צאָל און פעסט אין דער פּאָזיציע און געשטיצט פון בריטן.

אָן שווערע אבידות באַוועלטיקן די שטורמער דעם שונא.

דער ענגליש־אָרגאַניזירטער און אָנגעפירטער אַראַבישער לי־גיאָן און די איראַקער קומען הענדום־פענדום צולויפן, אָבער גאָר־נישט העלפט :

דריי טאַנקען פון לעגיאָן ווערן פאַרברענט. די אַראַבער פאַר־לירן פּאָזיציעס און דער לעגיאָן מוז אַנטלויפן.

שוין אַנטלויפט דער שטאָלצער און שטאַרקער לעגיאָן פון עבר־הירדן, און שוין זוכט אַ רעטונג דער איראַקישער חיל.

קומען מיטאַמאָל די ענגלענדער און ווילן נישט מער און נישט ווייניקער ווי ליקווידירן די פינפטע שטורעם־בריגאַדע.

עס קומט דער ענגלישער אולטימאַטום, אָבער די צייטן פון הבלגה זענען אַוועק.

און עס קומט דער יידישער קעגן־אולטימאַטום.

„שייך גירך" איז דער וועג, דורך וועלכן די ענגלענדער האָבן געזאָלט פאַרלאָזן דאָס מאַנדאַטן־לאַנד.

די שטורמער־בריגאַדע בלייבט דערווייל אין שייך גירך.

נאָך דעם בלוטיקן צוזאַמענשטויס שרייבט אַ גרויסע פּראָ־

אַראַבישע טאָג־צייטונג אין לאָנדאָן, אַז אַ יונגער ענגלישער אָפי־ציר האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר קאָרעספּאָנדענטן:

„איך בין אַ חסיד פון די אַראַבער, אָבער ווי אַ מיליטערמאַן מוז איך מודה זיין, אַז די אַראַבער האָבן קיין שום שאַנסן נישט צו זיגן. איך האָב נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון קאַמף. די אַראַבער האָבן געהאַט אומצייליקע מעגלעכקייטן צוריקצושטויסן די יידן, אָבער זיי פאַרשטייען גאָרנישט אין די ענינים".

וואָכנלאַנג איידער די ענגלענדער האָבן פאַרלאָזט ארץ יש־ראל, האָבן טיילן פון ענגלישן מיליטער אָפן און פאַרבאַהאַלטן גע־האָלפן די אַראַבער. זיי האָבן זיך אָפט וועגן דעם מודה געווען.

עס איז קיין חילוק נישט מיט וועלכן תירוץ די ענגלענדער האָבן עס געטון. דער עיקר איז, אַז זיי האָבן עס געטון.

די יידן האָבן נאָך נישט געהאַט קיין מלוכהשן כוח. זייער געווער איז געווען פאַרעלטערט און צום טייל פאַרזשאַווערט. זייע־רע מענטשן פרייוויליקע זעלנער; געשולטע יידישע גענעראַלן און אָפיצירן זענען נישט געווען בנמצא, און קעגן זיך האָבן זיי געהאַט אַרמייען פון אַראַבישע לענדער, פון זיבן אַראַבישע לענדער, באַ־וואָפנט דורך ענגלענדער און געשטיצט דורך ענגלענדער.

די יונגע יידישע בחורים האָבן פעסט געהאַלטן שייך גירך, דעם וועג צום שפּיטאָל און צום הר הצופים און האָבן געשאָסן אויף די רוצחים אַזוי גוט ווי זיי האָבן געקענט פון די גרויסע נאַ־שאשיבי־הייזער.

טאַנקן, געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן, קוילוואַרפער און גראַ־נאַטן און דריי ענגלישע בריגאַדעס האָבן זיך אַ לאָז געטון אויף דעם קליינעם הייפל פון דער יידישער הגנה.

די ענגלישע דזשענטלמענער מיט די אַראַבישע „חברים" האָ־בן געזיגט.

שייך גירך איז דערווייל געוואָרן בריטיש. דער וועג פאַר די ענגלענדער אַרויסצוגיין פון לאַנד איז געוואָרן פריי.

און עבר־הירדן, דערמוטיקט דורכן זיג פון די ענגלענדער, האָט דערקלערט מלחמה ישראל.

דער הוסיינער מלך אַבדולאַ האָט געגלויבט באַמונה שלימה,

אַז לייכט וועט זיך איינגעבן זיין מאָדערן־אויסגעבילדעטן לעגיאָן, מיט דער ענגלישער קאָמאַנדע, צו פאַרנעמען די אייביקע שטאָט ווי זיין רעזידענץ. ענגלישע אָפיצירן, ענגלישע וואָפן און געפאַנגענע אַראַבער האָבן זיך אָפּט דעמאַסקירט ווי ענגלישע זעלנער אָדער עכט־דייטשע נאַציס.

אַן עפּיזאָד, וואָס ברענגט קלאָריט אין דער קאָלאָריט־שטאַרקער קריגס־געשיכטע איז דער שמועס צווישן דעם קאָרעס־פּאָנדענט פון אי. פּי., דעם אַמעריקאַנישן פאַרטרעטער פון דער אינפאָרמאַציע אַגענטור, מיט אַ חבר פון דער ישראל־פּרעסע.

דער קאָרעספּאָנדענט דערציילט:

„אין ראַמלה האָבן מיר אָנגעטראָפן דעם קאָמאַנדיר פאַוזי קאַוקאַדזשי. ער האָט אונדז מיטגעגעבן אַ באַגלייטער און מיר זע־נען געקומען ביז צום שאַסיי־אַספאַלט.

„די אַראַבער זענען געווען אויפן בערגל אין צפון פונעם אַספאַלט. אַ מרחק פון אַ קילאָמעטער האָט זיי אָפּגעטיילט פונעם שאָסיי. דער קילאָמעטער איז געווען פאַרנומען דורך אונדזער פלמ״ח.

„ווער, מיינסטו, האָט אונדז מקבל־פּנים געווען? שטעל זיך פאָר: ביי הוביצער־קאַנאָנען האָט אונדז אַנטקעגן געלאַכט פריץ בויער, וועלכער איז פריער געווען אַן אונטעראָפיציר אין דעם נאַצי־חיל און שפּעטער אַ געפאַנגענער אין דעם לאַגער ביים סועץ.

ער האָט אונדז געזאָגט: „גוט מאָרגן" און האָט יעדן איינעם פון אונדז געגעבן די האַנט.

—ווי פילסטו זיך דאָ? — האָבן מיר אים געפרעגט.

—אויסגעצייכנט! — האָט ער געענטפערט און האָט גע־טרייסלט זיין געלע טשופרינע.

ווען די אַראַבישע חזרים וואָלטן נאָר געקענט בעסער שיסן. איך שריי ביז הייזעריקייט, אָבער עס העלפט גאָר נישט.

דאָס איז געווען אַ 23־יעריקער בערלינער. ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַרטילעריע, וועלכע קאַוקאַדזשי האָט אַהערגעבראַכט, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז די יידן זאָלן באַפרייען דעם שאָסיי.

—ווי אַזוי ביסטו אַהערגעקומען ? — האָבן מיר אים גע־פרעגט.

—אין סועץ איז אונדז געווען לאַנגווייליק. גראָד איז געקו־מען אַן אַראַבער. זעכציק פונט איז נישט קיין שלעככטער עסק. אמת, מען האָט מיך אָפּגענאַרט, אָבער עס מאַכט נישט... כלומרשט זאָלן די יידן זיין אַזוי ווי אין דייטשלאַנד אַן אינסעקטן־מאַסע. אָבער הער גאָט, ווי געפּלעפּט בין איך געווען צו זען, וואָס פאַר אַ שדים זיי קענען זיין.

—זענען דאָ נאָך פאַראַן אַ סך דייטשן ?

— אַ סך האָב איך נישט געזען, אָבער עס זענען פאַראַנען פּאָליאַקן, סלאַוון און פון אַלע נאַציעס״.

די כראָניקער באַשרייבן ווי לערך אַ קליינע צאָל יידישע שטורמער, יונגע חברה, אין לאַנד געבוירענע, האָבן פאַרנומען שלי־סל־פּאָזיציעס אין ירושלים און אַרום ירושלים.

דער נצחון פון קטמון און קסטל איז געוואָרן וועלט־באַרימט.

אַ פּאָזיציע, וועלכע אַראַבער האָבן געהאַט אין מאַנאַסטיר סאַן סימאָן, הר ציון, א. א. וו. איז אין איין נאַכט געקומען אין יידישע הענט.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שפּאַנונג ביי עקספּערטן פון אַ וועלט־רוף.

עס האָבן געקעמפט יונגע סאַבראַס און פרומע יידן; קינדער, מיידלעך און אינגלעך, אין עלטער פון 12 יאָר.

קיינער איז נישט געווען בכוח צו פאַרמיידן, אַז די צאָל יונ־גע סאַבראַס זאָלן זיך אַנטקעגנשטעלן טאַנקן און קוילנוואַרפער.

יעדע פאַרנומענע פּאָזיציע האָט אַריינגעזאַפּט דעם מאַרך און בלוט פון אונדזערע בעסטע קינדער, פון באַרימטע פּערזענלעכקיי־טן, פון טאַלאַנטן, וואָס זענען געוואקסן ווי אַ שטאָלץ פון גאַנצן פאָלק.

כדי צו באַקומען אַ פאָרשטעלונג פון דער גבורה און פון די קרבנות, מיט וועלכע מען האָט פון דאָס ניי געהייליקט די יידישע שטאָט ירושלים, ווילן מיר דאָ ברענגען אַ כראָניק־באַשרייבונג. וועגן דעם פאַרצווייפלטן קאַמף אַרום דער שליסל־פּאָזיציע

„קטמון", נאָך דעם ווי זי איז שוין געווען אין יידישע הענט:
„איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען האָבן די אַראַבער גע־מאַכט צו ראַטעווען קטמון. אָן קטמון קענען זיי קיינמאָל נישט פאַרנעמען דעם יידישן ניי־ירושלים. דאָס האָבן זיי געוואוסט. זיי האָבן נישט דעם פּונקט פון וואַנען דער שטורעם קען זיך אַרויס־רייסן, פון וואַנען זיי זאָלן קענען אַריינדרינגען אין רחביה, אין קרית שמואל.
קטמון האָט אויך באַשיצט די איזאָלירטע פּונקטן ווי תלפיות, מקור חיים און רמת רחל.
„עס איז געווען אַ שטאָק־פינצטערע נאַכט, נאָר דאָס פייער פון אויפרייס־מאַטעריאַל האָט באַלויכטן צייטנווייז דעם הימל. אי־בער די דעכער פון קטמון־מאָנאַסטיר האָב איך זיך אַריבערגעדראַ־פּעט קיין קטמון.
„דער אויסגעשטיינערטער באָדן איז געווען באַדעקט מיט שמוציקע רעשטלעך און אַ פּוילעניש־גערוך איז אויפגעשטיגן פון אונטער דער ערד.
„צוועלף בחורים און איין בחורה מיט אַ ווייסן באַנד זענען געלעגן אויסגעשטרעקט מיט געשפּאַנטע בליקן אין דער ריכטונג, פון וואַנען די אַטאַקעס קענען קומען.
„אין אַן אַנדער עק איז געווען די ראַדיאָ, די פאַרבינדונג מיטן שטאַב.
„יעדער פינטעלע, יעדער שטיינדעלע האָט דערציילט וועגן געשעענישן, וואָס האָבן זיך נאָר־וואָס אויסגעוויקלט און וועגן אַ ווילדער גבורה פון די שטורמער.
„די צוועלף בחורים האָבן נישט געקוקט אויף די אַריינגע־קומענע. זיי האָבן געהאַט אינסטרוקציעס און זענען געווען גרייט אויף אַלץ, וואָס קען פּאַסירן.
„קעגן־אַטאַקעס אויף קעגן־אַטאַקעס מיט מאָדערנעם געווער און אַראַבישע יללות און גוואַלדאַווע גרילצן.
„איינער פאַלט און אַ צווייטער פאַלט.
„קטמון האַלט זיך פעסט, קיינער רירט זיך נישט פון אָרט.
„אַזוי בלייבט קטמון אין יידישע הענט, און פון דאַנען אויס

ליקווידירן אונדזערע שטורמער איין אַראַבישע פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער אַראַבישער פּאָזיציע, און דערשטיקן די לעצטע קעגן־כוחות פון שונא.

„דער שטורמער־שטאָב רוקט זיך פאַראויס און עס קומען נייע קאַמפן מיט נייע קרבנות, מיט נייע גבורות און מיט נייע נצחונות".

נאָך קטמון קומט אַ הפסקה. די רעגירונג האָט עס נויטיק. זי האָט זיך אירע חשבונות.

עס איז אַ גוזמא, ווען די עקספּערטן האָבן געפּסקנט, אַז מיט קטמון האָבן די אַראַבער אָנגעוואוירן דעם טייל ירושלים מחוץ דער מויער פון דער אַלט־שטאָט.

די אַראַבער האָבן זיך פאַרשאַנצט מחוץ פון דער שטאָט און האָבן זיך אַלץ געוואָרפן אין נייע אַטאַקעס.

ירושלים איז געבליבן באַלאַגערט.

* * *

די סטראַטעגיע פון ירושלים־קאַמפן מוזן באַשרייבן מומחים, הגם זי איז, לכל הפחות אין דער ערשטער צייט, געוואָרן דורכגעפירט דורך בחורים פון שטאָט און דאָרף, פון אונדזערע חלוצים און חלוצות.

דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט פאַר דער ליקווידאַציע פון מאַנדאַט, פאַרן 15־טן מאַי 1948.

„אין די טעג פון דער הפסקה, שרייבט דער כראָניקער, האָבן מיר ווי אַרעסטאַנטן געשפּאַנט דורך די גאַסן פון ירושלים. מיר האָבן געוואַרט אויף אונדזער פּסק־דין. די גאַנצע שטאָט איז געווען אַ גרויסער בית־דין און די ריכטער — אַ מיסטעריעזער גורל.

„צוויי וואָכן זענען מיר באַלאַגערט, איינגעשלאָסן, קיינער קומט נישט אַרויס. די פּרייזן שטייגן און שפּייז ענדיקט זיך. וואַסער גיט מען אונדז נאָר 1 מאָל אין 3 טעג און דער עלעקטרישער ליכט־שטראָם אַרבעט שוואַך, מיט אַ שטענדיקן איבעררייס.

„אין יריחו און אין בית־לחם גרייט זיך דער לעגיאָן און די

בריטן ברענגען פאַרשטאַרקונגען.

„אין זיבן טעג מוזן זיי פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

„מיר האָבן אין דעם נישט געגלויבט און מיר האָבן געהאַט אַ טעות.

„צו וואָס אָבער די פאַרשטאַרקונגען, האָבן מיר געפרעגט ?

„מיר קענען אייך נישט אויסזאָגן אונדזערע מיליטערישע סודות" — האָבן די רעגירונגס־לייט געענטפערט.

„מער האָט מען נישט געטאָרט וואַרטן, און די הגנה האָט אונטערגענומען אַ שטאַרקע אַטאַקע אויף די אַראַבישע פּעסטונגען".

דער קריגס־כראָניקער דערציילט :

„מען האָט מיר גערופן צו דער פּערמאַנענטער באַזע פון די שטורמער. אין די בערג פון יהודה; אונטער דעם שאָטן פון בוימער איז אויסגעהאַקט אין אַ פעלדז דער קבר פאַר די קרבנות, וועלכע זענען געפאַלן ביי קטמון.

„ביים פוס פון אַ היגל, באַדעקט מיט גרינעם גראָז, איז שטום געשטאַנען די פערטע בריגאַדע פון די שטורמער, וועלכע האָט דורכגעבראָכן אַ וועג צו ירושלים, וועלכע האָט דעראָבערט סרים און קסטל, קולוניע אין בית סוריק, בידו, איבן־איסקא און צום סוף אויך קטמון.

„ביי אַ פרישער באַרגיקער מאָרגן־לופט האָט מען אַראָפּגע־לאָזן די קריגס־פאָנען צום זכר פון די צען געפאַלענע יונגע מלחמה־העלדן.

„בעני מאַרשאַק, דער קולטור אָפיציר פון דער בריגאַדע, האָט מיר געזאָגט, אַז די צערעמאָניע וועט זיין צניעותדיק און איך האָב מיטגענומען דעם קאָרעספּאָנדענט פון „יו־פּי" אין מיטעלן מזרח, לעאָ טורנער.

„מיר זענען געשטאַנען אויף אַ נאַקעטן שטיין, צען מעטער פון אָפענעם קבר. פון דער רעכטער זייט און פון דער לינקער, זע־נען געשטאַנען שורות פון די בריגאַדע־זעלנער און זייערע קאָמאַנ־דירן מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ.

„דער קבר איז געווען באַדעקט מיט קרענץ, געפלאָכטן פון די אַרומיקע באַרג־בלומען.

„אונטער די בלומענקרענץ זענען געשטאַנען צוויי כיתות, איינע קעגן דער אַנדערער, וועלכע האָבן געהאַלטן גרייט זייער געווער, אָפּצוגעבן דריי שאָסן — דעם לעצטן מיליטערישן כבוד פאַר געפאַלענע העלדן.

„אין מיטן פעלד איז געשטאַנען איינער אַליין דער הויך־געוואַקסענער ברוינאַויגיקער יוסף טאַבענקין, אַ קינד פון עין חרוד דער יונגער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע.

„נאָך האָבן מיר נישט קיין באַשטימטן נוסח צו פאַראייביקן געפאַלענע, האָט ער געזאָגט. מיר האָבן נאָך נישט קיין באַרימטע בתי־קברות, כדי צו באַקרוינען אין שיינקייט אונדזערע געפאַלענע; אָבער דער קאַמפּס־פראָנט באַטעמט אונדז, און אין אונדזער האָרץ אין די אמונה אין אונדזער נצחון.

„געפאַלענע זענען מחייב; זיי זענען מחייב המשך און פאַר־דאָפּלטע אָנשטרענגונגען. קודם כל זענען זיי מחייב נצחון.

„אונדזערע געפאַלענע זענען זיג־געפאַלענע.

„אונדזער בריגאַדע האָט אָנגעהויבן די דעציזיע־שלאַכט אויף ירושלים און האָט געזיגט. דער שונא האָט קאָנצענטרירט אַלע זיי־נע כוחות אויפן קאַמפּס־שליאַך אַרום קטמון און מיר האָבן גע־זיגט. מיר האָבן אים פאַרטיליקט. דריי מאָל האָט ער געמאַכט פאַרצווייפלטע קעגן־אַטאַקעס. איין מאָל נאָך אַן אַנדער מאָל האָט ער געפּרואווט אונדז אַרויסצושטויסן פון דער פאַרנומענער שכונה.

„מיר האָבן אים צוריקגעוואָרפן.

„אין קאַמף און קעגן קאַמף זענען געפאַלן די צען חברים”.

שטום האָבן די בחורים אַנגעקוקט איינע די אַנדערע.

„לעאָ טורנער, דער אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט פון ”יו־פּי”, האָט געהאַלטן פעסט מיין האַנט; ער איז געווען דערשיטערט. ער האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. ער האָט אָבער אָפּגעלייענט פון די פנימער דעם פשט פון די ווערטער, וואָס דער קאָמאַנדיר האָט גערעדט. קיין איינציקער האָט זיך נישט גערירט. קיין טאָן האָט מען נישט געהערט, עס איז געווען אַ שטימונג פון פשטות, אויפריכטיקייט און גלויבן אין דעם הוילן בלויז פון דעם באַרג־שטח.

„דאָן אין אַרויסגעטראָטן דער אָפיציר, וואָס איז פאַראַנט־וואָרטלעך פאַרן סדר, עוזי. ער האָט געגעבן אַ קורצן באַפעל.

ביידע כיתות, וואָס זענען געשטאַנען איינע קעגן דער אַנדע־רער ביים אָפענעם קבר, האָבן אויפגעהויבן זייערע ביקסן, האָבן געגעבן דריי שאָסן. איין שאָס נאָכן אַנדערן האָט געשפּאָלטן די לופט.

„בעני מאַרשאַק האָט געזאָגט:

„די קינדער פון ארבעט און שלום, וועלכע זענען געגאַנגען נאָכן רידל און נאָכן אַקער־אײַזן, זענען געפאַלן צוליבן לעבן.

„עס וועט נישט זיין אויסגעוועפּט די אבילות און עס וועט זיך נישט שטילן אונדזער בלוט, ביז עס וועט קומען דער טאָג און אונדזער באַרויבט לאַנד וועט באַקומען איר גאולה".

ביים פוס פון קבר האָט אַרויסגעבליצט אַ ווייסע אויפשריפט:

„די געפאַלענע פון קטמון".

און די נעמען.

מיר האָבן פאַרלאָזן דעם קבר.

„מיר האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושלים".

* *
*

עס זענען קינדער פון אַרבעטנדיקן דאָרף, אויפגעוואַקסן אויף דעם באָדן ביים רידל און טראַקטאָר, סאַברעס, עכטע סאַברעס.

פון וואַנען די גבורה פון פשטות אין אַן אַטמאָספער פון טויט און טראַגיק?

פון וואַנען קומט דער זעלנער, פון וואַנען דער קאָמאַנדיר? פון די אַלט־יונגע חשמונאים.

און נאָך אַ בילד פון ירושלים מחוץ פון דער חומה.

מען האָט זיך געקליבן אויפצורייסן די באַלאַגערונגס־קייט.

מען איז געגאַנגען איין מאָל און נאָכאַמאָל.

בעני מאַרשאַק, וועלכער איז נאַרוואָס געלעגן אין שפּיטאָל, מיט וואונדן אין קאָפּ און אין ברוסט, איז ווידער געזעסן אַ גאַנצע

נאַכט ווי אַ קאַמפּס־אָפיציר, אַן אַרבעט, וואָס ער האָט אַזוי גוט געליבט, ווי די פון אַ קולטור־אָפיציר.

„אַ טאָג פריער, דערציילט דער קאָרעספּאָנדענט, בין איך געווען אַן עדות פון אַ ויכוח צווישן אים און זיינע חברים, וועלכע האָבן געטענהט, אַז ער טאָר אין דער נאַכט זיך נישט באַטייליקן אין קאַמף.

„ער האָט געצויגן מיט די פּלייצעס און געלאַכט זיין ביטערן געלעכטער, וועלכן מען האָט געקענט, און ער האָט געזאָגט:

„בעניין ווילט איר לאָזן אין רוקן־פראָנט ?"

און מיט זיין גרויסער השפּעה האָט ער געצוואונגען אים צו באַטייליקן אין קאַמף.

דאָס זענען נישט קיין פּרטים. דאָס איז נשמה־לעבן, וואָס האָט דערמעגלעכט אַ לאַגע, וואָס מען קען נישט פאַרשטיין מיטן געזונטן ניכטערנעם שכל.

אַזעלכע בילדער, וועלכע דערשיטערן און דערמוטיקן, דער־ציילט דער כראָניקער מיט אַזאַ פּשטות, ווי דאָס וואָלט געווען אַ נאַטירלעכער טאָג טעגלעכער ענין.

דעם 14־טן מאַי האָט מען אַראָפּגענידערט אַן בענקעניש און אַן כבוד די ענגלישע פאָן פון רעגירונגס־געביידע. די כלומרשטע שלום־רעדע פון קוניגהאַם האָט מען נישט געהערט, און די וואָס האָבן זי געהערט, האָבן אין איר נישט געגלויבט.

דער אַראַבישער לעגיאָן איז געבליבן אין שטאָט, הגם דער הויכקאָמיסאַר האָט הייליק צוגעזאָגט אים פון דאָרט אַרויסצופירן. די קאָמאַנדע איז געבליבן בריטיש. דער בריגאַדיר גלאוב האָט אָנגעפירט מיט די כוחות.

דריי געפּאַנצערטע איינהייטן, לייכטע און שווערע אַרטילע־ריע, טויזנט פוס־זעלנער זענען געקומען פון יריחו.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים קבר פון שמואל הנביא און האָבן געשטורעמט ירושלים.

אין לאטרון אין דער שאָסיי געווען פאַרבאַריקאַדירט.
די באַלאַגערונג איז געווען גאַנץ.

און דאָ איז געווען אַ שטאָט אָן עסן, אָן וואַסער, אָן ברען־
מאַטעריאַל, אָן עלעקטריע און אָן וואָפן.

באָמבעס זענען געפאַלן, און מען האָט דייטלעך געקענט אָפּלייענען די ווערטער „כעמישע אינדוסטריע פון דער אימפעריע".

אין דעם טאָג האָט די בריטישע ראַדיאָ מודיע געווען, אַז בריטאַניע וועט ווייטער שיקן וואָפן קיין עבר־הירדן אין הסכם מיט אירע התחייבותן פון דעם אָפּמאַך צווישן ענגלאַנד און עבר־הירדן.

אַזוי ווי חיפה און יפו, איז אויך ניי־ירושלים געקומען אין די הענט פון דעם יידישן חיל.

מיט אַלט־ירושלים הויבט זיך אָן אַ נייער קאַפּיטל.

דער המשך פון נבוכדנצר איבער טיטוס ביז היינטיקן טאָג.

דאָ שטייען די קינדער פון די חשמונאים. זייער העלדיש־קייט שטייגט אַריבער די חשמונאים־גבורה און אויך זייערע ליידן און זייערע יסורים זענען געווען נישט קלענער ווי די אין די צייטן פון ערשטן און צווייטן חורבן.

דעמאָלט איז געווען דער וועג:
פון דער מדינה צום חורבן,
מחירות לעבדות.
היינט: פון חורבן צו דער מדינה,
מעבדות לחירות.
צו מדינת ישראל.

כב

שערי שמים פתח...

בשעריך ירושלים...

ירושלים איז דער טויער דורך וועלכן יידישע זמירות, תפי־לות און ניגונים דערגייען צו די הימלישע טויערן און דערלאַנגען צום כסא הכבוד.

אָפענע הימלישע טויערן בלייבן אַ בלויז, אַ חלל און האָבן נישט קיין שום פעולה ווען ירושלים בלייבט פ אַ ר ש ל אָ ס ן, פאַרבאַריקאַדירט פאַר דער יידישער הארץ און דער יידישער נשמה...

די טויערן פון הימל, די טויערן פון מדינת ישראל און די טויערן פון ישראל, ירושלים של מעלה און ירושלים של מטה זע־נען מדרגות פון חסידות און צדקות.

איינס אָן דאָס אַנדערע איז אַ מין פראַגמענט, אַ שברי כלי, אַ שברי תפילה אָדער אַ שברי ניגון.

דער אייביקער המשך־פּראָצעס הויבט זיך אָן אויף די אונ־טערשטע שטאַפּלען פון אינסטינקטן, קומט צו די חושים און שטייגט אַרויף צו די העכסטע שטאַפּלען פון מענטשלעכן געדאַנק, מענטשלעכער האַנדלונג, מענטשלעכן געפיל. אַזש ביז צו אַ פאַ־טענץ פון אינטואיציע.

מוזן מיר דאָ איבערחזרן דעם ציטאַט, וואָס מיר האָבן גע־בראַכט פון של״ה הקדוש:

„ירושלים איז דער טויער פון הימל. נאָר דורך אים שטייגן אַרויף די תפילות. נישט נאָר די תפילות פון די מתפללים פון ירושלים, נאָר די תפילות פון גאַנצן כלל, פון אַלע ישראל־שיכטן שטייגן די תפילות דורך דעם טויער פון ירושלים".

און אין אַן אַנדער אָרט:

„די קדושה פון ישראל איז ווי די קדושה פון גן עדן. אַפילו אין זיין חורבן האָט ישראל קדושה. גאָט פאַרלאַנגט ארץ ישראל און ישראל. קיין שום תפילות פון גלות קענען זיך נישט דער־הויבן, קענען נישט האָבן קיין עליה, אויב מען איז זיי נישט מכוון צו די טויערן פון ארץ ישראל, צו ירושלים און פון דאָרט צום קדשי־קדשים —

דאָס איז דער טויער פון הימל".

עולם הבא איז נישט קיין סעפּאַרירטע, אָפּגעשלאָסענע און איזאָלירטע וועלט פאַר זיך. זי איז אונדזער וועלט, געריייניקט פון קליפּות און פּסולת, באַפרייט פון טומאה, פון שדים, רוחות און מזיקים.

פון אונטערדריקונג און קנעכטשאַפט.

„אין בין עולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד".

זאָגט אויף דעם דער רמב"ם:

דו זאָלסט נישט טראַכטן אַז מיט משיח וועט בטל ווערן דער סדר פון דער וועלט אָדער עס וועט זיין אַ חידוש אין מעשה בראשית

„די נביאים און חכמים האָבן נישט געגאַרט נאָך די משיח טעג, נישט כדי צו הערשן איבער פעלקער און נישט כדי די פעל־קער זאָלן זיי דערהויבן, און אויך נישט כדי צו עסן און צו טרינ־קען און צו הוליען, נאָר כדי צו דערגרייכן די פרייהייט אויף צו לערנען תורה, און כדי עס זאָל נישט עקזיסטירן קיין באַדריקער און קיין צעשטערער, כדי מען זאָל זוכה זיין צו קומען צו עולם־הבא".

אַן עולם הזה איז נישטאָ קיין עולם הבא.

אַן דעם פּרוזדור (וועסטיבול) איז נישטאָ קיין טרקלין (פּאַ־לאַץ).

מי שלא טרח בערב שבת...

אַן ירושלים של מטה איז נישטאָ קיין ירושלים של מעלה.

די מלחמה פאַר ירושלים און אַרום ירושלים איז דער קאַמף פאַר אַ פרייען לעבן פון קולטור און עליה; פאַר אַ פרייען שליאַך פון תפילות און תורה, פאַרן המשך פון דער פאָלקס יצירה, פאַר די אייביקע אידעאַלן פון אונדזערע חכמים און נביאים.

עס איז אַ טעות צו גלויבן אַז די באַלפור דעקלאַראַציע האָט אונדז געגעבן אַ זכות אויף אונדזער לאַנד און אויף ירושלים, אָדער אַז די בריטישע און אַראַבישע אַטאַקעס האָבן אַרויסגערופן אונדזער עקשנותדיקע רעזיסטענץ און אונדזער באַפרייאונגס־מלחמה.

די באַלפור דעקלאַראַציע, דער מאַנדאַט, האָבן קאָנסטאַטירט, בעסער אָדער שלעכטער פאָרמולירט אַ היסטאָריש געשעעניש, אַן אוניווערזאַלע טאַט־זאַך.

דער גאַנצער גלות לעבן איז יידישע רעזיסטענץ, פּאַסיווער אָדער אַקטיווער קאַמף פאַר אַ פרייען וועג צו אַ פרייער וועלט.

בן גוריון האָט אַמאָל געזאָגט:

„דער מאַנדאַט איז נישט קיין תורה, אָבער די תורה איז אונדזער מאַנדאַט".

זינט מיר האָבן אַנגעוואוירן ירושלים גייט אַן אונדזער קאַמף. און ביז צו דעם מאָמענט ווען מיר וועלן נישט צוריקבאַ־קומען ירושלים וועט נישט אויפהערן דער קאַמף.

דאָס איז די גזירה פון אונדזער לעבן, דער גורל פון אונ־דזער קיום.

מיר קעמפן קעגן אַ תהום פון עוולות אין אַ וועלט־ געשיכט־לעכן פאַרנעם, קעגן טויזנטיעריקע קריוודעס און פאַרברעכנס לגבי אונדזער פאָלק אין דער גאָרער וועלט.

מיר האָבן קיינמאָל נישט קאַפּיטולירט, מיר האָבן דעם קאַמף קיינמאָל נישט אַנגעוואוירן.

מיר בלייבן ביי אונדזער אַקטיווער און פּאַסיווער רעזיסטענץ.

מיר וועלן דעם קאַמף אויך איצט נישט פאַרלירן, ווייל מיר וועלן נישט רוען און קענען נישט רוען איידער מיר וועלן פאַר־נעמען דעם לעבנס שטח וואָס גיט אונדז די יניקה פאַר ענערגיע און אָטעם.

אונדזער ענערגיע און אונדזער אָטעם.

דער קאַמף פאַר ירושלים איז אַ טויזנטיעריקער המשך. עס קעמפט נישט אונדזער דור, אונדזער תקופה, נאָר גאַנצע דורות און תקופות.

כמעט זינט מתן תורה.

אונדזער נצחון איז נישט קיין נס. מיר זענען אַ קלייגער הייפל, אין קאַמף אָבער זענען מיר מיליאָנען.

און עס איז נישט קיין מליצה און נישט קיין פאַנטאַזיע נאָר אַ רעאַליטעט געטראָגן פון גאולה־וויזיע, ווען דער רמב״ן זאָגט:

„עס איז אַ גוטע בשורה פאַרן גאַנצן גלות, אַז אונדזער לאַנד אַבסאַרבירט נישט אונדזערע שונאים. מען וועט אין דער גאַנצער וועלט נישט געפינען קיין לאַנד וואָס האָט אַזעלכע מעלות און אַזאַ רחבות און איז אַזוי חרוב און וויסט ווי אונדזער לאַנד.

„זינט מען האָט אונדז פאַרטריבן האָט דאָס לאַנד נישט אויפגענומען קיין אומה און קיין לשון, הגם אַלע מיען זיך איר צו באַזיצן אָבער עס גיט זיך נישט איין״...

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין יאָר 1263, און אין יאָר 1927, כמעט זיבן הונדערט יאָר שפעטער, האָט דער בריטישער גובער־נאַטאָר פון ירושלים, ר. סטארס געשריבן:

„מ׳מוז מודה זיין אַז די אַראַבער זענען הונדערטער יאָרן אין לאַנד געזעסן, אָבער דאָס לאַנד איז געבליבן חרוב ווי געווען... זיי האָבן דאָס לאַנד נישט געשאַפן און אין לאַנד נישט געשאַפן״.

דער קאַמף אַרום און אין ירושלים האָט דעם תכלית אַרויס־צופירן ירושלים פון דעם חורבן און איר צוריק צו ברענגען צו איר שעפערישער קדושה און הסכם מיט איר מיסיע.

ירושלים קעמפט קעגן אַ וועלט און מיר זענען אירע שליחים.

היינט איז דער קאַמף קעגן נאַציאָנאַליסטישע תאוות און אַמביציעס, און מאָרגן קעגן „אינטערנאַציאָנאַלע פרעטענזיעס,

סטראַטעגישע ספּעקולאַציעס און דיפּלאָמאַטישע אינטריגעס״.

דער איצטיקער קאַמף איז שווער און ווייט פאַרצווייגט.

אָבער אַזוי ווי מען זאָגט זיך נישט אָפּ צו באַפרייען אַ מאַמען אָדער קינדער פון געפאַנגענשאַפט, אַזוי וועלן מיר זיך נישט אָפּזאָגן פון ארץ ישראל, ישראל און ירושלים.

* * *

די מלחמה האָט איר סטראַטעגיע, אָבער זי האָט אויך איר הויכע אינספּיראַציע וועלכע גאַראַנטירט דעם סטראַטעגישן זיג קעגן סטראַטעגן און אָקופּאַנטן.

פאַרנומענע פּאָזיציעס, מיט דער גיכקייט פון אַ בליץ, דעראָבערטע שטעט און דערפער, האָבן געהאַלטן אין שפּאַנונג דעם, דורך די ענגלענדער אָפּגעשוואַכטן און כמעט אַנטוואָפנטן הגנה־חיל.

ניי־ירושלים און אירע אָנשפּאַר־פּונקטן אַרום ירושלים, האָט מען געמוזט היטן. פאַר אַלט־ירושלים זענען געווען ווייניק רעזערווען און די ווייניקע, זענען געווען כמעט נישט באַוואָפנט.

גאַנץ ירושלים איז געווען באַלאַגערט דורך דער אָקופּאַציע פון לאטרון, ד. ה. פון וועג ירושלים־תל אביב. די אַלט־שטאָט איז געווען באַלאַגערט דורך דעם יידישן הגנה־חיל און אין דער אַלט־שטאָט האָבן די אַראַבער באַלאַגערט דעם יידישן קוואַרטאַל.

אַן אַראַבישער חיל, מיט ענגלישע אָפיצירן און קאָמאַנדירן האָבן זיך צענויפגעגאָסן מיט די אַראַבישע לעגיאָנערן, וועלכע האָבן אין דער אַלט־שטאָט געמאָרדעט, גערויבט און געברענט.

פון „שער־ציון״ האָבן די יידישע שטורמער געוואָלט איינברעכן די מויער, אַריינדרינגען אין דער אַלטער שטאָט און פאַרנעמען גאַנץ ירושלים.

אויף דעם יידישן קוואַרטאַל האָבן אַראַבער און ענגלענדער נישט אויפגעהערט צו וואַרפן גראַנאַטן, באָמבעס, ברען־מאַטעריאַל פון אַלע קאַליברעס.

אַ ריכטיקער הגנה־חיל איז דאָרט נישט געווען. 1.500 נפ־שות, אַלטע, קראַנקע, קינדער, פרויען, רבנים; ישיבה־בחורים און דורכשניטלעך, קוים 50 יונגע בחורים האָבן צוויי וואָכן אויסגע־האַלטן אַ שטורעם, וועלכער האָט טאָג־טעגלעך געבראַכט הרוגים און האָט פאַרוויסט און געברענט.

סאַניטאַרע און היגיענישע אינסטיטוציעס זענען געווען אָרים און מאָגער. דאָקטוירים זענען געווען ווייניק, אַ געשולטער פער־זאָנאַל איז בכלל נישט געווען. פרייווילליקע קראַנקנשוועסטער האָבן געאַרבעט מיט מסירת נפש; פאַסיקע פלעצער פאַר פאַרוואונדעטע און קראַנקע איז כמעט נישט געווען.

די פאַרבינדונג צווישן דעם קעמפנדן פראָנט און זיין שטאָב איז באַשטאַנען פון קינדער און יוגנטלעכע, וועלכע זענען שוין וויפל מאָל געווען פאַרוואונדעט און וואָלטן געמוזט ליגן אין שפּי־טאָל אויף קוראַציע.

מין אַן הערראיזם פון אַ העכערער וועלט האָט מען גע־בראַכט אין קוואַרטאַל שפּייז און געטראַנק. דער נייער „בורמא־וועג״, וועלכער איז בכלל געוואָרן דער פאַרזאָרגונגס־אָדער פאַרן גאַנצן יידישן ירושלים, איז נאָך נישט געווען דורכגעלייגט, בשעת דער וועג דורך לאטרון איז געווען אין די הענט פון אַראַבישן לעגיאָן.

מיילנווייז האָבן יידישע פרויען און מענער געשלעפּט שווע־רע זעק מיט ברויט און גרינס אויף די פּלייצעס כדי לכל הפחות צו ראַטעווען ירושלים פון הונגער־טויט.

בייטאָג און ביינאַכט זענען אַרויפגעשטיגן געדיכטע רויך וואָלקנס פונעם יידישן קוואַרטאַל און זיך פאַרשפּרייט, דורכגע־שניטן דורך אַ גוואַלדאָוונעם אַראַבישן גראַגער, איבער גאַנץ ירושלים.

די שטורמער זענען געשטאַנען אויפן באַרג ציון און זענען געווען אָפּגעטיילט דורך דעם אַלטן מויער פון דער אין יסורים און גסיסה־וויטיק זיך ראַנגלענדער אַלטשטאָט. איינציקע העלדן האָבן זיך דורכגעריסן אָבער האָבן געמוזט גיך צוריקגיין, ווייל פאַרן אויסברוך פון אַ חיל איז נישט געווען גענוג כוחות און

וואָפן, הגם דער מויער האָט שוין געקרעכצט און זיך געטרייסלט ווי פאַרן פולן אויפרייס.

ווי אַ מין סטאַלינגראַד האָט זיך געהאַלטן דער קוואַרטאַל; אין הונגער, פינצטערניש, אָן וואַסער, אין אַ קאַמף מיט דער הילף פון פרימיטיווסטע מיטלען.

גלוב פאַשאַ אַליין האָט אָנגעפירט מיטן פאַרניכטונגס־שטורם קעגן די 1.500 באַרוועסע און נאַקעטע נפשות.

פון חברון זענען געקומען אַלץ נייע אַראַבישע פאַרשטאַר־קונגען, מיט נייעם געווער, מיט שווערע און לייכטע אַרטילעריע.

נאָך אַ שווערן קאַמף האָבן די אַראַבער אַרויסגעשטויסן די ארגון־בריגאַדע פון שייך־זשעראַך, פון דער שליסל פּאָזיציע צו דער אַלטשטאָט און די הגנה האָט העראָאיש געראַטעוועט די וואָפן וואָס די בריגאַדע האָט צוריקגעלאָזן.

אָט איז אַ בילד פון אַ כראָניקער וואָס האָט מיטגעלעבט דעם מוראדיקן קאַמפּס־שטורעם פון די שטאַרק אָרגאַניזירטע חילות פון אָריענט מיט ענגלישער אַמוניציע און גוט פאַרפּראָוויאַנטירטע, קעגן די אויסגעהונגערטע און אויסגעפייניקטע יידישע נפשות.

„אויך סטאַלינגראַד איז געווען באַלאַגערט. דורך די גאַסן פון סטאַלינגראַד האָט אָבער געשטראָמט די וואָלגאַ און האָט געשטילט דעם דורשט פון די קעמפער.

אין אַלט־ירושלים, אָבער, האָט מען באַקומען וואַסער און קליינטשיקע קריגלעך, צו דריי ליטער אויף אַ מענטשן טעגלעך, וואָס האָט געמוזט קלעקן אויף עסן, קאָכן, וואַשן און אַלע אַנדערע הצטרכותן.

צוליב דער נאַכט־פינצטערניש האָט מען ניט געקענט ריי־ניקן די גאַסן. דער גערוך האָט געשאַפן חולאתן און אַלץ נייע קרבנות.

מען האָט געגעסן פאַרשימעלטע מאַכלים, פאַרפוילטע פיש, אין כלים וועלכע מען האָט נישט אויסגעוואַשן זינט טעג.

צווישן איין שטורעם און דעם אַנדערן שטורעם, זענען די פרויען געשטאַנען אין דער שורה צו באַקומען 50 גראַם ברויט.

גאָרנישט איז געווען אָרגאַניזירט. אַלץ איז געקומען נישט צוגעגרייט.

אַזוי האָבן עס געלאָזן די ענגלענדער.

קליינע קינדערלעך זענען אויסגעשטאָרבן און די טאָג־טעג־לעכע טויט־פאַלן זענען געוואָרן אַלץ גרעסער. עס איז אַפילו ניט געווען קיין ריכטיק אָרט אויף צו אָפּערירן די פאַרוואונדעטע.

אין „מאה שערים" האָט געלעבט די אָרימקייט, די הייזער זענען געווען פון ליים און זענען זיך צעפאַלן ביי דער ערשטער באַרירונג מיט אַ גראַנאַט, און האָבן פאַרשאָטן גאַנצע משפּחות.

געווען אַ פאַל ווען אַ זיידע און אַ באָבע, אַ טאַטע און אַ מאַמע, און אַכט קינדערלעך וועלכע זענען געזעסן ביים עס־טיש זענען מאַטאַמאָל אין איין רגע דערהרגעט געוואָרן.

די הייזער זענען געשטורעמט געוואָרן נאָר כדי אַרויסצורופן אַ פּחד און אַ אומרו, כדי צו דערשיטערן די נערוון פון די תושבים. זיי האָבן אָנגעטראָפן נאָר אויף קראַנקע, אַלטע און גאָר קליינע קינדערלעך. די דערוואַקסענע זענען אַלע געווען אויפן פראָנט און האָבן געענטפערט אויפן שטורעם אַזוי גוט ווי זיי האָבן געקענט, מיט כמעט נאַקעטע הענט אָדער גאָר פּרימיטיווע מיטלען".

בשעת דער אַראַבישער לעגיאָן פון גלוב פּאַשאַ האָט געקענט באַקומען נייע חילות פון די אַנדערע פּאָזיציעס פון וואַנען זיי זענען געוואָרן דורך די יידן אַרויסגעוואָרפן, האָבן די יידן קיין שום פאַרשטאַרקונגען אין יידישן קוואַרטאַל נישט געקענט באַקומען ווייל זיי זענען נישט געווען בנמצא.

די הגנה האָט געמוזט היטן און באַשיצן אַנדערע פּאָזיציעס און אין דער אַלט־שטאָט אין עיקר פעסטהאַלטן דעם אַראַבישן היל כדי צו געווינען אַ סטראַטעגישן פּריווילעג דאָרט וואו עס איז גע־ווען וויכטיקער פאַר דעם קיום פון מדינת ישראלו.

קינדער און פרויען, קוים באַוואַפנט, נישט געשולט און נישט געלערנט אין דער מאָדערנער מלחמה־קונסט און אין דער אָנפּי־רונג מיט דער מלחמה: דאָס איז דער חידוש און דער כוח פון ירושלימס קריגס־אינספּיראַציע.

דערציילט אַ יונגע לערערקע וואָס איז פרייוויליק אַריין אין

דער באַלאַגערטער אַלט־שטאָט און איז געבליבן אין יידישן קוואַר־טאַל ביז צו דער קאַפּיטולאַציע:

„פאַקטיש האָב איך זיך אין קאַמף נישט באַטייליקט. איך האָב נישט געהאַט קיין וואָפן און האָב קיינמאָל זיך נישט געלערנט ווי צו באַנוצן וואָפן. איך בין אָבער קיינמאָל נישט פון פראָנט אַנטלאָפן. איך האָב געזען די קינדערלעך וואָס האָבן פאַרבונדן דעם פראָנט מיטן שטאָב, ווי זיי זענען געלאָפן פון פראָנט צום שטאָב און פון שטאָב צום פראָנט. זיי האָבן געבראַכט באַנדאַזש־מאַטע־ריאַל, גראַנאַטן און טראָג־בעטלעך. אַ קורצע צייט האָב איך גע־אַרבעט אין שפּיטאָל. דערנאָך אָבער בין איך אַוועק אויף אַן אַר־בעטס פעלד אויף וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט מוראדיק האַרטע צעטרייסלענדיקע געשעענישן.

„איך האָב נישט קיין מורא פאַרן טויט. איך האָב געגלויבט אַז מיר וועט נישט טרעפן קיין קויל און קיין שראַפּנעל. מען האָט מיר געוואָרנט אין שטורעם־צייט נישט צו גיין אָדער צו גיין איינ־געבויגן, א. א. וו. איך האָב אָבער אין דער געפערלעכסטער צייט געבראַכט טיי פאַר די קעמפער. זיי האָבן פּראָטעסטירט. איך אָבער האָב געטון מיין חוב. ווער קען דען וויסן ווען די אַטאַקע הויבט זיך אָן און ווען זי ענדיקט זיך?

אויב אַ קויל טרעפט מיר איז דאָס גורל און ווייטער גאָר־נישט.

„איך האָב נישט געהאַט קיין שום קענטעניש אין דער באַ־ציאונג פון וואָפן אָדער מיליטערישע מכשירים. אין איין און אַ האַלב חדשים האָב איך אין דער אַלט־שטאָט זיך אויסגעלערנט וויפל עס נישט איז.

„מיר, איך און מיינע חברטעס, זענען געוואָרן אמתע סאָל־דאַטן. צוועלף אַזייגער זענען מיר געגאַנגען אויף שמירה, אין אַן אייבערשטער שטיבל וואָס די אַראַבער האָבן איינגעבראַכן האָב איך אין דעם טייל וואָס איז פאַרבליבן זיך אַוועקגעלייגט אויפן בויך.

„צוועלף מעטער פון מיר איז געווען אַן אַראַבישע פּאָזיציע און איך האָב געמוזט אָנגעשטרענגט האַלטן מיינע בליקן און זען

אויב די אַראַבער מאַכן אַ פּאַרזוך זיך צו דערנענטערן צו אונדז. אויב יאָ, האָט איך געמוזט שיסן. אין דער פינצטערניש האָב איך אַרומגעטאַפּט מיין געווער און איבערגעחזרט אַלץ וואָס איך האָב געלערנט און האָב נאָר תפילה געטון צו גאָט איך זאָל נאָר נישט פאַרגעסן וואָס איך האָב אויסגעלערנט וועגן דער באַנוצונג פון געווער.

„די אַראַבער האָבן געוואָרפן גראַנאַטן אויף אונדזער הויז, האָבן ווילד אַטאַקירט אונדזערע פּאָזיציעס, אָבער נישט געמאַכט קיין פּאַרזוך זיך צו אונדז צו דערנענטערן און איך האָב נישט גע־דאַרפט שיסן.

„געמוזט זשאַלעווען אַן איבעריקע קויל. מיר האָבן עס גע־האַט אַזוי ווייניק. אַזוי ווייניק...

„איך האָב זיך באַטייליקט אין אויפבוי פון קריגס־פּאָזיציעס און זייער באַפעסטיקונג, אין היטן זייער ריינלעכקייט און אינערן־סדר.

נישט געקוקט אויף מיין פעסטער אמונה — שרייבט די לע־רערן און פרייוויליקע קראַנקן־שוועסטער און סאָלדאַט, עדינה — האָבן מיר קיין פאַרשטאַרקונגען נישט באַקומען. מען האָט אונדז אַריינגעשיקט פאַמיליען־מענטשן אין אַן עלטער פון איבער 50 יאָר, וואָס האָבן גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען און זענען געווען ניט מער ווי אַ לאַסט.

„ווער האָט געזאָרגט פאַרן סדר און פאַר דער שמירה און פאַר די באַדערפנישן אויף די פּאָזיציעס ? —

די חברות. —

יעדע פּאָזיציע האָט געהאַט אַ בחורה, וואָס האָט געמונטערט און אויפגעמונטערט; סטימולירט און אָנגעפייערט מיטן אמתן ברען, מיטן אמתן מסירת נפש. קיין איינציקע פון די בחורות, נעכטיקע לערערינס, וואָס האָבן קיינמאָל זיך נישט געלערנט צו באַנוצן מיט וואָפן, האָבן נישט אָנגעוואוירן דעם מוט, האָבן נישט פאַרלוירן די נערוון, האָבן נישט געחלשט און זענען נישט אַנט־לאָפן.

„ביי בחורים האָט עס אָבער יאָ פּאַסירט. איינער האָט פּאַר שרעק פאַרלוירן די שפּראַך אויף 24 שעה.

יהודית ג' אהרון, אַ טאָכטער פון דער אַלט־שטאָט, איז געבליבן אויף דער געפערלעכער פּאָזיציע, בשעת אַלע חברים האָבן די פּאָזיציע שוין געהאַט פאַרלאָזט. זי האָט פאַרכאַפּט די פאָן פון אַראַבישן לעגיאָן און זי געבראַכט אין שפּיטאָל. מיט פּשטות האָט זי אונדז דערציילט ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט. אינעם קאַמף האָט זי געאָטעמט מיט ענערגיע און מיט מסירת נפש. זי האָט געקעמפט פאַר יעדער ווינקעלע פון איר געבורטס־שטאָט; זי איז געווען אַ וואונדערבאַרער סאָלדאַט.

צוואַנציק־יעריקע קינדער זענען געווען קאָמאַנדירן. איינער איז געפאַלן און אַן אַנדערער איז געקומען אויף זיין אָרט. ווייניק אָבער זענען געווען די רעזערוון. עס זענען געפאַלן די בעסטע.

יעדע איוב־בשורה, אַז די שטורמער האָבן נישט דורכגעבראָכן דעם מויער, האָט אַריינגעבראַכט ווייטיק און פאַרביטערונג.

מען האָט אַריינגעביסן אין די צרות און מען האָט ווייטער געקעמפט פון אינעווייניק.

ווי באַקומט מען אָבער וואָפן, באַנדאַזש־מאַטעריאַל און ווי באַקומט מען קעמפער ? ?

און דאָך האָבן מיר אין די רואיקע שעהן געזונגען, געטאַנצט, געהאָפט און געגלויבט.

מען האָט געקעמפט — דערציילט ווייטער עדינה, — ביז צום לעצטן גראַנאַט און ביז צו דער לעצטער באָמבע. די מיינסטע און די בעסטע קעמפער־סאָלדאַטן זענען געווען געהרגעט אָדער פאַרוואונדעט.

צי האָבן מיר געמוזט אויך קעמפן ביז מען וועט דעם לעצטן פון אונדז אויסשלאָכטן ?...

פון אַזאַ גבורה האַלטן מיר נישט...

עס זענען געבליבן אייניקע צענדליק געזונטע מענטשן; אַלע אַנדערע זענען אַלטע, געבראָכענע, אויסגעהונגערטע, צעפּאַטלטע און צעפאַלענע.

ווען דער לעגיאָן איז אַריין אין שפּיטאָל און האָט געזען דעם

חורבן, האָבן זיך אייניקע פון אונדז געשעמט. איך אָבער האָב געטענהט: אדרבה, זאָלן זיי זען, זאָלן זיי פאָטאָגראַפירן; זאָלן זיי וויסן ביז צו וועלכער מדרגה מיר זענען געקומען איידער מיר האָבן מסכים געווען אויף קאַפּיטולאַציע. מיר אַנטלויפן נישט פון שלאַכט־פעלד ווי מייז. מיר האָבן זיך אונטערגעגעבן, ווען אונדזערע אבידות זענען איבערגעשטיגן יעדער פאַנטאַזיע, און פאַרשטאַרקונג איז נישט געקומען; ווען באַנדאַזש־מאַטעריאַל פאַר פאַרוואונדעטע איז מער נישט געווען; ווען מיר האָבן נישט מער געהאַט ווער עס זאָל שטיין אויפן פראָנט און מיט וואָס צו קעמפן...

נאָר דעמאָלט"...

די בעסטע בחורים, די העלדישסטע, זענען באַלד אין אָנהויב געפאַלן. יונגע מיידלעך, בפרט לערערקעס, האָבן געמוזט פאַרנע־מען הויכע קאָמאַנדיר־פּאָזיציעס. אונטער דער מאַסקע פון אַ סאַ־ניטאַר האָט מען אַריינגעבראַכט איינצלנע קריגס־מומחים. אָבער עס איז נויטיק געווען אַ ברייטע פראָנט און ברייטע קריגס־פּלע־נער ווי דאָס איז געווען אין דער ביי־שטאָט.

אין די פאַרקרימעוועטע און צעדרייטע סטעזשקעס האָט מען נישט געקענט אויפשטעלן קיין פראָנט פון אינעווייניק.

אין שפּיטאָל איז דער אָפּעראַציע־חדר אויך געווען דער חדר פאַר עסן, וואַשן, פאַר אויסטון און אָנטון פון גאַנצן מעדיצינישן פּערזאָנאַל. עלעקטריע איז נישט געווען, נישט אויף קאָכן און נישט אויף באַלייכטונג.

און דאָך איז אַלץ גרייט געווען פאַר אָפּעראַציעס, וואָס זע־נען געוואָרן אויסגעפירט לויט אַלע כללים פון דעזינפעקציע און מוסטערהאַפטער זויבערקייט.

עדינה צייכנט אין פשוטע שטריכן בילדער פון די קראַנקן־שוועסטער, פון די דאָקטוירים, פון דעם הילפס־פּערזאָנאַל און שאַפט פאַר אונדז פּערזאָנאַזשן און סביבות, וואָס קריצן זיך אַריין אין דער פאַנטאַזיע און גיסן זיך צענויף מיט די גרעסטע העלדן תקופות פון יידיש געשיכטע אין אַלע צייטן.

די ווייניקע דאָקטוירים האָבן אַ גאַנצן טאָג שווער געאַרבעט ביי קראַנקע און אין דער נאַכט האָבן זיי ביי אַ צאַקנדיקן ליכטל

אָדער אַ שוואַכער קעשענע־לעמפּל דורכגעפירט די געפּערלעכסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע אָפּעראַציעס פון אַלע מינים: פון אויגן, פון מוח, פון האַרץ און פון די פיס.

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען?

דאָס איז מסירות, דאָס איז ווילן.

פון אַ בית־המדרש האָבן מיר געמאַכט אַן אַמבולאַנס פאַר דער ערשטער הילף; עס האָט אויסגעזען ווי אַ שלאַכטהויז. עס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט פאַרוואונדעטע אויף האַלץ־בענק, אויף שטרוי־זעק. איינעם נאָכן אַנדערן האָט מען אַוועקגעלייגט אויפן האַרטן אָפּעראַציע־טיש, מיט אַ שערל האָט מען דורכגעשניטן די קליידער, מען האָט געשניטן און געשניטן.

דער הויף איז געווען פול מיט מענטשן. קינדערלעך האָבן זיך אַרומגעדריקט. דאָ ליגט אַ פאַרוואונדעטע מאַמע, וואָס קרעכצט פון ווייטיק. דאָ ראַנגלט זיך אַ טאַטע אין מוראדיקע יסורים. אַלץ פונדאַסניי ברענגט מען פאַרוואונדעטע תושבים... און די טענות און די יללות און די תפילות פאַרפולן דעם חלל.

אָרעם און קאַרג איז געווען דער סאַניטאַרער פּערזאָנאַל; צום גרעסטן טייל לערערקעס, וואָס האָבן זיך פּשוט מקריב געווען פאַר דער הייליקער אַרבעט, זיי האָבן נישט געהאַט וואו צו שלאָפן; נישט געווען וואו זיך צו וואַשן און וואו צו עסן.

„מיר שלאָפן יעדע נאַכט מיט אַן אַנדער פאַרוואונדעטן, דערציילט איינע פון די קראַנק־שוועסטער. דאָ ליגן מיר אין אַן עק פון אַ שטרוי־זאַק מיט איין פאַרוואונדעטן, און ווען מיר כאַפּן זיך אויף, ליגט אַן אַנדערער פאַרוואונדעטער. דער פריערדיקער איז שוין צוריקגענומען געוואָרן אויפן פראָנט.

„וואָכנלאַנג האָבן מיר זיך נישט געוואַשן. עס איז נישט געווען קיין צייט און נישט קיין געדאַנק אויף דעם. מיר האָבן געוואַשן די וואונדן, געריייניקט דעם באָדן, האָבן אָפּגעהיט די היגיענע פון הויז אויף ווי ווייט עס איז מעגלעך געווען אין דעם מיסט און שמוץ, אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען.

אָבער נאָר צוליב די פאַרוואונדעטע.

„מיר האָבן פאַרגעסן, אַז מיר זענען אויך מענטשן, וואָס נויט־

טיקן זיך אין וואַשן, עסן און שלאָפן. נישט מיר האָבן געהאַט שיך, נישט וועש, נישט קליידער אויף צו בייטן.

„אַביסל וואַסער באַנוצן פאַר זיך אַליין, הייסט פאַרמינערן די רפואה פון פאַרוואונדעטן.

„ווער האָט געהאַט אַ רעכט אויף דעם ?

„אַמאָל האָט מיך פאַרביטן אַ צווייטע בחורה. דעמאָלט ערשט האָב איך דערפילט ווי איך זע אויס. מיין הויט פאַלט אַראָפּ פון גוף, און איך גיי צו גרונט. איך האָב זיך געשטעלט שעהן־לאַנג אין דער שורה, זיך אַריינגעשפּאַרט אין אַן עק פון חדר, אָפּגע־שווענקט מיין גוף און מיינע כלומרשטע גלידער. איך האָב אויך געפונען מיינע אייגענע קליידער און האָב זיך איבערגעטון און מיך באַפרייט פון טראַנטעס און שמאַטעס וואָס צעגריזשען מיין קער־פּער.

„גוט", האָט געזאָגט מאָטקע (אַ יונגער קאָמאַנדיר) „לאָמיר אַביסל טראַכטן וועגן זיך".

מיט וואָס צו שיסן און מיט וואָס צו רעזיסטירן איז נישט געווען. די צאָל אַראַבער האָט זיך שטענדיק פאַרגרעסערט און פאַרמערט. איין יונגער קאָמאַנדיר נאָכן אַנדערן יונגן קאָמאַנדיר האָט מען צו אונדז געבראַכט טויט אָדער פאַרוואונדעט. אונדזערע יונגע קאַמפּס־חברים, אונדזערע פריינט אין שוייס און בלוט. די יונגע מאַירקעס, מאָטקעס, יאַנקעלעך און מרדכיס, צאַברעס, וואָס טראָגן אַ לאַסט און פאַראַנטוואָרטונג פון אַ גאַנצן עבר, פון אַ גאַנצן עתיד — זענען געפאַלן.

אונדזער טייערער עמנואל, וואָס האָט אונדז אין די ערשטע טעג אַנגעפייערט מיט אמונה, ליגט פאַר אונדז אָן באַוועגונג — ער איז אַ מת...

מער ווי ווייגען האָבן מיר נישט געקענט. די אַראַבער האָבן געדונערט און באָמבאַרדירט מיט זייערע אומצאָליקע האַרמאַטן, און מיר האָבן זינט וואָכן נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מחוץ פונעם מויער. מיר זענען געווען פאַרלאָזן ווי פאַריתומטע אין אַ מדבר פון חיות און שלאַנגען...

נאָך אַ רגע און מען וועט אונדז אַלע אויסשלאַכטן...

דעם 28־טן מאַי האָבן מיר, דער קליינטשיקער שארית, זיך געפילט אָן כוח, לגמרי אויסגעשעפּט.

פּונקט 11 אין דעם טאָג זענען דורכגעגאַנגען דורך דער באַלאַגערונגס־קייט צוויי רבנים, ראובן חזן און ישראל מינזבערג, מיט אַ ווייסער פאָן, צוזאַמענגעשטוקעוועט פון ווייסן טישטוך און באַהעפט מיט אַ גרויסן שטעקן.

אויך אויף זיי האָט מען געשאָסן, און איינעם האָט מען פאַר־וואונדעט. אָבער ער איז ווייטער געגאַנגען איבער חורבות און דורך שרפות, און זיי זענען אָנגעקומען אין שטאַב פון לעגיאָן.

און עס זאָל פאַרשריבן ווערן לדורות:

אַ סערזשאַנט פון לעגיאָן, אַרומגערינגלט פון 30 ענגלענ־דער, האָט זיי אויפגענומען.

די תנאים פון דער קאַפּיטולאַציע:

„אַלע געזונטע מענער פון 15 ביז 60 יאָר זענען געפאַנגען, א. א. וו.“

„מיר זענען געשטאַנען שטום פאַר אונדזער גורל. נאָר־וואָס איז געפאַלן די בעסטע שוועסטער, עסטי, וואָס איז געקומען צו אונדז פון לאָנדאָן.

און מיר האָבן געוויינט.

נאָר אורה, איינע פון די העלדישסטע קראַנקנשוועסטער, האָט נישט געוויינט. די אַראַבער און פאַרמאַסקירטע אַראַבער טאָרן נישט זען אונדזערע טרערן — האָט זי געזאָגט.

„דאָרט וואו קיינער זעט נישט, — האָט אורה געזאָגט — וועלן מיר וויינען. נישט דאָ“.

אַזוי האָט אַמאָל געזאָגט, אין דער צייט פון ערשטן חורבן, דער בורא יתברך אַליין, צו זיינע מלאכים:

לאָזט מיר וויינען, אויב נישט וועל איך אַנטלויפן דאָרט, וואו איר האָט נישט קיין רשות צו קומען און דאָרט וועל איך וויינען...

במסתרים בכתה נפשי...

זיי האָבן נישט געהאַלטן זייער וואָרט, די דזשענטלמענער. זיי האָבן מיטגענומען אין געפאַנגענשאַפט קראַנקע און אַלטע, דריי־

סיק ביז פינף און דרייסיק געזונטע זענען פאַר זיי נישט געווען גענוג. זיי האָבן זיך געוואָלט אויספּראָלן מיט זייער העלדישקייט פאַר זייער מלך און זייער המון. אינגאַנצן לערך 250 געפאַנגענע.

און די איידעלע העלדישע יידישע טאָכטער עדינה, פאַרענדיקט איר כראָניק:

„אַז איך טראַכט איצט וועגן אונדזער כוח אין פאַרגלייך מיט זייער כוח, פאַרשטיי איך נישט, ווי דאָס האָט געקענט געמאָלט זיין; ווי מיר האָבן געקענט אויסהאַלטן אין יידישן קוואַרטאַל גאַנצע צוויי וואָכן. זיי זענען דאָך געווען אַזוי פיל, שיר ווי דער זאַמד ביים ים און וויפל זענען מיר געווען?

„הונדערט קעמפער אין אַנהויב, און אַכציק צוגעקומענע. צוויי און זעכציק זענען באַלד געפאַלן, אַכציק זענען געוואָרן פאַרחאונדעט און פופציק זענען געבליבן אויפן פראָנט אָן וואָפן קעגן טויזנטער אַראַבער, אויסגעבילדעטע קריגס־איינהייטן אונטער אַ בריטישער קאָמאַנדע.

וואָס האָט דאָ פּאַסירט? אַ נס? אַ וואונדער? גבורה?

איך ווייס נישט. אַזוי ווי איך ווייס נישט ווי אַזוי אונדזער חיל האָט פאַרנומען די עכו־פעסטונג, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט נישט געקאָנט פאַרנעמען; ווי אַזוי מיר האָבן דעראָבערט בית־שאָן, צפת, חיפה, פון אַן איבערמעכטיקער קריגס־מאַסע“.

דאָס איז ירושלים — די אגדה פון ירושלים.

און אַ צווייטער כראָניקער דערציילט:

ווען דער יידישער קוואַרטאַל אין דער אַלט־שטאָט איז געפאַלן, האָבן די אַראַבער געעפנט אַ שטורמדיקע אַטאַקע אויף גאַנץ ירושלים און אירע שכונות פון שייך נירך און מיצוררה.

זיי זענען געווען זיכער אין נצחון.

זיי האָבן געליטן אַ מפלה נאָך אַ מפלה.

ירושלים און אירע שכונות זענען געבליבן אין אונדזערע הענט.

דער יידישער ירושלים־קאַמף איז די אגדה פון אייביקער גבורה. אַ מאָנומענט פון איבערמענטשלעכער גבורה, אַ גאַראַנטיע פאַר יידיש קיום, אַן אַנטפּלעקונג פון יידיש מסירות.

אַלץ קען מען אינטערנאַציאָנאַליזירן, נאָר נישט נאַציאָנאַלע גבורה, נאָר נישט אייביקע אַקטיווע גבורה, נאָר נישט יסורים וואָס סטימולירן האָפענונג און טראָגן אין זיך דעם אידעאַל פון משיחיזם, וואָס קאָנדענסירט זיך אין ישראל, אין מדינת ישראל, אין ירוש־לים.

ירושלים איז אַ יידישע שאַפונג, ווי אַ באַזע און אַ מקור פאַר אינטערנאַציאָנאַלע קולטור־אידעאַלן און אייביקע עטישע מצוות פאַר דער מענטשהייט און פון פולער מענטשלעכקייט.

שערי־שמים... כשעריך ירושלים.

די שערי ציון זענען דורך תפילות צענויפגעשלאָסן מיט די שערי שמים.

און דער הר־ציון האָט איצט באַקומען אַ פאַרשטאַרקונג.

אַ מעכטיקע פאַרשטאַרקונג.

דעם הר־הרצל.

כג

געשעענישן אויף דער פּאַנאַנדערגעשפּרייטער קאַנווע פון וועלט־געשיכטע האָבן שפּראַך און האָבן כוונה.

די מיסיע פון אמתן היסטאָריקער מיטן אינטואיטיוון טאַ־לאַנט איז אויסצוטיילן דעם פּשט און דעם מיין פון דעם לשון, פון בילד, פון אַ מימרא.

אָפט אַנטפּלעקט ער זיך אין פּאַראַבעלעס און אַלעגאָריעס. אָפט אין טרוקענע אותיות אָדער סימבאָלן.

דערפון פורעמט זיך אָפט קבלה אָדער מיסטיק און שאָפט זיך מסורה אָדער טראַדיציע.

פון געוויסע חכמים דערציילט דער תלמוד אַז זיי האָבן רעאַליסטיש אויסגעטייטשט יעדן אות פון דער תורה, יעדן צייכן פון אַלף בית.

דאָס איז גאָרניט אַזוי פּשוט. אויף צו זוכן אין דעם בראשית דעם עמבריאָן פון אַ וועלט, פון איין סוף ביז צום אַנדערן סוף, איז נויטיק גאָר גרויסע חכמה, דורכגעזאָפּט מיט וויזיע און נבואה.

הינטער די קוליסן פון דער קליינטשיקער יידישער טעריטאָ־ריע האָבן זיך פּאַנאַנדערגעוויקלט האַנדלונגען און טאַטן, וועלכע ציען זיך דורך טויזנטער יאָרן און דערלאַנגען אין זייער וועלט־דראַמאַטישער געשפּאַנטקייט ביז אויף אונדזערע טעג.

* * *

אַזוי ווי דער אוניווערזאַלער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו פון די לוחות האָט זיך אויך דער אַראָמאַט פון חטא העגל קיינמאָל נישט אויסגעוועפּט.

שוין אין די לעצטע טעג פון שלמה המלך דערהויבט זיך אין ירושלים אַן אָפּאָזיציע קעגן דעם העכערן יידיש־נאַציאָנאַלן נוסח, קעגן דעם אייגענעם יידישן לעבן.

לויט דער געהייליקטער כראָניק, האָבן ווייבער אָראָפּגעפירט דעם קעניג פון זיין אייגענעם שטייגער, וועלכן ער האָט בירושה פון זיין טאַטן און וועלכער האָט אים מזכה געווען מיטן זכות צו בויען דעם בית המקדש. די פרעמדע ווייבער האָבן אַריינגעבראַכט דעם אַלטן קעניג אין געצנדינערישע לעבנס־פאָרמען פון פרעמדע שכנים.

זינט דעמאָלט האָט זיך אין ירושלים פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ קולטור ־ קאַמף, וועלכער ברענט מיט באַגירדע און פרעטענזיע דורך דער גאַנצער צייט פון יידישער מלכות, און ציט זיך אין הסכם מיט די באַדינגונגען פון יידישן קיום דורך די פאַרשידענע תקופות און דורות ביז אויפן היינטיקן טאָג.

דער קיום פון יידישן לעבנס־נוסח ווערט אַ קאַמף אָביעקט אין דער איינער און דערזעלבער תקופה, אין דעם איינעם און דעם זעלביקן דור, און פאַרטיפט זיך און פאַרשאַרפט זיך שטאַרק צווי־שן איין תקופה און דער אַנדערער תקופה, צווישן איין דור און דעם אַנדערן דור.

איין מלך איז גאָטספאַרכטיק, היט אָפּ שטרענג די תורה און אירע מצוות, בשעת אַן אַנדער מלך פאַלט כורעים פאַרן בעל, פאַר געצקעס פון שטיין און ביין, וואָס ברענגט אין שטאָט און אין לאַנד דעם שכנותדיקן שאַבלאָנעם אויטאָמאַט, די מעכאַנישע אימיטאַ־ציע, די מחלה פון לייכט־לעביקייט.

פאַר דעם המשך פון דער אייגענער אָרגאַנישער יידישקייט, רעוואָלוציאָנירן מוטיק די נביאים, מיט דעם ברען פון נאַציאָנאַלן מוסר, וועלכער דערגייט ביז צו מסירת נפש.

אַפילו דער גרויסער מוכיח לטובת דעם מקורדיקן יידישן

נוסח, דער נביא ישעיהו, האָט לויט דער אגדה נישט אויסגעלעבט זיינע יאָרן.

אים האָט געהרגעט דער מלך מנשה, וועלכער האָט אויסגע־בריקעוועט אין דער יידישער צדקות פון זיין גרויסן פאָטער חזקיהו, און האָט אַוועקגעשטעלט אַ צלם אין היכל.

אפילו אויף דעם ווילן די שפּעטערדיקע חכמים, ווי עס שיינט, געפינען אַ באַרעכטיקונג.

רבי אשי דערציילט:

„מנשה איז מיר געקומען צו חלום. איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט געדינט עבודה זרה; האָט ער מיר אַזוי געענט־פערט:

„ווען דו וואָלסט געלעבט אין דעם דור וואָלסטו מיר אָנגע־נומען פאַר די פּאָלעס פון מיינע קליידער און וואָלסט נאָך מיר נאָכגעלאָפן".

יעדער דור האָט זיינע מצוות און יעדער דור האָט זיינע עבי־רות.

און דאָך זענען די שינויים נאָר אין דעם קאָליר, אין דער פאָרם, אין זיין אויסדרוק.

אין תוך, אין תמצית אָבער, זענען דאָס די זעלביקע מצוות און די זעלביקע עבירות.

מען וויל זיך מאַכן גרינג, וואָלוול, פּשוט און זיכער דאָס לעבן. מען וויל אָפּשאַפן מחיצות און חילוקים. מען וויל בלייבן באַלעבאָטים אין לאַנד און אויף פּאָזיציעס, הגם מען מוז דערפאַר באַצאָלן מיטן אייגענעם פּרצוף, מיטן אייגענעם לעבן־תכלית, מיטן אייגענעם מהות און מיטן אייגענעם שטייגער. מען וויל סעפּאַרירן דאָס יידישע לעבן פון יידיש לאַנד און פון יידישקייט. מען איז מסכים דאָס לאַנד צו פאַרגוויישן אָבער נאָר אין לאַנד צו בלייבן, נאָר צו עקזיסטירן.

דאָס האָט געוואָלט מנשה, דאָס האָבן געוואָלט די מלכים און די מנהיגים פון זיין שיטה.

צי האָט דאָס געקענט פאַרהיטן דעם חורבן?

עס איז מעגלעך אַז פון דער מדינה, פון דער שטאָט וואָלט

קיין חורבן נישט געוואָרן. „האַלץ און שטיינער האָט מען אפשר געקענט אַפּהיטן אין זייער גאַנצקייט", אָבער פון פאָלק, פון העכסטן פאָלקס־סימבאָל, פון דער שטאָט ירושלים, וואָלט קיין זכר נישט געבליבן.

דער לעבן שטראָם פון די עשרת השבטים האָט זיך טאָקע אַריינגעגאָסן אין גרויסן ים אָן אָן אייגענעם נוסח, אָן אָן אייגענער נגינה, אָן אייגענעם אַקאָרד.

אַפילו נבוכדנצד האָט מער ווי דאָס נישט געוואָלט.

דערציילט דאָך די אגודה:

„איידער נבוכדנצד האָט חרוב געמאַכט ירושלים האָט ער פאַרפירט אַ וויכוח אין אנטיוכיא מיט די סנהדרין און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

„אייער מלך יהויקים וויל נישט גלייך מאַכן ירושלים מיט בבל. גיט מיר אַרויס אייער מלך און איך וועל אַוועקגיין".

די סנהדרין האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען. זיי האָבן געוואָלט ראַטעווען א שטאָט און מוותר זיין אויף ירושלים.

אָבער יהויקים האָט רעוואָלטירט.

האָט נבוכדנצד געלאָזט אויף אַן אכזריותדיקן אופן אומברענגען און שענדן דעם מלך יהויקים, און האָט אַוועקגעשטעלט אויף זיין אָרט יהויקימס זון, יכניה.

אָבער אויך יכניה איז פעסט און זיכער געגאַנגען אויפן וועג פון זיין רעוואָלוציאָנערן יידישן פאָטער:

וואָס איז מיר די שטאָט אויב זי זאָל נישט זיין ירושלים?

בשעת עס האָט געהאַלטן גאָר שלעכט, האָט ער זיך צוגעטוליעט צום ריבונו של עולם און האָט אַזוי געזאָגט:

„דו האָסט מיר אָנגעטרויט די שליסלען פון דעם היכל, איך בין נישט שטאַרק געגוג און בין נישט זוכה זיי איינצוהאַלטן. איך גיב זיי דיר צוריק כדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון נבוכדנצד".

נבוכדנצד האָט דערקענט אַז עס איז נישטאָ קיין כוח אָפּצוזונדערן ירושלים פון יידישקייט און פון יידן, האָט ער חרוב געמאַכט די שטאָט און דעם בית המקדש און האָט אַרויסגעטריבן

די יידן פון ירושלים. דאָס פאָלק איז געגאַנגען אין גלות, ווי אַ לעבעדיק פאָלק, אין טרויער, געבראָכן און אין אבילות, אָבער מיט דעם יידישן גאָט, מיט האָפענונג און אמונה אַז ירושלים וועט צו־ריק אויפגעבויט ווערן, נאָך איידער מען האָט געהאַט אַ השגה וועגן דער התגלות פון כורש:

„אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני...

אויב מען וויל איז דאָס אפילו נישט קיין שבועה, עס איז נישט אין גדר פון אַ שבועה —

עס איז מער ווי אַ שבועה:

די פעסטע דעקלאַרירונג פון אַ היסטאָרישער אומפאַרענדער־לעכער גויטוועגדיקייט.

אַזוי ווי מען קען נישט פאַרגעסן די רעכטע האַנט אַזוי קען מען נישט פאַרגעסן ירושלים, אויב מען וויל זיך נישט פאַרגעסן, אויב מען וויל נישט מוותר זיין אויף דעם אייגענעם לעבן.

די אמונה האָט באַקומען איר געשיכטלעכע ממשות.

ס׳קומט די כורש־דעקלאַראַציע. אַזוי ווי דער מקונן שטעלט אַוועק ירושלים בראש פון זיין „איכה״־עלעגיע און אַזוי ווי דער נביאישער טרייסטער פראָקלאַמירט „טרייסט, טרייסט און רעדט אויפן האַרץ פון ירושלים״, אַזוי איז אויך דער נוסח פון דער כורש־דעקלאַראַציע:

נישט ישראל נאָר איר תמצית, איר רוח הקודש, איר ירו־שלים:

„אַזוי האָט געזאָגט כורש דער מלך פון פרס. אַלע קעניג־רייכן פון דער ערד האָט מיר געגעבן יהוה, דער גאָט פון די הימ־לען, און ער האָט מיר באַפוילן אים צו בויען אַן הויז אין ירושלים וואָס אין יהודה. ווער עס איז צווישן אייך פון זיין גאַנץ פאָלק זאָל זיין גאָט זיין מיט אים, און ער זאָל אַרויפגיין קיין ירושלים וואָס אין יהודה און בויען דאָס הויז פון יהודה, דעם גאָט פון ישראל, דאָס איז דער גאָט וואָס אין ירושלים.

און איטלעכער וואָס איז געבליבן, פון איטלעכן אָרט וואָס ער וואוינט דאָרטן, זאָלן די מענטשן פון זיין אָרט אים העלפן מיט

זילבער און מיט גאָלד און מיט גוטס און מיט בהמות, אין איינעם מיט אַ נדבה פאַר גאָטס הויז וואָס אין ירושלים״.

און מען האָט געבויט ירושלים מיטן שווערד אין איין האַנט און מיטן בוי־אינסטרומענט אין דער צווייטער האַנט.

אַ קליינטשיקער שארית האָט געבויט קעגן די מעכטיקע סנבלטן, אַראַבער, עמוניטן און אשדודער.

ירושלים און דער בית המקדש האָבן זיך פונדאַסניי שטאַלץ און מעכטיק אַרויפגעהויבן אויף דער וועלט בימה. יידנטום און ירושלים זענען פונדאַסניי צענויפגעגאָסן ווי איין־איינציקער, אַן אייגענער, מאַנאָליטער און מאָנומענטאַלער שאַפונגס־פּראָצעס.

די פערסישע און די גריכישע אויבערהערשאַפט איז באַשטאַנען לאַנגע יאָרן — ביז אנטיוכוס עפּיפאַנוס.

אזוי לאַנג מען האָט נישט געשפּירט קיין מניעה פאַרן אייגענעם אויטאָנאָמען לעבן און שטייגער.

ווי אַמאָל נבוכדנצד וויל אנטיוכוס אַפּרייניקן ירושלים פון יידישע יידן; עס זאָל בלייבן די שטאָט, עס זאָלן בלייבן די מענטשן, אָבער יידן זאָלן ווערן העלענער, ירושלים העלעניזם, און אַלץ וועט זיין גוט און וואויל.

ער וויל מאַכן אַ תל פון דער יידישער העגעמאָניע, ער וויל דערשטיקן די טרעגער פון יידישקייט.

ער פאַרניכטעט דאָס הויז פון תלמי, איז מחלל די קדושה פון ירושלים, חסידים ווערן געממיתט, שבת און מילה געאָסרט, תורה טאָר מען נישט לערנען, דער העלענישער גאָט צעאוס שטעלט זיך אַוועק אויפן אָרט פון יהוה און צום סוף איז ער מקריב אַ חזיר אויפן מזבח.

ווען יידן געבן דעמאָלט זייער הסכמה אויף העלעניזם, ווען ירושלים סעפּאַרירט זיך פון יידן און יידישקייט, בלייבט דאָס לאַנד גאַנץ, אָן אַ שום סכנה פאַר עקזיסטענץ און לעבן.

שטורמען אַרויס די העלדישע חשמונאים, קליינטשיקע הייפּעלעך קעגן דער העלענישער אַלמאַכט און וואַרפן זיך אין אַ בלוטיקער געפערלעכער מלחמה קעגן די פאַרשווערער פון ירושלים.

די חשמונאים זיגן, ירושלים און ירושלימס פאָלק איז גע־ראַטעוועט.

עס האָט זיך אנטיוכוסן נישט איינגעגעבן נישט אָפּצורייסן און אָפּצוזונדערן ירושלים פון יידישע יידן און נישט אַרויסצוטריי־בן יידן פון ירושלים.

עס קומט די רוימישע תקופה.

כל זמן עס איז מעגלעך אַן אויטאָנאָמער יידישער לעבן, דערטראָגט ירושלים דעם יאָך פון די פרעמדע. אויך די רוימער ווילן נאָר אַרונטערברענגען ירושלים אונטער דעם ריזיקן אָדלער.

ירושלים און אירע תושבים זאָלן זיין רוימיש, עס זאָל בלייבן עקזיסטירן די שטאָט, עס זאָלן בלייבן לעבן די מענטשן, אָבער רוימיש זאָל עס זיין.

און יוסף פלאַוויאוס קען האָבן רעכט ווען ער זאָגט אַז אפילו טיטוס האָט נישט געהאַט די כוונה אַרויסצורופן אַ חורבן און פאַרברענען דעם היכל. ער האָט געוואָלט דערהאַלטן דעם בית המק־דש און די שטאָט אָבער מיט רוימישן פּאַטריאָטיזם און מיט רוי־מישער קולטור. ער וויל נאָר ירושלים אָפּרייסן פון יידישקייט.

און עס קומט די גרויסע לאַנגיאָריקע מרידה, וועלכע ענדיקט זיך מיטן צווייטן חורבן.

מען האָט געקענט ראַטעווען די שטאָט, די „האַלץ און שטיי־נער" פון בית המקדש אויב מען איז מסכים און מען לייגט אַוועק די חתימה אויף די ליבעס־דעקלאַראַציעס, וועלכע פלאַוויאוס פּאַ־בליקירט אין נאָמען פון טיטוס.

יאָ, מען וואָלט געקענט ראַטעווען די שטאָט און פלאַוויאוס קען עס האָבן געמיינט ערלעך, ער מוז נישט געווען זיין קיין בוגד ווען ער האָט געוואָלט ראַטעווען דאָס וואָס מען האָט געקענט ראַטעווען.

פון ירושלימס פאָלק וואָלט אָבער געוואָרן אַ חורבה און פון יידן וואָלט קוים געבליבן אַ זכר.

אַ יידיש פאָלק בויט אַ יידיש שטאָט, איספּירירט אַ ירוש־לים, אַ היכל, און ווערט איספּירירט פון ירושלים, פון היכל.

אַ שטאָט אָבער, סתם אַ שטאָט, וועט קיינמאָל נישט אויפ־

בויען און אויפריכטן אַ פאָלק, אַ פאָלק וואָס האָט אַ פּרצוף, אַ פאָלק וואָס האָט אַ גאָט, אַ פאָלק וואָס לעבט אונטער די פליגלען פון אַ שכינה, מיט אַ תורה, און מיט אמונה.

נאָך דעם לעצטן פאַרצווייפלטן קאַמף פון בר כוכבאַ און רבי עקיבא איז דער גזר־דין אויף ירושלים געחתמעט.

עס ווערט חרב די שטאָט עס בלייבט אָבער דער סימבאָל.

יידן גייען אין גלות אָבער מיט ירושלים אין האַרצן און מיטן בית המקדש אין דער נשמה, מיט דער אמונה אַז משיח וועט קומען, אַז די פאָלקס־שכינה וועט אונדז צוריקגעבן ירושלים און אַז מיר וועלן אויפבויען דעם בית המקדש.

פעלקער קומען און פעלקער גייען, לענדער ווערן חרוב און לענדער ווערן אויפגעבויט און דאָס יידיש פאָלק בלייבט טויזנטער יאָרן נע ונד אָבער לעבעדיק, מיטן טרייבנדיקן סטימול פון משיח־ברען און מיט דער טענדענץ צו די חורבות פון ירושלים.

מיטן פנים צו מזרח, צום כותל מערבי.

בבל, גריכן און רוימער האָבן גיך געגוג דערקענט אַז ירוש־לים קען מען נישט סעפּאַרירן און אָפּרייסן פון פאָלק אַזוי ווי זיי האָבן דאָס געטון מיט אַנדערע שטעט און אַנדערע פעלקער.

זענען זיי געקומען אכזריותדיק צו אַן אַנדער המצאותדיקן פּלאַן: זיי האָבן סעפּאַרירט און אָפּגעריסן יידן פון ירושלים.

פון ירושלים האָבן זיי געמאַכט אַ חורבה און יידן האָבן זיי פאַרטריבן אין גלות.

ירושלים איז אָבער געבליבן, דער סימבאָל פלאַקערט, הגם די „האָלץ און שטיינער” זענען פאַרברענט און חרוב.

יידן זענען געבליבן יידן מיט ירושלים ווי אַ ליכטיקער שטערן, ווי יידיש גורל, הגם נע ונד אין גלות.

וואַרט ירושלים אין דער בענקעניש פון אַ חורבה אויף די נע ונדע יידן, און ברענען יידן אין עקסטאַז, אין אַ פולער שפּאַ־נונג צוריקצוגיין אַהיים און אויפצובויען ירושלים.

קומען וועלט־רעוואָלוציעס, קומען השכלה־תקופהס, און יידן ווילן זיין עמאַנציפּירט, און די מחלה פון אַסימילאַציע וויל פונ־דאַסניי אָפּרייסן יידן פון ירושלים און ירושלים פון יידן.

דאָס מאָל זענען דאָס אייגענע בוגדים, אייגענע פּחדנים, וועלכע מעקן אויס ירושלים פון סידור און זיך אַליין פון יידיש געשיכטע.

קליין איז אָבער די כאַפּטע פון די אייגענע בוגדים, פון די אייגענע פּחדנים, פון די עמאַנציפּאַציע און אַסימילאַציע יידעלעך, וואָס ווילן אַרויסרייסן ירושלים פון דער יידישער קולטור־סביבה און ווילן אָפּווישן די יידן פון וועלט־קויל.

דורך אַלע רדיפות, דורך אַלע גהינומס פון יסורים און מאַר־טיראָלאָגיע, פון טרעבלינקעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערס, בלייבט ירושלים דער נשמה־באַגער, דער גאולה־אידעאַל פון יידישן גלות־לעבן.

קומען טראַגישע משיחים, נישט פאַלשע נאָר אמתע אָבער טראַגישע, און מוזן פאַרשווינדן.

דער דור איז נישט ראוי, עס פעלט דער תיקון פון אויבן, און אַנדערע משיחים זענען זיך מתגלה אויף זייער אָרט.

משיחים, משיחישע מנהגים און אויב מען וויל קען מען זיי אָנרופן מאָדערנע פּאָליטיקער, יידישע פּאָליטיקער, תמצית פון יידי־שער געשיכטע, וועלכע שפּאַנען דורך יידישע תקופות, דורך דורות, דורך יידישע יסורים, און שפּאַרן אָן אין בענקעניש, אין ירושלים.

ווער האָט שוין נישט געהאַט די כוונה צו אינטערנאַציאָנאַ־ליזירן ירושלים ?

מען האָט עס געוואָלט טון אין די צייטן פון שלמה המלך, מען האָט עס געוואָלט אין די צייטן פון חורבן און מען האָט עס געוואָלט צווישן איין חורבן און דעם צווייטן חורבן.

מען האָט נישט געהאַט קיין כוח צו אינטערנאַציאָנאַליזירן די חורבות פון שטאָט אין דער תקופה פון נבוכדנצר, אין דער תקופה פון די רוימער, בשעת דעם אויפגאַנג פון דער זון אין בית־לחם, אין דער צייט פון ביזאַנץ, אין דער צייט ווען עס האָבן געווילדעוועט די קנאים פון די קרייץ־פאָרער, בעת דער ממשלה פון מצרים און אין דער צייט פון דער טערקישער הפקר־ממשלה.

משונהדיק איז עס אַז גראַד איצט, ווען ירושלים ווערט געבויט און געפעסטיקט, ווען די קינדער קערן זיך אום פון אַ לאַנגביטערן גלות, ווען די גבורה פון טויזנטער יאָרן אַנטפּלעקט זיך אין דער גאַנצער שפּאַנונג, גראַד איצט פאַרמעסט זיך אַ וועלט אויף דער אינטערנאַציאָנאַליזאַציע פון דער קליינטשיקער וועלטל, וואָס איז די נשמה פון קליינטשיקן אין נע ונד געהאַרטעוועטן פאָלק.

כד

מעקט אויס ירושלים פון דער יידישער געשיכטע, און וואָס וועט פון ירושלים בלייבן פאַר דער גוישער געשיכטע.

מעקט אויס ירושלים אין איר ממשות און אין איר סימבאָליק, אין איר פראַכט און אין איר חורבן, אין איר נאַציאָנאַלן המשך, און וואָס וועט פון ירושלים בלייבן פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלער וועלט, וואָס וועט פון איר בלייבן אויף צו „אינטערנאַציאָנאַליזירן ?"

מעקט אויס ירושלים פון דער יידישער קדושה־אַטמאָספער, אַלס רו־אָרט פאַר דער שכינה, ווי די קאַנווע פון בית המקדש, און וואָס וועט דערפון בלייבן פאַר וועלטלעכקייט ?

דאָס וואָס דער רמב"ן האָט מיט אַזוי פיל כוונה און העכסטער אמונה דעקלאַרירט אין צוועלפטן יאָרהונדערט האָט דער לעגענדאַרער פאָלקס־סניגור ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעוו, מיט דער זעליקער דביקות און געטלעכער התלהבות איבערגעחזרט אין אַכצענטן יאָרהונדערט :

„כל זמן ישראל איז אין ארץ ישראל איז פאַראַן אַ ישוב. אין דעם מאָמענט אָבער, ווען ישראל איז געגאַנגען אין גלות איז ארץ ישראל געבליבן אַ מדבר.

פון דעם זאָגט דער בערדיטשעווער, איז געדרונגען אַז ארץ

ישראל געהערט צו ישראל און אַז עס קען דאָרט זיין אַ ישוב נאָר דורך ישראל און מיט ישראל.

און צוליב דעם — זאָגט דער בערדיטשעווער — זענען מיר זיכער אַז ירושלים וועט אייביק געהערן צו ישראל".

און וואָס דער רמב"ן און דער בערדיטשעווער האָבן פאַרנו־מען מיט דער הייליקער תמימות פון בטחון און צדקות האָט פּראַק־לאַמירט מיט אַ העכערער זיכערקייט פון משיחישער וויזיע — אונ־דזער גרויסער בנימין הערצל.

נאָך זיין ניט גאָר געראַטענעם צוזאַמענטרעף מיטן דייטשן קיסר אין ירושלים, שרייבט ער:

„מחוץ פון דעם יידישן פאָלק איז ניטאָ קיין כוח וועלכער קען האָבן דעם ווילן און די מעגלעכקייט צו ברענגען אַזעלכע קרבנות פאַר דער אויפלעבונג פון ארץ ישראל.

קיין מאַכט קען פון אונדז ניט אַרויסכאַפּן אונדזער לאַנד. קיין מאַכט וועט אונדזער לאַנד ניט אַוועקנעמען. עס איז ניטאָ קיין קראַפט וואָס זאָל זיין ביכולת צונויפצונעמען צוליב דעם מענטש־לעכע כוחות מיט דער פעאיקייט פון דער נייטיקער מסירות".

רמב"ן — בערדיטשעווער — הערצל, —

צו קען זיין באַשיינפערלעכער אַנטפּלעקן די באַשערונג פון דער השגחה אין אייביקן המשך פון יידיש געשיכטע?!"

ווי אַמאָל — איז אויך היינט ירושלים די נשמה פון מדינת ישראל און פון ישראל. מדינת ישראל ווערט באַפעלקערט פון מי־ליאָנען, און ירושלים ווערט אַן אַנטפּלעקונג פון אַ מעכטיקן יידי־שן ישוב.

יוסף פלאַוויוס האָט געזאָגט אַ רבנן קדיש נאָך ירושלים.

ירושלים איז געבליבן ירושלים.

די חכמי ה"אונ׳ ווילן ירושלים אינטערנאַציאָנאַליזירן.

ירושלים וועט בלייבן ירושלים.

נישט נאָר ירושלים איז דורכגענומען מיטן ציטער פון דער וועלט־געשיכטע, נאָר דער גאַנצער יידישער מהות, אַפילו דער יידי־שער גלות איז פלייש און בלוט פון אייביקן, אוניווערזאַלן געשעען

די וועלט, די אינטערנאַציאָנאַלע וועלט, האָט געגוג טעמים מורא צו האָבן פאַר חטא הקדמון כלפּי די יידן.

ווען עס איז אָפּהענגיק נאָר פון די אומות לעבט נאָך היינט אַפילו די נאַצי־חיה היטלער ווען ער ווערט נאָר נישט אַזוי מטורף און וויל נישט מיט אַמאָל אַראָפּשלינגען לאָנדאָן און פּאַריז, וואַרשע און מאָסקווע, נאָר בלייבט חיהש נחתדיק ביי טרעבלינקע און אַשוויענצים.

זיי ווערן דאָך נאָך היינט געהאָדעוועט די היטלער־ברואים, גענוג פון דעם מין שפּאַנט דורך דער מענטשהייט־וועלט אין פריי־הייט און געלוסט און אָטעמט און נישטערט און איז פאַרכלינעט מיטן אַראָמאַט פון מענטשן־בלוט, פון בעסטיאַלן רויב.

אָבער משונהדיק ווי עס איז, דווקא ירושלים גיט נישט קיין רו און עגבערט דעם מוח פון די חכמי האומות.

אַזוי ווי אונדזערע חכמים אין די צייטן פון די תנאים און אמוראים אין נהרדעא און פומפּדיתא האָבן זיך איצט פאַרמאָס־טן אויף דער מתיכתא פון ירושלים די „חכמי ה״אונ׳, אין דעם בית המדרש פון לייק סוקסעס און אין די קלויזן וועלכע די „אונ״ שטעלט אַוועק אין די אַנדערע לענדער.

דערווייל זענען אַרויסגעקומען אין דער וועלט די ראשי פּר־קים, נאָר די אַלגעמיינע אַקאָרדן פון דער האַרבער סוגיא, וועלכע האָט אויפגעטון דעם „חידוש״ אַז ירושלים איז הייליק און אַז דאָרט מוז הערשן דעם מלאך פון שלום, פון אחדות, צווישן אַלע אומות פון דער וועלט, צווישן סאָוועט רוסלאַנד, אַמעריקע, ענג־לאַנד און פראַנקרייך.

אַזוי ווי אין בערלין למשל.

מיר וועלן מסתמא באַלד האָבן פאַר אונדז די גאַנצע מתיכתא מיט אַלע דיקדוקים און פּרטים. מיר וועלן אָבער נאָר שוער באַ־קומען אַ השגה פון דעם וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פּאָליטיש, הינטערן פּרוכת פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן קדושה־וויכוח.

דאָס וועט בלייבן פאַרן גרויסן עולם אַ סוד.

אַ סוד אָבער פאַר די אומות איז אויך די עובדה אַז ירושלים איז פינף טויזנט־יעריקער יידישער לעבנס־אָטעם, צוויי טויזנט־

יעריקער יידישער לעבנס־ אַנשפּאַר, אין אַ ביטערן נע ונד.

וויל מען דאָס אינטערנאַציאָנאַליזירן ? קען מען דאָס אינ־טערנאַציאָנאַליזירן ?

אונדזער תלמוד לאָזט נישט דורך קיין איין צייכן, קיין איין אות, קיין איין שטריך פון סוגיות און פון שיטהס וואָס פאַרהאַר־טעווען זיך אין אַ הלכה אָדער אַנטפּלעקן זיך אין מוסר און דינים.

אַרום אַ קורצער משנה שפּילט זיך פונאַנדער אַ גרויסע, די־קע גמרא, מיט פּירושים און פּירושים אויף פּירושים.

אַלץ איז הייליק, אַלץ מוז די וועלט וויסן, אַלץ מוז אויסגע־טייטשט און אינטערפּרעטירט ווערן.

פון דעם וואָס מען האָט געדרשנט און געדיפּלאָמאַטעוועט אין די קולואַרן פון לייק סוקסעס, אין די וועסטיבולן פון די גרויסע און קליינע מלוכות, פון וואַטיקאַן און פון קרעמלין, וועט מסתמא פאַרבלייבן נישט מער ווי אַ פאַרזשאַוועטער און פאַרשימלטער אַרכיוו פאַר די קומענדיקע דורות.

די היינטיקע וועלט, אירע פּאָליטיקער און חכמים און אפשר אַפילו מאַנכעכ פון אונדזערע פּאָליטיקער און חכמים וועלן אַמאָל לערנען די מתיכתא און וועלן אַרויסדרינגען דעם תמצית און דעם יסוד פון דעם וויכוח.

זיי וועלן קומען צו אַ משונהדיקער מסקנה :

כלומרשט האָט די ריינע אַלוועלטלעכע מענטשהייט דער הייליקער אינטערנאַציאָנאַלער גייסט, אין טיפסטן צער אויסגע־וויטיקט, אויסגעגאַרט אין אַ שטאָט הימלישע הייליקטימער און האָבן דערמיט געהייליקט די שטאָט וואָס מען רופט ירושלים.

די „נישט־גלויביקע" יידן ר"ל האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט מיט אירע הייליקטימער, מיט כוח, מיט געוואַלד.

זיי שאַפן דאָרט קאָנפליקטן און מלחמות, זיי פאַרשוועכן די קדושה פון דער כלל־מענטשלעכער שאַפונג, און מאַכן אַ תל פון הייליקער פּראַכט און שיינקייט.

דאָס קען פאַר דער וועלט זיין דער לאָגישער אויספיר פון דעם ספר ירושלים ווי ער ווערט געשריבן און גערעדט אין לייק סוקסעס.

דאָס וועט מען אינפילטרירן אין די שולן און אין די אַקאַ־דעמיעס, און דאָס וועט מען פֿאַלסיפיצירן פאַר אַ גאַנצער וועלט, מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן ציניזם און אַן אינטערנאַציאָנאַליזיר־טער בושה.

טאָר מען נישט מיד ווערן איבערצוחזרן דעם אַלף־בית פון מענטשלעכער ציוויליזאַציע אין בילדונג, דאָס וואָס עס שטייט גע־שריבן אין דער תורה, אין די נביאים, אין די מגילות, אין די ביכער פון חורבן און אין די תפילות און ספרים נאָכן חורבן.

אוודאי האָבן די אומות אַ שטאַרקן קאָנטאַקט מיט דער שטאָט ירושלים.

אוודאי האָבן זיי עס.

אין משך פון דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע האָבן יידן ירושלים געבויט און זיי האָבן דאָרט געמאַכט אַ חורבן. יידן האָבן פונדאַסניי געבויט און זיי האָבן פונדאַסניי געמאַכט אַ חורבן.

אין אַ משך פון אַ ווילדן באַרבאַרישן מיטלאַלטער האָבן אונ־דזערע אבות „געפּילגערט", געוואַנדערט און געוואַנדלט קיין ירו־שלים דורך מדבריות, דורך ימים, אין קאַמף מיט ווילדע שבטים, מיט קאַניבאַלן, און זיי, די הייליקע פון די אומות, זענען געקומען קיין ירושלים און האָבן אונדז דאָרטן אויסגעהרגעט וויפיל זיי האָבן נאָר געקענט און האָבן אונדזער שארית פון דאָרטן פאַרטריבן.

מיר זענען געקומען פונדאַסניי און אַלץ ווידער פונדאַסניי, און אַלץ פונדאַסניי האָט מען פאַרגאָסן אונדזער בלוט, האָט מען געשלאָסן און חרוב געמאַכט אונדזערע בתי מדרשים און אונדזערע היימען.

מיר האָבן געבויט, מיט אונדזער בלוט; מיטן לעבן פון אונ־דזערע זיידעס, טאַטעס און קינדער האָבן מיר געבויט. מיר האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער טרוקענער און שווערער ערד, זיך אַרייַנ־געביסן אין די האַרטע פעלדזן און מיר האָבן זיך באַהעפט מיט דער קדושה פון שטאָט, פון ירושלים.

איצט אָבער קומען זיי מיט אַ כלומרשט שפּאָגל נייער מתיכתא, מיט אַ שפּאָגל נייער גמרא, מיט שפּאָגל נייע וויכוחים.

עס גייט זיי אין ירושלים.

* * *

אפשר האָבן רעכט אונדזערע מנהיגים און דיפּלאָמאַטן וועל־כע זענען אפנים איבערצייגט אַז אין לייק סוקסעס פאַרשטייט מען נאָר דעם לשון פון פּאָליטיק און סטראַטעגיע, אפשר מוז מען אויך קדושה און יראת שמים גיסן אין אַ שאַבלאָן, אין פורם, אין אַ מאָדערנער דיפּלאָמאַטיע...

דאָס האָט מען אוודאי אויסגעשעפּט.

עס האָבן נישט געפעלט קיין דעקלאַראַציעס, דעקלאַמאַציעס און סברות.

אָוועקשטעלן דראַסטיש, לעבעדיק, די גאַנצע דינאַמיק פון אַ פינף טויזנט־יעריקן פּראָצעס לויט דעם יידישן אלף בית, פון בראשית, פון אנוכי ה׳ אלוהיך ביז צום אידעאַל פון „אחרית הימים״, איז נישט דער עסק פון פּראָפעסיאָנעלע, שאַבלאָנע פּאָ־ליטיקער.

עס איז לייכטער צו בילדן אַ קערפּערשאַפט פון מלוכהשע מנהיגים, הגם מיר האָבן זינט טויזנטער יאָרן נישט געהאַט נישט קיין מלוכה און נישט קיין מיניסטאָרן, איידער אַ סנהדרין פון לומדים און תלמידי חכמים, וועלכע שעפּן פונעם ערשטן מקור און פון דער אינטואיטיווער ירושלים־היסטאָריע אין איר גאַנצער סימ־באָליק, אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען און גילגולים.

עס קען אָבער אויך זיין אַז דער וואַטיקאַן האָט דערוויל אין לייק סוקסעס מנצח געווען ווייל ער האָט קלוג און רוטינער מאַני־פּולירט מיט הייליקע אנציקליקעס, מיט שבועות און גזר־דינים און בכוונה מיט ווינציק פּאָליטישע פאָרמולעס.

דאָס איז דאָך דער פשט פון דער וואַטיקאַן־פּראָקלאַמאַציע אַז ירושלים איז נישט קיין פּראַגע פון פּאָליטיק נאָר פון יוריספּרו־דענץ, ד. ה. פון קאַנאָנישן רעכט.

האָט זיך קובאַ נישט געקענט איינהאַלטן:

„ירושלים איז אַ שטיק הימל״, טענהט דער דעלעגאַט פון קובאַ, און אין דער שאַפונג פון הימל איז דאָך קובאַ אוודאי באַ־טייליקט.

אַן אַנדער מלוכה איז זיך סומך אויף איר פּאָסטולאַט וועגן אינטערנאַציאָנאַליזאַציע אויף „רעליגיעזע געפילן".

עס קען זיין אַז פאַר די קירכלעכע שומרים איז דאָס נאָר צוליב דעם אַזוי לייכט און פשוט, ווייל מיר יידן שטעלן אַוועק ווערכטער מיט איינגעהזרטן טאַקט און אויסגעלערנטע דיפּלאָמאַטיע וואָס דיקטירט אַז מען זאָל זיך נישט באַנוצן מיט קדושה־מקור, מיט דער תורה פון אונדזער אייגענעם געשיכטלעכן לעבן, מיט דעם שטייגער פון אונדזער מסורה, וועלכע קאָנדענסירט יידיש־קייט און סטימולירט יידישע אייביקייט.

מען מוז נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל פאַר זיך אַליין און פאַר דער גאַנצער וועלט דעמאָנסטרירן אַז די „אינטערנאַציאָנאַלע הייליקטימער" האָבן נאָר געקענט געבוירן ווערן אין אַ שטאָט וואָס איז שוין פריער געוועזן געהייליקט.

זינט טויזנטער יאָרן...

זאָל מען זיך אַריינטון אין די מקורות וועלכע געפינען זיך אין אשור און אין בבל, זאָל מען לייענען גריכישע און רוימישע כראָניקער, זאָל מען לערנען יידישע געשיכטע און קודם כל זאָל מען זיך פאַרטיפן אין יידישע לעבנס־פאַרמען, אין יידישן שטייגער, אין יידישער מיסטיק, אין המשך פון טויזנטער יאָרן און מען וועט באַנעמען, אַז נאָר פון אַן אַטמאָספער וועלכע האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַ בית המקדש מיט דער הייליקער עבודה, מיט כהנים און לויים, מיט שירה און זימרה האָט געקענט אַריבערשטראָמען קדושה און גערעכטיקייט אין דער וועלט.

נאָר אין דעם קאַמף קעגן געצעס און געצקעס איז פאַר דער וועלט אויפגעשטאַנען אַ גאָט, און נאָר אין דער רעזיסטענץ קעגן בלוטיקע רציחה און מלחמה־תאווה מצד אדום, אשור, בבל, פרס, גריכן און רוימער האָט זיך געקענט דערהויבן אַ פאַן פון שלום, פון „גר זאב עם כבש", פאַר דער גאַנצער וועלט.

יידן האָבן נישט געפירט קיין מלחמה פאַר דער דעראָבערונג פון פרעמדע לענדער און פאַר דער אונטעריאָכונג פון פרעמדע פעלקער.

דוד המלך האָט נישט געהאַט דעם זכות צו בויען דעם בית המקדש צוליב די מלחמות וואָס ער האָט געפירט.

די שטיינער פון בית המקדש האָבן נישט געטאָרט זיין צו־געשניטן און געשליפן דורך אינסטרומענטן, וועלכע האָבן געפונען פאַרווענדונג אין קריג.

נאָר אין דער פאַרטיידיקונג זענען יידן געווען און געבליבן גבורים מומחים.

דעם רמב״מס מיינונג אַז יידן האָבן צופיל זיך אָפּגעגעבן מיט „מעשה מרכבה״, מיט שטערן־זעעריי און מיט ספרים וועגן הימלישע ענינים, און אַז זיי האָבן זיך נישט ספּעציאַליזירט אין אָקופּאַציע און מלחמה, און אַז צוליב דעם האָבן זיי אָנגעוואוירן „זייער מלכות״, האָט פאַרנעם און איז מלוכישע אָריענטאַציע. דערמיט אָבער האָט דער רמב״ם נאָר אַרויסגעזאָגט מלוכישע גע־דאַנקען. דאָס ענדערט גאָרנישט נאָר אדרבה, באַפעסטיקט אונדז נאָך אין דער זיכערקייט, אַז מלחמה פאַר זיך איז פאַר יידן אַלע מאָל געווען קעגן געטלעכקייט און קעגן מענטשלעכקייט.

מער ווי מלחמה האָט זיך דער יידישער הערויזם מאַני־פעסטירט אין דער האַרטנעקיקייט צו בלייבן פאַרבונדן מיטן יידי־שן קדושה־מקור, מיט ירושלים אין געפיל, אין געדאַנק און אין לעבן.

די קייט קאָוועט זיך פון דעם חורבן און זי קייטלט אַריין תקופות און דורות ביז אויף אונדזערע צייטן. תנאים און אמוראים, קאַראַימער און רבנים, חסידים און פרושים, גאונים און צדיקים, זענען רינגעלעך פון המשך־ירושלים.

פון הלל הזקן, רבי יהודה הלוי, דעם רמב״ם און רמב״ן, איבער עובדיה פון ברטנורא, איבער די עליה פון חסידים און פרו־שים ביז צו די מאָדערנע עליות און די עליות פון מעפּילים און פון „עקסאָדוס״ פון אונדזער דור, איז מען געגאַנגען באַוואוסט אויף מסירת נפש, אויף קידוש השם צוליב ארץ־ישראל און ירושלים.

ירושלים איז און בלייבט:

דער רוח הקודש פון מדינת ישראל און פון ישראל.

נישטאָ קיין מדינת ישראל אויב נישט אויף דער קאַנווע פון תורה־ישראל, און נישטאָ קיין תורה אָן ישראל און אָן דער שכינה פון ישראל.

די שכינה איז אין גלות ווי די תורה און דאָס פאָלק, און זיי גאַרן נאָך גאולה, נאָך אמתן מקור.

„וקבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ,
והבאנו לציון עירך ברינה. ולירושלים בית מקדשך״...
פריער קיבוץ גלויות און דעמאָלט
והשב שכינתך לציון עירך...

רעגיסטער פון נעמען

א

אבדולאַ, זייטן: 264, 270
אבן תיבון רבי שמואל, זייט 62
אדריאנוס, זייטן: 19, 42, 48
אהרון יהודית ג״, זייט 291
אוסישקין, זייטן: 173, 183, 184, 190, 196, 197, 204, 222, 230, 249, 266.
אויסביוס, זייט 43
אורה, זייט 295
אחד־העם, זייטן: 158, 159, 160, 162, 164, 170, 171, 173, 175, 202, 204, 205, 219, 252, 266.
אידוקיה, זייט 45
אייבשיץ רבי יהונתן, זייטן: 15, 100, 101, 102, 144
אייזענשטיין, זייט 12
אייזענבערג, זייט 141
איתמר בן יהודה, זייט 149, 240.
איילענבורג, זייט 164
איינשטיין, זייט 241
אלעסקער ט., זייט 8
אל רואי דוד, זייט 58
אלחריזי יהודה, זייט 58
אלשיך, זייט 75, 208
אַלעקסנדער, זייט 254
אלענבי, זייטן: 231, 232
אלקומסי דניאל בן משה, זייט 52.
אַנטיוכוס, זייט 30.
אנטיוכוס עפיפאַנוס, זייטן: 304, 305.
אספאסיאַנוס, זייט 30
אַסקוויט, זייטן: 218, 222
אר״י הקודש, זייט 210
אַריסטאָטעלעס, זייט 73
אשי רבי, זייט 301
אַרלאָזאָראָוו, זייט: 252, 258, 259, 260.
אשכנזי ־ דוריא רבי יצחק, זייט 75.
אשער דר., זייט 130

ב

באַלפור, זייטן: 12, 199, 200, 201, 202, 212, 213, 214, 219, 221, 223, 224, 228, 229, 230, 231, 233, 241, 242, 244, 245, 248, 254, 255, 256, 267, 269, 283.
בארוכאָוויטש, זייט 153

בועז, זייט 175
בויער פריץ, זייט 271
בוליאן, זייט 57
בולס גענערל, זייט 239
בחיי רבינו בן אשר, זייט 211
ביאַליק, זייטן: 252, 266
ביקאָנספעלד, זייטן: 198, 242
בן־גוריון, זייט: 141, 182, 193, 283.
בן יהודה, זייטן: 116, 117, 129, 144, 147, 148, 149, 151, 152, 214, 252.
בן ירוחם סרלאמאן, זייטן: 51, 89.
בן עזרא ר׳ אברהם, זייט 63
בן פרוך, זייט 86
בן צבי יצחק, 143
בן מאיר, זייט 52
בעלקינד, זייטן: 151, 182
בעל שם טוב רבי ישראל, זייטן: 105, 106, 107.
בעל תניא, זייט 17
בערדיטשעווער רבי לוי יצחק, זייטן: 17, 309, 310.
בק רבי שמשון, זייט 80
בראסלאַווער רבי נחמן, זייטן: 106, 107, 111, 169.
בר־זומא, זייטן: 44, 45
ברטנורא, זייטן: 71, 73, 74, 75, 80, 100, 255, 316.
בר־כוכבא, זייט 43, 306
בעווין, זייטן: 265, 269

ג

גאמפּעל־באַנערמאַן, זייט 225
גאר ארמסבי, זייט 230
גאָרדאָן, זייטן: 141, 185
גונאַד, זייט 176
גיורא בןשמעון, זייטן: 32, 35
גלאָוב פּאַשאַ, זייטן: 278, 287, 288.
גליקסמאַן מ. י. דר. זייט 240
געסער קאַרל, זייט 150
גראַזאָווסקי, יהודה, זייט 221
גרויסמאַן דוד, זייט 8
גרעץ, זייטן: 14, 122, 125, 126, 127, 128, 129, 130, 131, 132, 133, 136, 137, 144, 265.
גרשון רבי אברהם, זייט 106

ד

דבורה, זייטן: 151, 152
דוביניי פליבי, זייט 251
דובנאָוו, זייטן: 122, 265
דובנאָוו זאב, זייט 151
דוד, זייטן: 9, 11, 101
דוד המלך, זייטן: 30, 121, 231, 316.
דודס גענעראַל, זייט 231
דיזענגאָף, זייט 141
דינענבורג, זייטן: 111, 143
דירנבורג בן־ציון, זייט 15
דמונטניא רבי יוסף, זייט 70
דרייפוס, זייט 242

ה

האַנטקע, זייט 184
הוסייני אלמין אל, זייט 239
הורדוס, זייט 30, 243, 250
הורודעצקי, זייט 106
הורוויץ בר אברהם רבי ישעיהו זייטן: 75, 81.
החסיד רבי יהודה זייטן: 61, 92, 93, 94, 95, 96, 97,

101, 222, 249, 249, 250,
258, 266.
היטלער, זייטן: 21, 38, 178,
179, 195, 257, 258, 259,
261.
הילל הזקן, זייטן: 60, 316
הכהן בן דוד רבי יהונתן, ז. 62
הכהן בן הלל מרדכי, זייט 10
הלוי, זייט 176
הלוי יהודה, זייטן: 63, 100,
161, 162, 168, 169, 193,
196, 255, 316.
העס, זייטן: 17, 125, 126,
136, 137, 195, 209, 211,
254.
הערצל, זייטן: 17, 119, 137,
144, 159, 162, 163, 164,
165, 166, 170, 171, 173,
175, 176, 177, 178, 179,
180, 181, 182, 183, 184,
185, 187, 188, 189, 190,
191, 197, 198, 199, 200,
202, 203, 205, 207, 214,
216, 217, 242, 248, 254,
256, 310.
הערץ אליזא, זייט 125
הערצקע, זייט 173
העסלס אייזיק ,זייטן: 185,
186.
הערץ הרב, זייט 265

ו

וואַגנער, זייט 176
וואָלפסאָן, זייטן: 137, 177,
178, 180, 181, 182, 183,
184, 185, 186, 187, 188,
189, 190, 191, 197, 198.
וואן דייק, זייט 234
וואקאפּ, זייטן: 223,258,259,
260.
ווארבורג, זייט 184
וויטאל רבי חיים, זייט 210
וויטעבסקער רבי מנחם מענדל,
זייטן: 107, 136.
ווייזעל, זייט 17
ווילנער גאון, זייט 17
ווינגאַרט גענעראַל, זייטן: 268
269.
ווייס י. אהרן סג״ל, זייט 16
ווייצמאַן חיים דר., זייטן: 9,
60, 122, 123, 125, 137,
159, 164, 171, 177, 183,
184, 190, 196, 197, 198,
199, 200, 201, 202, 203,
204, 205, 206, 212, 213,
216, 217, 218, 219, 222,
223, 224, 225, 230, 241,
242, 243, 254, 255, 258,
260, 266.
ווערדי, זייט 176

ז

זיץ דניאל, זייט 230
זשאַבאָטינסקי, זייט 228

ח

חזן ראובן, זייט 295
חזקיהו, זייט 301
חלב יוחנן גוש, זייטן: 32, 35
חסאַן פּאַשאַ, זייט 86

ט

טאבענקין יוסף, זייט 276
טאַרקוועמאַדא, זייט 195
טודילא בנימין, זייט 51

טורנער לעאָ, זייטן: 275, 276
טיטוס, זייטן: 195, 280
טשורטשיל, זייט 198
טשורטשיל ווינסטאָן, ז. 198
טשלענאָוו יחיאל דר., זייטן:
179, 183, 184, 188, 190,
טשעמבערליין, זייט 266
טשערנאָוויטש שמואל, זייט:
143.

י

יאנקעלעך, זייט 294
יאסט, זייט 265
יהודה בר׳שלמה רבי, זייט 64
יהושפט, זייט 81, 250
יהודה, זייטן: 11, 24, 40, 67,
117, 152 153, 158.
יהויקים מלך, זייט 302
יוזעפוס, זייטן: 31, 33
יוסף בן מתתיהו (יאָזעפוס
זייט 263.
יזראַעלי, זייט 11
יכין, זייט 175
יכניה, זייט 302
יעבץ זאב, זייטן: 13, 144,
145.
יעלין אוטע: זייטן: 151, 152
יעלין דוד, זייטן: 110, 125,
143, 147, 149, 152.
יעלין יהושוע, 110, 144, 164,
150.
יעמש״ל בר׳דוד שמואל, זייט
89.
יעראָנימוס, זייט 43
יערי, זייטן, 12, 108
ירושלמי משה, זייט 90
ירמיהו, זייטן: 24, 25, 26
ישמעאל, זייטן: 48, 50
ישעיהו הנביא, זייט 301
ישראל, זייטן: 9, 20, 21, 22,
23, 24, 27, 30, 38, 39,
40, 61, 82, 90, 106, 107,
118, 146, 262, 173, 175,
178, 179, 196.

כ

כורש, זייטן: 227, 303
כמעלניצקי, זייטן: 91, 92

ל

לאַנדבורג, זייט 233
לטיף רבי יצחק, זייט 70
לואיס י. ב., זייט 113
לויד זשאָרדזש, זייטן: 202,
214, 218, 219, 225, 231.
לונץ, זייטן: 150, 209
לוצאַטאָ ר׳ משה חיים, זייטן:
15, 39.
לוריע רבי יצחק זייט 210
ליטוואַק דוד, זייט 189
ליליענבלום, זייטן: 116, 140,
147, 185.
למל־שול, זייטן: 124, 125
ליליענטאַל, זייט 17
לעוו אשר, זייט 126
לעוו גאטשאלק, זייט 126
לעווי דר., 147
לעווין שמריהו, זייט 183
לעווין מאַקסימאָ, זייט 8
לעוואנטין, זייט 140
לעניך, זייט 242
לעוועסאָן, זייט 185.

מ

מאַגנוס דר., זייט 268
מאַנטאַגא, זייטן: 130, 131, 132, 133.
מאָנטעפיאָרע, זייטן: 14, 61, 126, 131, 132, 136, 147, 254.
מאַטקעס, זייט 294
מאיר׳קעס, זייט 294
מאניי אַרטור גענעראַל, זייטן: 238, 243.
מאַפּו, זייט 185
מאַקדאָנאַלד, זייטן: 60, 266
מאַרוס טאָמאַס, זייט 173
מאַרשאַק בעני, זייטן: 275, 277, 278.
מדינת ישראל, זייטן: 17, 19
מוואלטירה רבי משולם, ז. 13
מוגרבו, זייט 80
מוראד סולטאַן, זייט 83
מינזבערג ישראל, זייט 195
מימון שלמה, זייט 185
מכמד פון פאַרוך, זייטן: 84, 123.
מגיר אמדון, זייט 48
מלך מנשה, זייט 301
מלכו צדק, זייט 30, 264
מלכו שלמה, זייטן: 78, 79
מנהיים רבי יהודה לייב, זייט 95.
מפרימישלאן רבי מענדל, זייטן 106, 107.
מענדעלסאָן יוסף, זייט 8
מענדעלסאָן משה, זייטן: 17, 101, 102.
מרדכיס, זייט 294
משה בן נחמן, רבי, זייטן: 64, 67.
משיח, זייטן: 9, 44, 57, 91, 92, 93, 94, 106, 158, 253.
משה רבינו, זייטן: 26, 27, 44, 155, 180, 200.
משיחים, זייט 57
מעק־מעלן גענעראַל, זייטן: 268, 269.

נ

נאַפּאָלעאָן, זייטן: 194, 195, 198.
נאַרדוי, זייטן: 183, 191, 228
נאַשאַשיבי, זייטן: 240, 270.
נבוזראדן, זייט 26
נבוכדנצר, זייטן: 24, 279,
נחמן, זייט 67
נוימאַן, זייטן: 14, 126, 127, 128, 131, 132, 133, 134, 136.
נעבי־בוסא, זייט 238
נעמיראָווער רבי נתן, זייט 107

ס

סאַלאַדין, זייט 58
סאַלאָמאָן, זייט 90
סאַמועל הערבערט, זייטן: 214, 216, 217, 218, 219, 221, 222, 223, 224, 225, 226, 227, 228, 237, 244, 245, 248, 249, 250, 258, 266.
סאלאנטער רבי ישראל, זייט: 185.
סטאָופּין, זייט 184
סטאָליאַר מרדכי, זייט 8
סימיאַטיטש רבי גדליהו, זייט 97, 256.

סייק־פיקל, זייט 241
סטאָרס, זייטן: 229, 230, 231, 232, 233, 234, 235, 237, 238, 239, 240, 241, 242, 243, 244, 245, 246, 248, 249, 250, 251, 252, 266.
סלינין משה דר., זייט 8
סייקס, זייטען: 230, 232.
סנבלטן, זייט 304.
סעסיל, זייט 230
סקאָט, זייט 218.

ע

עדינה, זייטן: 290, 291, 292.
עוזי, זייט 277.
עזראל, זייט 190
עמדין רבי יעקב, 17, 94, 100, 103, 144.
עמנואל, זייט 294.
עסטי, זייט 295.
ערליך פּראָפעסאָר, זייטן: 205, 206.

פּ

פּאַשאַ מוסא קאזיס, 240
פּאַלמערסטאָן, זייט 132, 198, 230.
פּאספּעאוס, זייט 30
פּינעס בן יהודה, זייטן 150, 151, 152.
פּינעס יחיאל מיכל, זייט: 116, 141, 144, 147, 149, 150.
פּינסקער, זייטן: 17, 137, 158, 160, 258, 259.
פּירוס דיגאָ, זייט 78
פּרעגער רבי יהונתן, זייט 17

פ

פין דזשיימס, זייט 128.
פיינגערש צ., זייט 8
פירושא רבי ישראל, זייטן: 79, 80.
פלאָוויוס יוסף, זייטן: 29, 30, 31, 32, 34, 35, 305, 310
פרומקין, זייטן: 122, 149.
פרידריך יוסף, זייט 102
פרישמאַן, זייט 184
פרענקעלא. א. דג., זייטן 124, 125.

צ

צאברעס, זייט 294
צבי שבתי, זייטן: 92, 94, 96, 97, 102
ציון, זייט 81
צלח־א־דין, זייט 62

ק

קאוקאדזשי פאוזי, זייט 271
קאָנסטאַנטין, זייטן: 19, 43, 212.
קאסיוס דיא גענעראַל, זייטן: 33, 34.
קאַמפּעל־באַנערמאַן, זייט 225
קאַפּלאַן יצחק, זייט 8
קאַצענעלסאָן, זייטן: 140, 142
קאַצענעלסאָן אבראַם, ז. 143
קאַרו רבי יוסף, זייטן: 75, 78, 79, 81.
קאַרל דעם ערשטן זון, ז., 234
קונינגהאַם, זייט 278
קוק הרב, זייטן: 249, 266

קלעיטאָן, זייטן: 230, 231,
237, 241, 243.
קערסן, זייט 228
קריי־היל פרוי, זייט 216
קריסטיאַנאָ פּאַבלאָ, זייט 64

ר

ראובני דוד, זייט 78
ראָטנער זייט 141
ראָטשילד באַראָן, זייטן: 126,
136, 180, 184, 190, 205,
214, 233, 254.
ראָטשילד דזשיימס, זייט 230
ראָזענוואַלד, זייט 254
רבי יהודה, זייט 95
רבי יוחנן, זייט 41
רבי מוסי, זייט 52
רובאַשאָוו (שזר) זייט 78
רובינשטיין, זייט 176
רויגי אברהם, זייטן: 13, 97,
98.
רחל, זייט 26
ריטשמאַנד, זייט 235
רילף דר., זייט 187
רמב"ן, זייטן: 61, 64, 67, 68,
71, 72, 100, 123, 143,
255, 309, 310, 316.
רמב"ם, זייטן: 58, 62, 64,
73, 316.
רמז דוד, זייט 143
רענאַן ערנסט, זייט 265

ש

שאַפּירא פּראָפעסאָר, זייטן:
185, 205.
שובערט ג. ה., זייט 133
שומאַן, זייט 176
שולאל רבי יצחק הכהן, זייט
78.
שלום עליכם, זייט 176
שוסהיים א. ל., זייט 8
שטרוהס, זייט 184
של"ה, זייטן: 61, 143, 281
שלמה, זייט 9
שלמה בן יהודה רבי, זייטן:
50, 54, 56.
שלמה המלך, זייטן: 25, 118,
173, 175, 194, 236, 243,
300, 307.
שמואל הנביא, זייט 278
שניאור זלמן רבי, זייטן: 107,
112.
שעפּסבערי, זייט 132
שערטאָק יעקב, זייט 151
שפּרינצאַק יוסף, זייט 142
שעפּס־בורי, זייט 230
שקלאוו רבי מנחם־מענדל, זיי־
טן: 108, 109, 111, 114.
שקלאָווער רבי ישראל, זייטן:
108, 109, 114, 136.
שרה־רחל, זייטן: 151, 152

ת

תלמי, זייט 304

Este libro se terminó de imprimir el día 29 de noviembre de 1950, Año del Libertador General San Martín, en los Talleres Gráficos "Optimus", calle Valentín Gómez Nro. 2715 - 19, Buenos Aires, República Argentina.

☆